STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09793

DOS BUKH FUN VORTSLEN

Abraham Coralnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. א. קאַראַלניק

ווידערקלאַנגען
און
ווידערשפּרוכן

צווייטער טייל

פאַרלאַג „אחיספר“
ביי געז. „צענטראַל“
וואַרשע נאַוואָליפּקי. 7.

Copyright by Dr. A. Coralnik & S. Sreberk NEW-YORK 1928

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner, Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט:

		זייט
(1	די „קוואַדראַטנע שריפט”	5
(2	די פּאַפּירענע בריק	12
(3	דער ווייטערער קרייז	19
(4	צענטער אָדער געטאָ	25
(5	די נעכטן- און מאָרגן-יידן	30
(6	„אינדערהיים”	36
(7	טעאָלאָגישע פּעלץ-וואַשער	41
(8	דער זיפץ פון דער יידישער אינטעליגענץ	48
(9	די גענעראַל-רעפּעטיציע	55
(10	די ערד „נשיעה”	61
(11	„מזל-טוב”	68
(12	אָן יידן	74
(13	די גאַנצע נחמה	79
(14	טסע-טסע „און די יידישע אידעאַלן”	85
(15	כאיאט-נאַציאָנאַליזם	92
(16	די „קאָפּ-פּראַזע”	98
(17	דער קאָנגרעס ע”ה	103
(18	אַ קולטור — פּאַר אַ ליגע	110
(19	דער נייער אַנטיסעמיטיזם	118
(20	„זיגוראַט” און „סקייסקרייפּער”	126
(21	ברויט מיט ברויט	133

22) די יידישע זקנהקראַטיע 143
23) דער רב, וואָס איז מתיר 149
24) דוד לובען 156
25) די איינזאַמע שפּראַך 163
26) אויף דעם רמבמס קבר 171
27) די יונגע 179
28) די דריי און דרייסיק וואָרוויקס 185
29) די העגאָכס פון ציון 191
30) סער אַלפרעד מאָנד און הערבערט סעמועל . . 199
31) אַ בידאַפּעשטער דרייפוסיאַדע 207
32) דער זעקסטער טויט פון אַן אילוזיע . . . 213
33) מאַקס ריינהאַרדט און זיין כישוף . . . 221

ווידערקלאנגען
און
ווידערשפּרוכן
צווייטער טייל

די „קוואַדראַטנע שריפט״

איך ווייס נישט — עס קאָן זיין, אז איך האָב אַ טעות. עס איז מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז אַ געוווינהייט — אָבער מיר דוכט זיך, אַז פון אַלע שריפטן, פון אַלע צייכנס, וואָס גיבן איבער קלאַנגען, ווערטער, געדאַנקען — איז די יידישע שריפט איינע פון די גרינגסטע און קלאָרסטע. עס איז ביי מיר נאָך גאָר אַ גרויסער ספק, צי די לאַטייניש‍ע שריפט, וואָס דינט איצט אין דער גאַנצער וועלט פאַר אַ מוסטער פון קלאָרקייט און פשוטקייט, איז באמת בעסער, גרינגער און שענער, ווי די יידישע.

ווען עס איז אויסגעקומען אויף זיין לעבן זיך צו באַשעפטיקן מיט שפּראַכן און שריפטצייכנס, וועט מוזן מודה זיין, אַז אַ חוץ דער לאַטיינישער און גריכיש=סלאַווישער שריפט איז נישטאָ קיין איינע, וואָס זאָל זיין אַזוי „מאָדערן״ ווי גראָד די יידישע. מאָדערן — ד. ה. שפּאָרעוודיק אין צייכנס און פאָרט פעיק אויסצודריקן אַלע ניואַנסן פון דעם קלאַנג, מאָדערן — ד. ה. נישט צאַצקעדיק, נישט מעלאָדיש, נאָר קנאַפּ אין דער פאָרם און סטאַטיק.

נעמט, למשל, אין דער האַנט טעילאָרס בוך איבער די אלף=ביתן, בלעטערט אים דורך, קוקט זיך איין אין די פאַרשידענע שריפטן, וואָס זענען דאָרט געזאַמלט, און איר וועט פשוט פאַרגאַפט ווערן — ווי אומעקאָנאָמיש מענטשן זענען, ווי שווער זיי מאַכן זיך דעם וועג — צו פאַרשטיין דאָס געשריבענע וואָרט. איך רעד שוין נישט פון אַזאַ אלף=בית, ווי דער כינעזישער, וואָס איז אייגנטלעך אַ ווערטערבוך. מען מוז פאַרברענגען כמעט אַ לעבן, כדי אויסצולערנען זיך לייענען אַ כינעזיש בוך אָדער אַ צייטונג. אָבער אפילו די גרינגערע, די פשוטערע זענען אַזוי קאָמפּליצירט, אַז מען מוז אָנ-

שטרענגען דאָס אויג און דעם זכרון ביז מען איז מער אָדער ווייני־
קער פעסט אין דער „עברי". נעמט, למשל, אראַביש. א שפּראַך,
וואָס ווערט גערעדט פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן, א שריפט
וואָס ווערט באַנוצט פון דער גאַנצער מאַכמעדאַנישער וועלט, ד. ה.
פון א פּאָר הונדערט מיליאָן מענטשן — ווי שווער, ווי פּאַרציקלט,
ווי אומצוגענגלעך איז דאָס געשריבענע וואָרט. איר וועט געפינען
געלערנטע, וואָס קענען זייער גוט אַראַביש, פאַרשטייען דעם קאָראַן —
אָבער קאָנען פּאָרט נישט לייענען י ע ד ן אַראַבישן כתב. און אַזוי
אויך אַנדערע, אַפילו אייראָפּעישע שריפטן. אַזוי - אַרמעניש, גרוי־
זיש, געליש - אַלץ שפּראַכן, וואָס לעבן אויף, וואָס ווערן באַנייט,
וואָס ווילן אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער קולטור־וועלט.

און פונדעסטוועגן — איך האָב זעלטן געזען אַן אַרמעניער, א
גרוזין אָדער אַן אַראַבער, וואָס זאָל האָבן טענות צו זיין שריפט און שפּראַך,
וואָס זאָל זי אויסמיידן, וואָס זאָל זיך באַציען צו איר מיט ביטול — וואָס
זאָל זיך שעמען מיט איר.

איך האָב געקאָנט א סך אַרמעניער — נאַציאָנאַליסטן, פירער פון
רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. זיי זענען געווען אויסערלעך גאַנץ אַסימילירט,
רוסיש אַסימילירט. האָבן געהאַט רוסישע נעמען, גערעדט רוסיש אָן שום
אַקצענט, פאַרנומען אַן אָרט אין דער רוסישער געזעלשאַפט. אָבער זיי
זענען געבליבן אַרמעניער. צי זיי האָבן געלעבט אין דער קרים, צי אין
קאַווקאַז, אין אדעס אָדער מאָסקווע — זיי האָבן אַלע געהאַט איין ציל
און איין פאַרלאַנג: די אויפלעבונג פון אַרמעניע, און אין וואָס פאַר אַ
קולטור זיי האָבן נישט געלעבט — זיי האָבן געהאַט א טיפע צוגעבונדנ־
קייט צו זייער אייגענער, קוריאָזער, אַלטער, קליינשטעטלדיקער קולטור—
דער אַרמענישער.

יעדער פון זיי האָט עס געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרשטיין זיין
פאָלקסשפּראַך, נעמען אַן אַנטייל — ווי ווייט ער האָט געקאָנט — אין
דער ווייטערער פירונג פון זיין קולטור. און איר קאָנט זיכער זיין, אַז ווען
אַרמענישע אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים און סוחרים פלעגן זיך צונויפקומען,
כדי דורכצוריידן זיך וועגן די עסקים פון אַרמעניע און וועגן דער צוקונפט
פון זייער ווייטן, באַרגיקן לאַנד — האָבן זיי גערעדט צווישן זיך אַרמע־
ניש. זיי זענען געווען שטאָלץ אויף דעם ביסל אַרמענישע קולטור, וואָס
איז באַשאַפן געוואָרן — אין „גלות", למשל, אין דעם מעריטאַריסטן־

מאָנאַסטיר אין ווענעציע אָדער אַרום דער פּאַטריאַרך עטשמיאַזין אָדער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

און מײַנע ארמענישע פריינט האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס יידן, ווען זיי זענען צווישן זיך, יידישע נאַציאָנאַליסטן, פייערדיקע ציוניסטן א. אז. וו. רעדן צווישן זיך אַלע מעגלעכע שפּראַכן, אַ חוץ דער פאָלקסשפּראַך, פאַרוואָס זיי אינטערעסירן זיך אזוי ווייניק מיט די שאַפונגען פון דער יידישער קולטור.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס זיי צו ענטפערן — ווייל דעם אמתן ענטפער, וואָס איך וואָלט זיי געקאָנט געבן — וואָלטן זיי גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין. זיי וואָלטן געמיינט, אז דאָס איז אַ שפּאַס אָדער אַ בלבול.

ווען זיי וואָלטן בלויז געוווּסט, ווי ווייט דער יידישער ביטול צו זיך אַליין דערגייט! ווען די וועלט וואָלט מער געוווּסט פון אונדזערע „סודות" — זי וואָלט שוין פון לאַנג אויפגעהערט זיך צו רעכענען מיט אונדז! און דער גרעסטער „סוד" פון דעם יידן איז — וואָס ער וויל זיך אָפּשיידן פון זיך אַליין, אַזוי ווייט ווי מען לאָזט אים נאָר, אַז ער האָט עפּעס אַ פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס עס ווערט געשאַפן אין די טיפענישן פון דעם יידישן פאָלק, אז אפילו זייער נאַציאָנאַליזם און צוקונפטס-ווילן איז נישט מער, ווי אַן עכאָ פון אַמאָל, אַ אָפּקלאַנג פון אָפּגרונטן אָדער אַ ווידערקול, וואָס ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

ווען זיי וואָלטן געוווּסט, וואָס מיר ווייסן!

איטלעכס מאָל, ווען איך קום צונויף מיט ציוניסטן — מיט פיַרנדיקע אָדער געפּירטע, מיט מאַסנמענטשן אָדער די, וואָס שטייען שוין מער אָדער ווייניקער אין פראָנט — ווער איך פאַרוואונדערט. איך זע פאַר מיר מענטשן, וואָס רעדן פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט: ציון; מענטשן, וואָס גיבן אַוועק צייט און געלט און זייער גאַנצן „איך" פאַר דער שאַפונג פון אַ יידישער צוקונפט; מענטשן, וואָס שטייען, דוכט זיך, אינגאַנצן פון יענער זייט מויערן, האָבן נישט קיין שייכות צו דער קולטור אַרום זיי, זענען כמעט פרעמד אין דעם לאַנד, וו זיי וווינען — אַזוי שטאַרק און אויסשעפנדיק איז זייער יידישער אינטערעס — און פונדעסטוועגן זענען די אייגענע מענטשן אַבסאָלוט פרעמד צו דעם טיפסטן, וואָס דאָס יידנטום האָט אַרויסגע-

בראַכט — צו דער יידישער קולטור. צו דער אַלטער ווי צו דער, וואָס איז און האַלט אין ווערן.

איך קען ציוניסטישע פירער, וואָס שטייען שוין פינף און צוואַנציק, דרייסיק יאָר אין דער באַוועגונג — און האָבן זיך אַפילו נישט גענומען די צייט אויסצולערנען לייענען יידיש — אָדער העברעיש, האָבן נישט דעם מינדעסטן באַגריף פון דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן.

אויף איינער פון די ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען — אויף דער זיצונג פון אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פון אַ קבלת=פּנים פאַר ביאַליקן — איז אויפגעשטאַנען עפּעס אַ ייד פון אַ שטאָט לעבן ניו=יאָרק, אַן אַלטער ציוניסט, אַן אָנגעזעענער „טוער", און ער האָט אָנגעהייבן זיין רעדע — פאַרשטייט זיך, אין אַ שוידערלעכן, אומגראַמאַטיקאַלישן און ליטוויש=אַקצענטירטן ענגליש — בזה הלשון: „איך ווייס נישט, ווער דער דזשענטעלמען באַיעליק איז, איך האָב קיינמאָל נישט געלייענט זיין „פּאָטרי" — אָבער אונדזער חזן האָט געמאַכט „מיוזיק" אויף זיינעם אַ „סאָנג" און איך פאַרשטיי, אַז ער מוז זיין אָל=רייט". און דערפאַר שלאָגט ער פאָר, אַז מען זאָל אַרויסגיין אַנטקעגן „באַיעליקן" מיט ספרי=תורהס, אַז קינדער אין בלוי=ווייס און מיט בלומען זאָלן זינגען „העטיקוויי" א. אז. וו.

און דיזאָזיקע רעדע האָט אַפילו נישט געשטערט די „האַרמאָניע". אַ פּאָר ציוניסטן האָבן אַ שמייכל געטאָן. איינער אָדער אַ צווייטער האָט צוגעשושקעט אַ פּראָטעסט, אָבער דער רוב האָט צוגעשטימט. עס איז אַזוי אין דער אָרדענונג. עס איז דאָ „זייאָניזם" און עס איז דאָ „באַיעליק" — עס איז דאָ אַ יידישע באַוועגונג און עס איז פאַראַן א יידישע קולטור — וואָס האָבן דיביידע צו טאָן איינער מיטן צווייטן? ווו באַרירן זיי זיך?

„עט — וואָס ווילט איר, וואָס וווּנדערט איר זיך? ער קען נישט קיין העברעיש, ער לייענט נישט קיין יידיש! נו — און ענגליש קען ער? עס איז דאָך גלאַט עם-הארצות!"

ניין — עס איז נישט בלויז עם-הארצות. עס איז מער, עס איז ווייטער, עס איז טיפער. קוקט זיך איין אין די אַנדערע, די אַדוואָקאַטן, די דאָקטוירים, די רביים. זיי זענען שוין גאָרנישט קיין עם=הארצים. זיי קענען גוט ענגליש, זיי האָבן אפשר שעקספּירן אין זייערע שפּיקפינגער, זיי לייענען די מאָדערנע ענגלישע ליטעראַטור. אַ טייל פון

גײ קען גוט דײַטש — און שטאָלצירט דערמיט — זײ זענען, וואָס מען רופֿט, קולטור־מענטשן. און פֿונדעסטוועגן — פֿונדעסטוועגן!

אָט דערמאָן איך זיך אָן אַזאַ באַגעגעניש. איך טרעף זיך אַמאָל אין אַן אָוונט מיט אײנעם פֿון די באַקאַנטסטע ציוניסטישע טוער. נישט קײן פֿירער — װײַל תּמיד אין דער אָפּאָזיציע. אָבער אַזױ לאַנג אין דער אָפּאָזיציע, אַז ער איז שױן אַלײן אַ שטיק ציוניסטישע געשיכטע. פֿאַרבראַכט אַ גאַנץ לעבן אין אײן רעדן און טראַכטן און פּלאַנעװען און שרײַבן װעגן ציוניזם. ער האָט גאָרנישט קײן אַנדערע אינטערעסן אין לעבן. ער איז, אַזױ צו זאָגן, דער טיפּ פֿון אַן „ערבֿ־ײִדן", פֿון ד ע ם ײִדן.

„װאָס הערט זיך עפּעס אױף דער ײִדישער גאַס?" — פֿרעגט מיך דער היסטאָרישער ציוניסט. איך האָב לכתּחילה נישט פֿאַרשטאַנען זײַן פֿראַגע. איך האָב געמײנט, אַז ער װיל זיך אַרײַנלאָזן אין אַ דיסקוסיע װעגן די טיפֿסטע פּראָבן פֿון דעם ײִדישן לעבן. ער איז דאָך עפּעס אַן אַלטער, אַ געשיכטע־מאַכנדיקער, אַ באַרימטער ציוניסט! און איך הײב אָן — װי עס פֿירט זיך — פֿון מיטן. אָבער באַלד באַמערק איך, אַז איך רעד אין דער װעלט אַרײַן, אַז מײַן אַלטער ציוניסט פֿאַרשטײט נישט, װאָס איך רעד. און מיט אײנמאָל װערט מיר קלאָר, אַז ער װײסט באמת נישט, װאָס עס טוט זיך אין דער ײִדישער װעלט, מיט װאָס עס לעבט, פֿאַן װאָס עס רעדט די ײִדישע גאַס.

„איר מײנט צו זאָגן" — פֿרעג איך פֿאַרװוּנדערט: מיר רעדן, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אין אײנער פֿון די אײראָפּעישע „קולטור־שפּראַכן", — איר מײנט צו זאָגן, אַז איר לײענט גאָרנישט די ײִדישע פּרעסע?" — „נײן", ענטפֿערט ער. „און פֿאַרװאָס? אױב איך מעג פֿרעגן". — „דערפֿאַר, װאָס איך קאָן נישט לײענען די קוואַדראַטנע שריפֿט".

און מיטאַמאָל האָט זיך מיר אַנטפּלעקט דער גאַנצער מענטש, אָט דער אומפֿאַרשטענדלעכער „טוער". אָט דער אײביקער ציוניסט. מיטאַמאָל האָב איך פֿאַרשטאַנען אַלע זײַנע קאָמישע שטריכן, דעם שורש פֿון זײַנע גלאַט־אין־דער־װעלט־אַרײַן־פּלענער. ער האָט דרײַסיק יאָר געלעבט אין דער אַבסטראַקטער װעלט, אַ מין לופֿטלאָזער אַטמאָספֿערע, אָן אַן אינהאַלט, אָן אַ װירקלעכקײט, אָן אַ פֿאָלק, אָן אַ קולטור־סבֿיבֿה. אַ קאַלטע װעלט, אָן מענטשן, אַ װעלט, װאָס רופֿט

זיך יידיש און האָט גאָרנישט קיין שום שייכות צו דעם יידנטום און צו דעם יידישן מענטשן.

דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געטראָפן מיט יידן — איז ער געזעסן מיט זיי אויף אַסיפות, האָט געהערט יידישע וויצן, יידישע לידער, יידישע דרשות — דרייסיק געשלאָגענע יאָרן האָט ער געזעצן מיט זיינע אויגן די „קוואַדראַטנע" שריפט, און עס האָט זיך אפילו אויף איין רגע נישט דערוועקט דער ווונטש — צו וויסן, וואָס עס באַדייטן די דאָזיקע „קוואַדראַטנע" צייכנס.

קאָנט איר זיך אויסמאָלן אַן אַראַבער, אָדער אַן אַרמעניער, אָדער אַ כינעזער, וואָס זאָל זיין בלויז „טעאָרעטיש"? קאָנט איר זיך פאָרשטעלן אַן אַרמעניש, אָדער גרוזישן פּאָליטיקער, וואָס זאָל אפילו נישט וועלן פאַרשטיין די שפּראַך פון זיין פאָלק — האָבן די מעגלעכקייט צו לייענען, וואָס עס ווערט געשריבן פאַר און ביי זיין פאָלק?

אָבער ביי אונדז איז דאָס מעגלעך. נישט בלויז מעגלעך—נאָר אַ מעלה. וואָס ווייניקער שייכות - אַלץ מער דעה. וואָס ווייטער— אַלץ מער רעכט אויף נאָענטקייט און אויף פירערשאַפט.

„וואָס זשע האָט איר פאַר אַ באַציונג צום יידנטום? וואָס גייט אייך אָן פּאַלעסטינע, וואָס איז אייך העקובאַ? טאַקע נאָר אַ קאָלאָניזאַציע-פּלאַן? אַן אוטאָפּיע — אין דער וועלט אַריין? וואָס קערט איר זיך אָן מיט דעם גאַנצן ענין?"

דער היסטאָרישער ציוניסט האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרווונ=דערטע אויגן. עס האָט אים ביז אַהער, ווייזט אויס, קיינער נישט געשטעלט אַזאַ פראַגע. און ער אַליין — אַוודאי נישט. „מיינט איר טאַקע, אַז די גאַנצע חכמה און דאָס גאַנצע יידנטום ליגט אין דער קוואַדראַטנער שריפט? — „ניין, זיכער נישט. אָבער ווען אַ ייד, וואָס וויל זיין אַ ציוניסט, וואָס האַלט אין איין רעדן און דרשענען פון זייאָן אָדער ציאָן אָדער סיאָן א. אַז. וו. האָט אַזוי ווייניק רעספּעקט צום יידישן געדאַנק און צום יידישן וואָרט, אַז ער וויל נישט רעדן און נישט פאַרשטיין די פאָלקשפּראַך, אָדער קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף אַלצדינג, וואָס די יידישע לעבעדיקע ווירקלעכקייט שאַפט, אָדער באַטראַכט די גאַנצע יידישע קולטור פאַר אַ „קוואַדראַטנע", וואָס פּאַסט נישט צו אים און זיין באַגריף פון פאָרם, אויב דאָס איז זיין גאַנצע

באַציונג צו די יסודות — וואָס פאר אַן אינטערעס האָט ער פאַר די ווענט ?״

מיר זענען זיך צעגאַנגען — אומצופרידן, פאַרפרעמדט און וואונדערנדיק זיך איינער איבער דעם צווייטן — דער היסטאָרישער ציוניסט און איך. צווישן אונדז ביידן האָט זיך געשטעלט אַ גראַניט-בלאָק, די „קוואַדראַטנע שריפט״. די אותיות האָבן אין זיך אַ סוד פון א מאַגישער קראַפט. עס איז אין זיי נישט בלויז „טרערן און געוויין״ — נאָר אויך שמייכל און איראָניע — נאָר אויך די טיפע שטימונג פון דעם יידישן פאָלק.

און אפשר איז דאָס טאַקע איינער פון די מאָטיוון, פאַרוואָס אַזויפיל „היסטאָרישע ציוניסטן״ שטייען אַזוי וויט און פרעמד צום יידישן פאָלק ?

צווישן זיי און אים שטייט די קוואַדראַטנע שריפט — די מחיצה פון וואָרט און צייכן — שטאַרקער ווי אַ מחיצה פון האָלץ און שטיין.

די פאפירענע בריק.

עס ווייזט אויס, אַז „פרומע ווונטשן" העלפן נישט. מען אי וואס מען איז. און העכער פון דעם אייגענעם קאָפּ קאָן קיינער נישט שפרינגען.

ווען איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל, האב איך אויף דער גרענעץ — אויף דער סטאַנציע קאַנטאַרא — ביים סועץ־קאַנאַל, איז בערגעלייענט אַ מין באַגריסונגס־ארטיקל אין דעם תל־אביבער „הארץ" אַ דערוואַרעמענדיקער גרוס — און אַ פרום ווינטשעניש. „יהי רצון" — אַז איך, וואס איך בין בטבע אַ „סקעפּטיקער", זאָל אין ארץ־ישראל געפינען דעם גלויבן" — זאָל אויסגעהיילט ווערן פון דער קראַנקהייט פון צווייפלען.

אָבער, הפּנים, אפילו ארץ־ישראל קאָן נישט אויסהיילן. די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט — אפשר — קליגער, — אזוי האט מען עס אַמאָל געזאָגט. — אָבער אויסלייזן פון אלע פראַגן, פאַרענטפערן אַלע קשיות, מאַכן די נשמה גאַנץ, קיילעכדיק און זעלבסטצופרידן — אַזאַ מאַגישע ווירקונג האט אפילו די ארץ־ישראל־לופט אויך נישט.

און איצט — נאָך מיין צוריקקומען פון פּאַלעסטינע, פרעגן מיך מיינע, מער אָדער ווייניקער, פריינט, — און דער אקצענט איז מער אויף דעם ווייניקער, — וואָס האב איך אייגנטלעך מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל, וואָס וויל איך, וואס שלאָג איך פאָר — מיט איין וואָרט, וואָס איז מיין „פּראָגראַם".

ווי דער מנהג אויף דער יידישער גאַס, הערט מען זיך כמעט נישט איין, וואס דער צווייטער זאָגט — מען פארשטייט עס שוין אַליין. מען מאַכט זיך אייגענע פּירושים. און איינער פון די פּרושים איז: איך בין אַ קעגנער פון די חלוצים און בכלל פון דער קאָלאָניזאַציע

אין פאלעסטינע, איך פרעדיק דעם „מנחם-מענדעליזם" אויף דער צעלטגייער ערד.

איך וויל דאָ נישט דערקלערן, נישט אויסגלייכן און אויך נישט פארענטפערן קיין מיספארשטענדענישן. סוף-כל-סוף רעדט מען נישט פאר טויבע, נאָר פאר די, וואס קאָנען הערן. און האט איינער אַ מום, איז ער טויבלעך, לאָז ער זיך אָנהערן אויערן, איידער ער גייט דיסקוטירן וועגן דעם, וואס ער האט נישט דערהערט.

די פראגע איז גאָר אַן אַנדערע, א וויכטיקערע. אזוי, צי אזוי, וואס איז דער פּראָגראַם? אויב די קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע — און דאס איז מיין הויפּט־אַרגומענט — קאָן נישט פירן צו אַ גיכער מאַיאָריזאציע פון דעם לאנד, דאס מיינט צו דער דערגרייכונג פון דעם מינימום פּאָליטישן אידעאַל, וואס מיר האבן זיך געשטעלט פאר פּאלעסטינע, — אויב די ביז=אַהעריקע מעטאָדעס זענען בלויז די ערשטע קינדער=טריט פון דעם אמת גרויסן וועג, וואס מוז בּאַטראַכטן ווערן אין ארץ ישראל, וואס־זשע זאל מען טאָן? איך ווייס — „קריטיק איז גרינג, קונסט איז שווער". עס איז אַ סך גרינגער צו אַנאַליזירן, צו זוכן חסרונות, איידער צו בויען — אפילו שלעכט צו בויען.

איך ווייס עס. אָבער עס זענען דאָ צייטן, ווען מען מוז זיך אָפּשטעלן — אפילו בשעת דעם בויען — און פרעגן זיך: איז דער פונדאמענט סאָליד, איז דער פּלאַן גוט? — און ריזיקירן אפילו דערמיט, אז מען זאָל אָנהייבן די גאַנצע ארבעט אויפסניי.

דער ערשטער פּרינציפּ פון בויען איז — רעכענען זיך מיט דעם מאַטעריאַל. מען מעג מאכן פעלערן אין דער ארכיטעקטאָניק — מען טאָר אָבער נישט צולאָזן קיין איין גרייז אין דער אויסרעכענונג פון דער טראָג=קראפט און דער ווידערשטאנדפעיקייט פון דעם מאַטעריאַל. דער „חומר" ווייסט קיין חכמות נישט. ער שפּאַלט זיך, ער זינקט איין, ווען מען רעכנט זיך נישט מיט אים.

און מיר דאכט זיך, אַז דאָ ליגט דער גרעסטער פעלער פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין ארץ=ישראל. מען האט סטיל, מען האָט ארכיטעקטאָנישע פּלענער — אָבער מען האט זיך נישט גערעכנט מיט דעם איינציקן מאטעריאַל, וואס מיר האבן — מיט דעם יידישן מענטשן.

מען פארגעסט ביי אונדז, אז דער יידישער מענטש איז אויך נישט מער ווי א מענטש, אז זיין אידעאליזם איז אויך בלויז אן אויפפלאקערנדיקער און נישט קיין נר-תמיד, אז מען קען נישט בויען קיין בנין אויף זיין „ווילן" און זיין שטרעבן. דער מענטש קען זיך באגייסטערן אדער פאר דעם, וואס איז נישט-דערגרייכבאר וויט, אדער וואס איז זייער אדער גאר נאענט: גאט, יענע וועלט — אדער קינד, פרוי און פערזענלעכער, גשמיותדיקער לעבן. אבער דאס, וואס איז צווישן די צוויי עקסטרעמען, האט נישט די קראפט פון באגייסטערן און אויספילן דאס לעבן.

ארץ-ישראל פון דעם סידור, פון דעם תנ"ך — פון דער משיח-אידעע — איז געווען אן אידעאל, א פירנדיקער שטערן. אבער איר קענט דאך דאס אלטע געטעשע ווארט: „די שטערן — מען כאפט זיי נישט, מען פרייט זיך בלויז מיט זייער פראכט". פאלט אבער דער שטערן אויף דער ערד — ווערט ער אין בעסטן פאל א שטיין.

ארץ-ישראל פון דער ממשות, פאלעסטינע נישט פון דער היסטאריע, נאר פון דער געאגראפיע, אט דאס לאנד, וואס איז אונטער אן ענגלישן מאנדאט און וואס איז דערמאנט אין דער באלפור-דעקלאראציע, איז געווארן צופיל רעאליטעט, כדי צו דערהאלטן אויף לאנג די היץ פון דעם יידישן אידעאליזם און דער יידישער איבערגעבנקייט. פון א רעאליטעט פארלאנגט מען אויך רעאלע רעזולטאטן, א פראקטישן צוגאנג, מעטאדעס פון דורכפירבארקייט.

און וואס זענען זיי? מיט וואס קענען יידן פארנעמען פאלעסטינע? דאס איז די איינציקע פראגע, דאס איז דער צענטראל-פונקט. נישט ווי אזוי מען זאל דערציען א ניי יידנטום, ברענגען נייע ווערטער און נייע ווערטן — נאר ווי זאל מען ארייננציען אהין דאס אלטע, דאס געגעבענע, דאס איצטיקע יידנטום, ווי זאל מען ברענגען אהין דעם ייד, און דערצו — וואס גיכער.

דער ענטפער איז א פשוטער: נישט דעם לאנד זיין פאלק, נישט — דעם פאלק זיין לאנד. ווען מען וואלט אונדז — ווי טשעמבערליין האט אמאל פארגעשלאגן און הערצל האט מסכים געווען — געגעבן אוגאנדע, וואלט די פראגע זיכער געדארפט אוועקגעשטעלט ווערן אזוי, ווי זי שטייט איצט אין פאלעסטינע: אין א נייעם לאנד — א ניי פאלק. אין א ליידיק לאנד — א פאלק, וואס האט זיך אויסגע-

געלײדיקט פֿון דעם עבר, װאָס האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער געשיכטע, װאָס הײבט אָן אױפֿסנײַ.

אָבער פּאַלעסטינע איז נישט אוגאַנדע — נישט נײַ, נישט לײדיק, נאָר דורך און דורך געשיכטע, דורכגעקנאָטן און דורכגעװײקט מיט איר. און אין אַן אַלט לאַנד קאָן נישט זײַן קײן רײד פֿון אַ נײַ פֿאָלק.

פּאַלעסטינע איז נישט קײן אַגריקולטור-לאַנד. װאָס מײנט דאָס? געװיס — עס איז אַמאָל געװען. אַמאָל — מיט צװײ טױזנט יאָר צוריק. און דאָס אױך נישט גאַנץ ארץ־ישׂראל, נאָר די געגנטן, װאָס זענען נענטער צו סיריע און צום ים.

אָבער דער אײגנטלעכער זין פֿון פּאַלעסטינע איז נישט געװען דער אַקערבױ. עס איז געװען — מסחר, עס איז געװען אינדוסטריע. כּנען איז תּמיד געװען אַ לאַנד פֿון האַנדל־אונטערנעמונג. פֿון צור און צידון זענען געגאַנגען שיפֿן קײן תּרשיש, װאָס איז אין שפּאַניע, קײן גריכנלאַנד, קײן אַפֿריקע, ביז װײַט־װײַט בײַ די צינערנע גרובן פֿון ענגלאַנד און די בערנשטײן-ברעגן פֿון דעם באַלטישן ים.

ארץ־ישׂראל האָט איבערגענומען די ירושה פֿון כּנען. זי איז צװײ טױזנט יאָר געלעגן פֿאַרשלאָסן אין אַ קאַסטן. עס איז צײַט זי אַרױסצונעמען און זי דורכצולופֿטערן און זי אױסנוצן.

הײַנט, װי אַמאָל, איז ארץ־ישׂראל דער װעג צװישן דרײַ קאָנטיגענטן — אַזיע, אַפֿריקע און אײראָפּע. ענגלאַנד האָט גוט פֿאַרשטאַנען דעם װערט פֿון ארץ־ישׂראל. זי האָט דערפֿאַר אַזױ שטאַרק געװאָלט דעם מאַנדאַט. זי האָט אַפֿילו אַראָפּגעשלונגען די באַלפֿור-דעקלאַראַציע צוליב דער סטראַטעגישער און האַנדל־געאָגראַפֿישער לאַגע פֿון ארץ־ישׂראל. און ענגלאַנד האָט געמײנט, אַז ייִדן װעלן עס פֿאַרשטײן.

װאָס האָט ענגלאַנד זיך געטראַכט? ייִדן זענען דאָס פֿאָלק פֿון אונטערנעמונג, פֿון קאַפּיטאַל. די טבֿע פֿון דעם קאַפּיטאַל איז צו זוכן אױסברײטונג. ליגט נישט ראָטשילדס אַ שװער פֿאַרמעגן אין אַרגענטינע, אין דעם „אונטערן” טײל פֿון דער מעקסיקאַנישער קאַליפֿאָרניע? עס איז דאָך נישטאָ קײן אײן װינקל אױף גאָטס ערד, װוּ ייִדישער קאַפּיטאַל זאָל נישט זײַן פֿאַרטראָטן. װער האָט „געמאַכט” דרום-אַפֿריקע? ייִדישער קאַפּיטאַל — באַרנאַטאָ, פֿײט א. אַ. װער אַנטװיקלט דעם

האנדל אין אינדיע, אין פערסיע? סאַסון, קאַדורי, יידישע סוחרים, יידישע באַנקירן.

איז דען באמת ארץ־ישראל ערגער פון אַלע לענדער? פאַר־וואָס זאָלן די אייגענע יידישע מאַגנאַטן און אונטערנעמער נישט אַריינלייגן קיין קאַפּיטאַלן אין פּאַלעסטינע?

מיר האָבן דאָך אַלע אַזוי געמיינט. מען האָט דערוואַרט — אַז שיף, וואַרבורג, ראָזענוואַלד, גוגענהיים, לואיסאָן און די איבריקע יידי־שע גרויסקאַפּיטאַליסטן פון אַמעריקע, אַז מאַנד, סווייטלינג — אין ענג־לאַנד, גאָלדשמידט, מיכאַעל פון דייטשלאַנד — אַז אַלע וועלן זיי אַריינוואַרפן אַ טייל פון זייער פינאַנץ־מאַכט קיין ארץ־ישראל. און עס איז דאָך אַן אַלטער ענגלישער כלל: „די פאָן פאָלגט נאָך דעם מסחר". וועט זיין יידישער מסחר, יידישע אונטערנעמונג, וועט אויך די יידישע פאָן ממילא קומען. ענגלאַנד האָט זיך גענאַרט — מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט.

מען האָט אונדז איבערגעלאָזט בלויז די פאָן, און זי ווערט שוין באַלד, באַלד — אַ שמחת־תורה־פאָן מיט אַ רויט עפּעלע אויפן שטע־קעלע. ווער עס איז אין דעם שולדיק — די ציוניסטישע פּאַרטיי, צי די יידישע קאַפּיטאַליסטן — איז איצט נישט קיין נפקא־מינה. זיי זענען ביידע שולדיק. די פּאַרטיי דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געקאָנט — די קאַפּיטאַליסטן דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט.

אָבער נישט שולד און עונש איז די פראַגע. דער עונש האָט דאָך דערווייל בלויז ארץ־ישראל.

דער עיקר איז — וואָס איצט?

מען האָט זיך ארומגעקוקט אין דער ציוניסטישער לייטונג. מען וויל גוט־מאַכן דעם פעלער. מען רעדט שוין פון אינדוסטריע־באַנק, פון אונטערנעמונגען, און מען מיינט, אַז דער ראַדיקאַלער מיטל איז די „אַגענטור".

דוכט זיך, אויבנאויף אַ ריכטיקער געדאַנק. אַגענטור מיינט — קאָנצענטראַציע פון אַלע יידישע כוחות אויף דער פּאַלעסטינע־אַרבעט. אָבער דאָס איז בלויז טעאָרעטיש, בלויז אין דער פאָרמולע, אין תוך מיינט עס אָבער עפּעס אַנדערש: פאַרבייטן איין גרופּע פון כלל־טוער מיט אַ צווייטער.

ווען מען הערט זיך איין אין די שמועסן פאַר אָדער אַנטקעגן דער אַגענטור, קאָן מען מיינען, אַז דער גאַנצער ענין איז אַרויפּצו־

שטעלן אויף דעם ציוניסטישן בריוופּאַפּיר נאָך אַ פּאָר נעמען, נאָך אַ פּאָר מיטגלידער, אַז אַחוץ די איצטיקע פּיוע פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי זאָלן אויך זיין אַ פּאָר אַנדערע, צו גוט באַקאַנטע, צו גוט רעקלאַמירטע.

און מען פאַרשטייט דערפאַר די טענות פון די אַגענטור=קעג־נער. זיי פרעגן, און מיט פולן רעכט: וואָס וועט אונדז אַרויסקומען דערפון? וואָס וועלן אונדז די פּאָר נייע יידן אדער „יהודים“ געבן? אין בעסטן פאַל נאָך אַ מיליאָן דאָלאַר, אָדער צוויי מיליאָן, פאַר דעם קרן=היסוד; אין ערגסטן פאַל — אַ ביוראָקראַטיזירונג פון דער גאַנצער פּאַרטיי, דעם טאָן פון אבסאָלוטיזם, פון „באַסיזם“, פון פאַר־אַכטונג צו דער עפנטלעכער יידישער מיינונג.

איז דער ציל פון דער „אַגענטור“ צו ווערן אַ מין דזשאָינט דיסטריביוזשאַן=קאָמיטע פאַר פּאַלעסטינע?

קאָן מען דערמיט פאַרענטפערן דעם קריזיס? איז דאָס אַ קאָנסטרוקטיווער פּראָגראַם?

אָדער אפשר מוז מען צוגיין צו דער אַגענטור־פראַגע גאָר אַנ־דערש? אפשר מוז מען קומען צו די „יאַהודים“ — פון אמעריקע אדער פון איירָאפּע, און זיי זאָגן: אָט דאָס און דאָס, מיינע הערן, דאַרף באמת פּאַלעסטינע — אייזנבאַנען, שיפן, פּאָרטן, אינדוסטריע, בענק, עקספּאָרטס-פירמעס, אַגריקולטור, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון מזרח; מיר דאַרפן שאַפן אַ גרויסאַרטיקע ווירט־שאַפטס-פּאָליטיק, מיט אַלע מאָדערנע מיטלען פון דער טעכניק, מיט דער גאַנצער מאַכט פון דעם קאַפּיטאַל. ווילט איר עס איבערנעמען, קאָנט איר עס שאַפן? דאַן קומט אין דער אַגענטור, זאָגט דעות, פירט, ענדערט די פּאָליטיק — איר האָט אַ פרייע האַנט. אָבער צוערשט, ווייזט אַז איר מיינט עס — הייבט אָן. איר האָט די גרעס־טע שטיוול, מאַכט איר די ערשטע טריט. אָבער ווערן מיט אונדז פּושקעקלאַפּער, זאָגן אונדז אַ דעה איבער דעם געלט, וואָס אונדזערע מגידים זאַמלען — דערצו דאַרף מען אייך נישט האָבן. קלויבן געלט ביי יידן קאָן מען אויך אָן וואָל סטריט-עקספּערטן.

אָט אַזוי דאַרף מען אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער אַגענ־טור. און דאָס איז דער פּרוביר=שטיין.

און ווען נישט, און ווען „זיי“ וועלן נישט מסכים זיין? וואָס זאָל מען דאַן טאָן?

דאַן — „אויב מען קאָן נישט דערוועקן די אויבערשטע, מוז מען צערודערן די אונטערשטע״ — אויב וואָל סטריט און באָנד סטריט און „איזי סטריט״ וויל נישט טאָן — דאַרף מען פאַרגעסן אָן דער אַגענטור, אויפהערן אַגיטירן פאַר „שלום״ — איינע פון די פראַזן, וואָס וואָלט באַדאַרפט פאַרשווינדן פון דעם פּאָליטישן לעקסיקאָן — וייל שלום זעצט פאַרויס מלחמה, קאַמף — און דאָ איז פאַראַן בלויז פּאַסיווער ווידערשטאַנד און גלייכגילטיקייט — מען מוז דאַן קומען צו דעםברייטן יידישן עולם און אים זאָגן: די „גרויסע״ ווילן נישט — טוט איר עס. לאָזן די באַלעבאַטים, די נגידים אַריינשפּרינגען אין דער אַרבעט, לאָזן זיי אָנהייבן די בוי-אַרבעט. מיט קלענערע מיטלען, מיט א שמאָלערן פאַרנעם — עס מאַכט נישט אויס. זיי וועלן לייגן א פונדאַמענט — די „גרויסע״ וועלן שוין נאָכשפּרינגען. אַזוי איז שוין די נאַטור פון דעם יידישן קאַפּיטאַל: ער האָט ליב צו קומען אויפן גרייטן.

שאַפט אליין אן אינדוסטריע-באַנק, שיקט עקספּעדיציעס, וואָס זאָלן אויספאָרשן די אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן פון פּאַלעסטינע, גרינדעט האַנדלספירמעס, יעדער אויף זיין געביט, יעדער אין זיין ספּעציאַליטעט. מען קאָן נישט? איר שמייכלט? אומפּראַקטיש?

פונוואַנען ווייסט איר עס? האָט עס דען עמעצער אויסגעפאָרשט? האָט מען זיך געגעבן די מי צו שטודירן די ארץ-ישראל-פראַגע פון דעמדאַזיקן ווינקל? מען האָט געשיקט פּראָפעסאָר מיעד צו געבן אַ באַריכט וועגן דער אַגריקולטור פון פּאַלעסטינע. האָט מען געשיקט אן אַנדער פּראָפעסאָר, אַן אַנדער עקספּערט אויסצופאָרשן די האַנדלס-מעגלעכקייטן פון לאַנד?

נאָכאַמאָל — פּאַלעסטינע איז אַ היסטאָרישער קנויט-פּונקט, אַ בריק. יידן ווילן גיין דווקא אויף אַ פּאַפּירענער בריק — דווקא אויף דער דעקלאַראַציע און אויף פּסוקים און אויף סאָציאַלע פּראָגראַמען?

אָדער אַ פּאַפּירענע, אָדער אַ הונדערט-פּראָצענטיק אייזערנע. אָבער איבער דעם ירדן איז דערווייל גענוג אויך אַ גוטע הילצערנע. מען וועט שפּעטער זי קאָנען איבערבויען אויף אַן אייזערנער. דער פּעריאָד פון דער פּאַפּירענער איז שוין פאַרביי. דאָס מוז מען געדענקען.

דער ווייטערער קרייז.

מען פרעגט מיך אָפט — איך פרעג זיך אַליין זייער אָפט: פאַרוואָס פּאַלעסטינע? פונוואַנען קומט דער אינטערעס פאַר און צו דעם לאַנד, פאַר אַ לאַנד, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען, פאַר אַ לאַנד, וואָס איז אַזוי ווייט, אַזוי אַלט, אַזוי פרעמד־אָריענטאַליש?

און פונוואַנען קומט עס, אַז די אייגענע מענטשן, וואָס פילן נישט זייער נאַציאָנאַל אין די איבעריקע פראַגן פון יידנטום, זענען באַגייסטערט פאַר דער נאַציאָנאַלסטער פון אַלע לאָזונגען?

מען פלעגט זאָגן אין געוויסע קרייזן, אין בונדיסטישע אָדער בכלל „גלות־נאַציאָנאַליסטישע“—אַז דער ציוניזם איז אַן אַסימילאַטאָרישע באַוועגונג, אַז דער ציוניסט איז אַן אומבאַוווסטער אַסימילאַטאָר. עס איז תמיד געווען אַ בלבול — און ה' נט נאָכמער ווי ווען עס איז. די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז די איינציקע נאַציאָנאַליסטן זענען טאַקע און דווקא די ציוניסטן. די בונדיסטן זענען צעריבן געוואָרן אונטער דער לאָגיק פון דעם באָלשעוויזם, אַזוי אויך די ס. ס.־פּאַרטיי און אפילו די „פאָלקיסטן“ — אויב זיי האָבן בכלל געהאַט אַ ממשות. די איינציקע, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם דרוק און דעם נסיון, די איינציקע, וואָס האַלטן זיך שטאָל און אייזן ביי דער נאַציאָנאַלער אידעע, זענען די ציוניסטן. אַזוי איז צום ווייניקסטן אין רוסלאַנד, און דאָס איז דער בעסטער קריטעריום.

עס איז קיין קונץ נישט צו זיין נאַציאָנאַליסטיש אין פוילן — דאָרט, וווּ דער שטאַט צווינגט דערצו, דאָרט, וווּ אפילו דער סאָציאַליזם איז פאַרסמט מיט ענגהאַרציקן, פינסטערן, היסטערישן נאַציאָנאַליזם. אָבער אין רוסלאַנד, וווּ דער וועג איז אַן אַנדערער, אַן אַנטקעגנגעזעצטער, דאָרט, וווּ נאַציאָנאַליזם איז אַנטי־שטאַטלעך, דאָרט

איז דער פּרווּשטיין. און דאָרט האָט דער ציוניזם באַוויזן זיין לעבנס־קראַפט. און נאָך רוסלאַנד — אין אמעריקע.

אָבער — אָבער ווען מען איז קיין ציוניסט אויך נישט? ווען מען שטייט אויך דאָ „מחוץ לגדר" – פונוואַנען קומט דאַן דער ווילן צו פּאַלעסטינע? און וואָס פאר א לאָגישע, וואָס פאר א מאָראַלישע באַרעכטיקונג האָט ער? ווו איז ער באַגרינדעט? איך הער די פראַגע כמעט יעדן טאָג — אַ האַרבע פראַגע, אַן ערנסטע, אַ פראַגע, וואָס האָט ווייטע פאָלגן.

האָט פּאַלעסטינע אַנדערע שרשים – ווי ציוניסטישע?

וואָס מיינט עס? ציוניזם איז אַ באַוועגונג, וואָס איז צו פרי קריסטאַליזירט געוואָרן אין אַ פּאַרטיי. ציוניזם איז אַ סיסטעם. אייגנטלעך איז ציוניזם נישט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט פּאַלעסטינע. אַ ראיה — דער טעריטאָריאַליזם. דעד פעלער פון דעם טעריטאָריאַליזם איז געווען נישט זיין „טעריטאָריאַלע" אידעע, אויך נישט די פּראַקטישע אוממעגלעכקייט. נישט זיין פּאָליטישע זייט נאָר זיין צו לאָגישע דורכפירונג פון דעם ציוניסטישן געדאַנק. עס איז נישט ריכטיק, אַז יידן וואָלטן נישט געקאָנט באַקומען קיין „טעריטאָריע", ווען זיי וואָלטן באמת געוואָלט. דער אוגאַנדע־פּראָיעקט איז געווען גאָרנישט אַזוי שלעכט — און אפילו ווען אוגאַנדע וואָלט נישט געטויגט, האָט מען געקענט געפינען אן אַנדער געלעגנהייט, וואָלט די יידישע פראַגע ווירקלעך געקאָנט געלייזט ווערן דורך דער „יידישער טעריטאָריע" — זענען דען נישט געווען קיין וועגן צו איר?

אַ ביסל מער אויטאָנאָמיע, א ביסל ווייניקער – נו, אין פּאַלעסטינע האָט מען דען געהאָפט אויף מער? מען וואָלט זיך געווען געדונגען און — אויסגעדונגען, אָבער די יידן האָבן פאַרשריען און אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אָפּגעשטופּט פון זיך דעם טעריטאָריאַליזם.

זיי האָבן אָפּגעשטופּט פון זיך די לאָגיק פון דעם נאַציאָנאַליזם, אָבער מיט נאָכמער ליבע זיך באַהעפט מיט זיין מיסטישער, געפילמעסיקער זייט.

און דער רעזולטאַט איז געווען: פּאַלעסטינע.

עס איז „תרתי משמע" — עס איז אַ סימבאָל מיט צוויי באַדייטונגען. איינע — דער געוויינלעכער, פּשוטער, אַלטעגלעכער,

„בונדיסטיש-טעריטאָריאַליסטישער". עס איז אַ פילאָזאָפיע פון דער יידישער געשיכטע, צוגעפירט צו איר וואָכעדיקסטער, „אַסימילירטסטער" פאָרם. אַ פשוטער לאָגישער זאָץ: „איטלעכס פאָלק האָט זיין לאַנד — יידן זענען אַ פאָלק — דערפאַר דאַרפן זיי האָבן אַ לאַנד". און ווייטער — עס איז אַ פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, צוגעשניטן נאָך דער מאָס פון דעם אַנטיסעמיט. „פאַרוואָס ליידן די יידן? פאַרוואָס האָט מען זיי פיינט? דערפאַר — וואָס זיי זענען פרעמדע. פאַרוואָס זענען זיי פרעמדע? — דערפאַר וואָס זיי האָבן קיין היים נישט. לכן – מוזן זיי באַקומען אַ היים".

אַ פשוטע פילאָזאָפיע, אַ באַלעבאַטישע חקירה. לויטער הנחות, וואָס זענען נישט צווינגענדיק, און שלוסן, וואָס לאָזן זיך דיסקוטירן. און דער עיקר: פונוואַנען קומט דער שפרונג פון דער „היים" — ביז „פאַלעסטינע"? וווּ איז די לאָגישע בריק? דער דאָקטרינערער ציוניסט האָט קיין ענטפער נישט. עפּעס האָט אים געצווונגען איינצושליסן פאַלעסטינע אין זיין פאָרמולע. ער ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי און פאַרוואָס. אפשר דערפאַר, וואָס די באַוועגונג איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם ציון-געדאַנק — און ער איז „משועבד", געבונדן און אונטערטעניק צו דעם וואָרט? אָדער אפשר דערפאַר — וואָס דער יסוד איז — פאַלעסטינע און דער נאַציאָנאַליזם און די לאַנד-פילאָזאָפיע בלויז אַ צופּוצונג, אַ מין מאָדערניזירונג פון אַן אַלטן, מיסטישן געדאַנק? אפשר דערפאַר, וואָס דער ציוניזם איז נישט קיין פאָליטישע, נאָר אַ פסיכישע, אַ גייסטיקע באַוועגונג?

פסיכאָלאָגישע דערשיינונגען קען מען פאַרשטיין נאָר דעמאָלט, ווען מען לעבט זיי אַליין איבער, ווען מען קוקט אַריין אין דעם שפיגל פון דעם אייגענעם איך. און יעדער פון אונדז, וואָס האָט אַ שייכות צו די פונדאַמענטן פון דעם יידישן לעבן, האָט אַ געלעגנהייט צו שטודירן די פראַגע — „אינטראָספעקטיוו", דורך דעם אַנאַליז פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען.

די לאָגיק, די גאַנצע באַוווסטזיניקע באַציונג צום לעבן זאָגט: ניין, דאָס איז נישט דער וועג. אַן ענטפער אויף דעם אַנטיסעמיטיזם? ווי אַזוי? וואָס קאָן עס העלפן דעם יידן, וואָס בלייבט אין „חוץ-לארץ", ווען אַ גרופּע יידן וועט זיך באַזעצן אין פאַלעסטינע? די טעאָריע, אַז ווען מיר וועלן האָבן אַ יידישן געזאַנדטן אין פוילן אָדער אין דייטשלאַנד, וועלן דערפאַר די פאָליאַקן און די דייטשן

לייגן מער כבוד אויף זייערע אייגענע יידישע בירגער — איז דאָך אַן אבסורד. מיר האָבן דעם בעסטן באַוויז — אין אַמעריקע. יאַפּאַן איז, דוכט זיך, א גרויס און מעכטיק לאַנד — און פונדעסטוועגן האָט מען דאָ פיינט די יאַפּאַנער, מאַכט מען אָקעגן זיי אויסנאַמס־געזעצן. און די יאַפּאַנער קאָנען אפילו נישט האָבן די פּריווילעגיע פון שרייען געוואַלד און אפּעלירן צו דער „מענטשהייט". ווער הייסט זיי פאָרן פון יאַפּאַן? זיי האָבן דאָך א „היים"!

אויב דער אַנטיסעמיטיזם האָט וואָרצלען און סיבות — זענען דאָס טיפערע, סאָציאַלע, רעליגיעזע, ד. ה. פּסיכאָלאָגישע, און מיט א פּאָליטישן מיטל וועט מען אים נישט קאָנען אויסקורירן.

און בכלל, עס איז גרונט־פאַלש, עס איז אַ פראַזע, אַז מען האָט פיינט יידן, ווייל זיי האָבן נישט „קיין לאַנד". די שנאה האָט נישט צו טאָן מיט די יידן — זי איז אַ פראַגע פאַר דעם, וואָס האָט פיינט. דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין יידישע פראַגע — ער איז אַ וועלט־פראַגע, און קאָן אויך נישט פאַרענטפערט ווערן.

ווייטער — אַ פאָלק ד אַ ר ף האָבן אַ לאַנד. דאַרף? פאַר־וואָס? עס איז געווענדט, וואָס מען דערוואַרט פון א פאָלק. און עס הענגט אָפּ דערפון, וואָס מען טוט מיט דעם לאַנד. אַקער־בוי, נאָר־מאַלע מענטשן, אויס לופט־יידן! שיין — אָבער דאָס זענען דאָך אויך פראַזן. ווען יידן וואָלטן נאָך געהאַט דעםווירקלעכן ווילן — וואָלטן זיי געקאָנט ווערן „נאָרמאַלע" מענטשן, אַקערבויער א. אז. וו. אויך אין „חוץ־לארץ". סיביר, קאַנאַנדע, ארגענטינע, טעקסאַס — פּלאַץ איז פאַראַן, אָבער דער ווילן איז נישטאָ.

ווי מען קערט זיך, ווי מען ווענדט זיך — אויב מען וויל אָפּערירן בלויז מיט לאָגישע פּאָרמולעס — האַלטן זיי נישט אויס קיין קריטיק. און דאָס איז דאָך ציוניזם, דער אָפיציעלער, דער אָנ־גענומענער, דער אנערקענטער.

און ווען מען פרעגט דערפאַר מיך, — אָדער אנדערע, וואָס האָבן די אייגענע ספקות, — צי איך בין אַ ציוניסט, מוז איך ענט־פערן: „ניין" — „נישט אַזוי ווי די ציוניסטישע עיקרים פאַרלאַנ־גען".

אָבער — פּאַלעסטינע, זי האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט דערדאָזיקער טעאָריע. עס איז אַ מיסטישער דראַנג — און ער דאַרף גאָרנישט האבן קיין פאַרענטפערונג. מען קאָן זיין אַ פולשטענ־

דיקער אסימילאטאָר אזוי ווייט, ווי מען האלט ביי דעם יידישן לעבן בכלל, און האבן אן אייגענע, טיפע, הייסע באַציונג צו פּאַלעסטינע. פאר איינעם איז דאס אַ בענקשאפט נאָך דער „ירושלים של מעלה" — פאַר דעם צוויִיטן א צענטער און א זין פאר דעם לעבן. און פאר דעם דרימן — אַ שליסל צו דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק. עס איז אן עטישע, עס איז אַן עסטעטישע באַציונג. מען קאָן זיך זאָגן: דאס יידנטום איז נישט קיין צופאל און אויך נישט קיין עקשנות: עס איז אַ געשיכטלעכע נויטווענדיקייט. מען דארף נישט זיין דווקא קיין גלוי־ביקער און רעדן מיט גאָט — כדי צו דערגיין צו אזא באַגריף.

וואס דאס יידנטום זאָל נישט האבן באַטייט אַמאָל — אפשר איז דאס געווען פשוט א פאָלק, וואס האט דורך אַן אומגליק, אָדער דורך אַן אָרגאַנישער שוואַכקייט, פארלוירן זיין אומאָפּהענגיקייט, ווי א סך אנדערע, — די געשיכטע האט אים געמאכט פאר אַ וועלט־סימ־באָל, פאר אַ גייסטיקער קראפט, און די קראפט ווערט איצט שוואך. מיר פארלירן זיך, מיר פאַלן. עס איז אַ שרעקלעכער פּראָצעס פון נפילה. און כדי צו ראטעווען דאָס יידנטום, כדי אראָפּצונעמען פון זיך אליין די אחריות פאר דער נפילה — מוזן מיר צוריקקומען צום שורש. דאס יידנטום האט אָנגעהייבן זיין היסטאָרישע קאריערע אין פאַלעסטינע — דארט מוז עס ז׳ פארענדיקן.

אָדער פארקערט — מען קאָן זיין אָפּטימיסטישער. דאס יידנטום איז קיינמאָל נישט געווען אזוי רייך אין אויסשטראַלונגען, ווי איצט. דערפאר איז טאקע דער אנטיסעמיטיזם אזוי שטארק, ווייל מיר זענען שטאַרקער געוואָרן, שטארקער, רייכער, גרעסער. און מיר פאָדערן אונדזער פלאץ אין דער געשיכטע. מיר ווילן ווערן אַקטיוו, מיר ווילן גיין אונדזער אייגענעם וועג — צום ערשטן מאָל נאָך אזויפיל יאָרן, אַ נייעם וועג, וואס אונדזערע אבות האבן גאָרנישט געחלומט דערפון.

דער מזרח ווארט אויף אונדז. אונדזער גאנצע קראפט האבן מיר אוועקגעגעבן דעם מערב — געגעבן און געשאָנקען — איצט קערן מיר אונדזער פנים צו נייע מעגלעכקייטן, צו נייע — איך וואָג צו זאָגן דאס וואָרט — וועלט־געשיכטלעכע מאַטיוון.

וועגן, וועגן — פארשידענע, גלייכע און געבראָכענע ליניעס, האריזאָנטן און פערספעקטיוון — און זיי פירן קיין ציון.

דער ציוניזם אין זיין פארטיי־פּאָליטישער פאָרם איז נישט דער איינציקער. און אויך נישט תמיד דער בעסטער.

און אויב אזוי — מוז אויך דער קרייז פון די, וואס פירן אויף די וועגן קיין ארץ־ישראל, דערווייטערט און פארברייטערט ווערן. און אויב מיר גיבן דאס צו, מוז די פאלעסטינע-ארבעט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דעם גאנצן יידישן פאָלק. די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע איז בלויז איין גליד אין דער קייט — נישט די גאנצע קייט.

דאס מוז גענומען ווערן אין באַטראכט פון די, וואס טראָגן אויף זיך די פאראַנטוואָרטלעכקייט פאר דעם אויפבוי פון פּאַלעסטינע. און דאס מוז זיין זייער חוב: דערווייטערן דעם קרייז.

צענטער אָדער געטאָ.

פראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין איז נישט בלויז אַ געניאַלער מאַטעמאַטיקער, ער איז אויך אַ גרויסער קינסטלער. און קינסטלער זענען שטימונגס=מענטשן. קינסטלער מאַכן אויך שטימונגס-פּאָליטיק.

און איך גלויב, אַז נישט דער שטרענגער לאָגיקער, נאָר דער קינסטלער איינשטיין האָט גערופן צו זיך די יידישע סטודענטן, יידי־שע פאָרשטייער פון וויסנשאַפט, און פאָרגעשלאָגן דעם פּלאַן פון אַ יידישן אוניווערזיטעט אין אייראָפּע, פּאַראַלעל צו דעם געפּלאַנעוועטן יידישן אוניווערזיטעט אין פּאַלעסטינע. די מאָטיוון זענען זייער קלאָר, זייער פאַרשטענדלעך. עס האָט זיך אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, בכלל אין צענטראַל-אייראָפּע געשאַפן אַזאַ אטמאָספערע פון שנאה, פון אַנטיסעמיטיזם, אַז עס ווערט ממש שווער דאָרט צו אָטעמען. די דייטשע אוניווערזיטעטן זענען די צענטערס פון דעם ערגסטן אַנטיסע=מיטיזם און שאָוויניזם. טאַקע דערפאַר, וואָס יידן פאַרנעמען אַזאַ הויכן פּלאַץ אין דעם גייסטיקן קולטור=לעבן; טאַקע ווייל עס זע־גען דאָ אין דייטשלאַנד איינשטיין און וואַסערמאַן; טאַקע ווייל די גרעסטע נעמען פון דער דייטשער וויסנשאַפט, נעמען, וואָס זענען אַ קרוין און אַ שטאָלץ, זענען יידישע — קריצן די דייטשע פּראָפעסאָרן מיט די ציין, שוימען פון כעס, טראַכטן אַלץ וועגן מיטלען ווי אַזוי פטור צו ווערן פון זייערע קאָנקורענטן. עס איז נישט מער ווי אַ קאָנקורענץ-קאַמף. דער אַנטיסעמיטיזם בכלל איז דאָך בלויז דער ווי=דערשטאַנד פון דעם מיטלמעסיקן, קליינקעפּיקן, שמאָל-האָריזאָנטיקן קליינבירגער אקעגן דעם יידישן פאַרנעם. דער קליינבירגער שאַפט דעם שאַבלאָן, דער ייד ברעכט אים. און דער פיליסטער פילט זיך

אומבאַקוועם. עס איז דער אַלטער קאַמף צווישן די פּלישתים און שמשון. ער איז געווען צו שטאַרק פאַר זיי.

די דייטש־יידישע געלערנטע פילן עס שווער און ביטער. זיי ליידן דער־פון. זיי און די וויסנשאַפט מיט זיי. פּראָפעסאָר איינשטיין, דער גרעסטער פון זיי אַלע, דער קינסטלערישסטער פון זיי, האָט עס שוין פון לאַנג דערפילט. און זיין לאַגישער שלוס איז געווען: דער פּלאַן פון אַן אוניווערזיטעט אין פּאַלעסטינע.

אַ קלאָרער און גרויסער פּלאַן. דער יידישער גייסט שאַפט פאַר זיך אַ צענטער. נישט קיין נויט־אינסטיטוציע, נישט קיין גייסטיקע געטאָ, נאָר אַ ברייטע און פרייע היים, אַ מיטלפּונקט פאַר אַלע יידישע טאַלאַנטן, אַ פריי פּלאַץ פאַר פאָרשונג, פאַר וויסנשאַפט.

און ווען פּראָפעסאָר איינשטיין האָט געמאַכט זיין פּראָפּאַגאַנדע־רייזע פאַר דעם יידישן אוניווערזיטעט, האָט ער געפונען אַן ענטו־זיאַסטישע צושטימונג אין אַלע קרייזן פון דעם יידנטום, אפילו דאָרט, ווו די נאַציאָנאַלע אידעע איז נישט „סאַלאָנפעיק”.

אָבער עס גייט לאַנגזאַם, צו לאַנגזאַם. יידן האָבן צייט. זיי איילן זיך נישט. ביז עס וואַקסט עפּעס אויס צווישן די יידן, קאָנען די אויגן אַרויסגיין. און פּראָפעסאָר איינשטיין האָט אָנגעוואָרן דעם געדולד.

ער טרעט איצט אַרויס פאַר אַ נייעם פּלאַן — אַ יידישן אוני־ווערזיטעט אין אייראָפּע. אין פּלוג איז דאָס אַ גוטער, אַ צייטיקער פּלאַן. פאַרוואָס נישט? די דייטשע, עסטרייכישע און אַנדערע מיטל־אייראָפּעישע אוניווערזיטעטן ווילן אויסשליסן יידן, ווילן איינפירן פּראָצענט־נאָרמען. די מיטל־אייראָפּעישע פעלקער ווילן טויטן דעם יידישן גייסט — מוזן זיך די יידן וערן. איר ווילט אונדז נישט — גוט, דאַרפן מיר אייך נישט, וועלן מיר זיך גרינדן אַן אייגענעם יידישן אוניווערזיטעט, און וועלן נישט מוזן אָנקומען צו אייער לאַסקע.

אָבער איז דאָס נישט די שטימונג פון מיד־געוואָרענע? איז דאָס נישט אַ פּאָליטיק פון יאוש? איך רעד שוין נישט דערפון, אַז דער גאַנצער פּלאַן איז אומפּראַקטיש, אַז מען קאָן אים כמעט נישט דורכ־פירן. אַ יידישער אוניווערזיטעט אין אייראָפּע! ווו אין אייראָפּע? אין

דייטשלאַנד? אין עסטרייך? וואָס עס דער שטאָט צולאָזן? וועלן די אייגענע פּראָפעסאָרן און סטודענטן און דאָקטוירים, וואָס האָבן אַזוי מורא פאַר יידישער קאָנקורענץ, נישט אָננעמען אַלע מיטלען, כּדי צו שטערן דער גרינדונג פון אַזאַ אַנשטאַלט? און אפילו ווען עס זאָל שוין געראָטן — אפילו ווען מען זאָל גרינדן אַזאַ אינסטיטוט אין זיער שווייץ, אָדער אין אַן אַנדער „נייטראַל לאַנד" — וואַקסן אויס אַנדערע פראַגן, אַנדערע מכשולים. צוערשט די פראַגע פון שפּראַך. וואָס זאָל זיין און דאַרף זיין די לערנשפּראַך? ווידעראַמאָל דייטש? פאַרוואָס? פאַר־וואָס קומט עס דייטש די זכיה, אַז יידן זאָלן זיך צובינדן צו איר? אין פראַנצויזיש? אָבער דאַן קאָנען דאָך נישט די דייטש־יידישע סטו־דענטן דאָרט לערנען, נישט די דייטש־יידישע פּראָפעסאָרן דאָרט פאַר־לעזן. און בכלל, ווער גאַראַנטירט, אַז די הויפּט־לענדער פון דעם אַנטיסעמיטיזם וועלן אָנערקענען אַ דיפּלאָם פון אַזאַ אויסלענדישן, יידישן אוניווערזיטעט?

אָבער אפילו ווען אַלע דידאָזיקע קשיות זאָלן פאַרענטפערט ווערן, ווען פוילן און דייטשלאַנד און רומעניע און עסטרייך זאָלן זיך מתחייב זיין מיט א כּתב, אַז זיי וועלן אָנערקענען דעם יידישן אוני־ווערזיטעט — אפילו דעמאָלט הייסט עס נישט אָנבויגן דעם קאָפּ און אָפּזאָגן זיך פון קאַמף? מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן אויף איין מאָ־מענט, אַז מיר, יידן, פירן אַ קאַמף אויף צוויי זייטן — אַ קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, פאַר אונדזער אייגענער היסטאָריש־פונקציאָנאַלער איינהייט, און פאַר דער וועלטגעשיכטע. אַ שווערער קאַמף — איך גיב צו, אָבער ווו שטייט עס געשריבן, אַז דאָס לעבן מוז זיין גרינג? זינט ווען אַנטלויפן מיר פון שווערע נסיונות? פון ווען אָן האָבן מיר עס מורא פאַר אַן עול?

דאָס איז דאָך אונדזער שטאָלץ און אונדזער גורל: קעמפן פאַר זיך, אַלס עקספּאָנענט און טרעגער פון דעם וועלט־יאָך. דאָס איז דאָך די גרויסקייט פון דער יידישער געשיכטע, וואָס איז געבונדן און פאַר־בונדן מיט דער גאַנצער קולטור. אונדזער דערפאָלג אין דער זיג פון דעם קולטור־געדאַנק. אונדזערע צרות זענען די צרות פון דעם „וועלט־גייסט".

מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן; אויסהאַלטן, אפילו ווען מיר

מוזן ליידן; נישט אפשארן זיך, אזוי לאנג, ווי מיר זענען אינאיינעם מיט אנדערע, נאר צווינגען די צו דער ערד-ציענדיקע כוחות זיך אויפ־הייבן — צו אונדז.

בעסער, אז א צאל יידישע יונגעלייט און א צאל יידישע גע־לערנטע זאלן ליידן א פאר יאר — לאנג קאן עס סיי ווי סיי נישט געדויערן — איידער מיר זאלן אנערקענען אין פרינציפ זייער שטאנד־פונקט. די גרויסע וועלן נישט אונטערגיין. די איינשטיינס, די וואַ־סערמאנס, די ערליכס — זיי וועט אפילו דאס אנטיסעמיטישע דייטש־לאנד מוזן אנערקענען. און די מיטלמעסיקע — צוליב זיי טארן מיר נישט מקריב זיין אונדזער היסטארישן רעכט.

אנדערש דער אוניווערזיטעט אין פאלעסטינע. דארט זענען מיר נישט מקריב אונדזער רעכט און אונדזער שטאלץ. דארט גיבן מיר זיך נישט אונטער. פארקערט, דארט באהויפטן און פארשטארקן מיר אונדזער פערזענלעכקייט.

עס איז דער אלטער און פונדאמענטאלער אונטערשיד צווישן דער אידעע פון א יידישן צענטער און א געטא, צווישן „אויטאנאמיע" און „זעלבסשטענדיקייט". רופט אן די פאלעסטינע־ארבעט, ווי איר ווילט — א יידן־שטאט־באוועגונג, א גייסטיקער צענטער, א נאציאַ־נאלע היים, אדער אנדערש — דער תוך איז דער אייגענער: עס איז א צענטער פאר יידן, עס איז א בארייכערונג פון דער געשיכטע, א דערווייטערונג פון די וועלט־פערספעקטיוו.

און פארקערט, רופט אן די אויטאנאמיע־באוועגונג אין די איצ־טיקע יידישע צענטערס מיט וואסער נאמען איר ווילט — עס איז פארט דער וועג צום געטא, צו דער אפשליסונג, פארשכלערונג און צום צמצום.

און עס זענען דא צוויי צמצומס — דער שעפערישער צמצום פון א גרויסער קראפט, פון א ליכט־קוואל, וואס קאנצענטרירט זיך אויף איין פונקט און שאפט א נייע וועלט; און עס איז דא א צמצום פון איינגעשרומפן ווערן, פון אלט ווערן, פון קלענער ווערן. און אזא צמצום איז יעדע געטאיזירונג פון דעם יידנטום אויף יעדן געביט.

געוויס, איך פֿאַרשטיי פּראָפֿעסאָר איינשטיינס גרויסן צער. אָבער מיט צער, אַפֿילו מיט אַזאַ שיינעם און טיפֿן, ווי דעם איינשטייניִשן, קאָן מען נישט שאַפֿן קיין יידישע קולטור, קיין יידישע צוקונפֿט. די שכינה רוט נישט — ווען נישט אין שמחה, און אויך נישט די שכינה פֿון דער געשיכטע.

די נעכטן=און מאָרגן=יידן.

מאַקס נאָרדוי האט מיט יאָרן צוריק אויסגעטאָקט דעם וואָרט וועגן „אויך= און בויך-יידן" -- יידן, וואס זענען, אַ חוץ אלעמען, אויך= יידן. יידן, וואס זענען דייטשן, פראנצויזן, ענגלענדער אָדער מאדיאַרן, און „אויך" — יידן; — און דערנאָך אַזעלכע יידן, וואס זענען צוגע-בונדן צו דעם יידנטום — דורך דער קיך.

אין זיין צייט האָט דאס ווערטל געמאַכט אַ רושם, איז געווען איינער פון די „שלאָגער" אין דער פראָפּאַגאַנדע פאר דעם ציוניזם חון דעם נאַציאָנאַלן יידנטום.

אָבער ווי אלע ווערטער פון נאָרדוי — „קאָנווענציאָנעלע ליגנס", „דעגענעראַציע", „סוף פון יאָרהונדערט-קולטור" א. אז. וו. — איז דאָס אויך געווען אַ וואָרט פין דער שעה, פאר דער שעה. עס איז נישט פארבליבן אין דעם יידישן קאַמף=וואָרט-שאַץ. דאס, וואס נאָרדוי האט דעמאָלט באקעמפט — ווערט היינט גערימט. דאס, וואס ער האט באַ-טראַכט פאר אַ סימן פון נפילה, דאס ווערט היינט באטראַכט פאר אַן עליה. און דווקא פון די, וואס האבן אָנגענומען נאָרדויס נאַציאָנאַל= פּאָליטישן פּראָגראם. גראָד זיי —די ציוניסטן — זענען געוואָרן ווייַ-ניקער הארב אין זייער פארלאנג, ווייניקער אויסקלייבעריש. זיי באַ-נוגענען זיך מיט זייער, זייער ווייניק, זענען זייער, זייער באשיידן. לאז ער זיין וואס ער איז — אבי ער איז „אויך" א ייד — אַבי ער „גיט" א פּאָר דאָלאַר פאר פּאלעסטינע — איז שוין דיינו. און ווען דער „אויך"-ייד איז נאָך אַ באַוווסטער אַדוואָקאַט און — וואס איז נאָך וויכטיקער — אַ רייכער אדוואָקאַט — מאכט מען פון דעם „טפל" אַן „עיקר", ווערט דער „אויך"-ייד גאָר אַ מעלה.

און פון דער צווייטער זייט — די „דזשודאיזם"־אידן, די יידן, וואס פּרעדיקן טאָג און נאַכט — כשרות, בוכשטעבלעך אָדער אַלעגאָריש, אַ „בויך־יידנטום" אין אַן אַנדער אינטערפּרעטאַציע; „יידישע עטיק" — „בייבל", „רעליגיעזע דערציונג" און כדומה. די ווערט־וואָג האט זיך געביטן. וואס נעכטן איז געווען גרינג, איז היינט שווער, און פאַרקערט.

און ווען נאָרדוי וואלט נאָך היינט געלעבט און וואלט זיך צוגעקוקט צו דעם יידנטום פון דער נייער פאָרמאַציע, צו דעם יידנטום פון אמעריקע, אָט דעם, וואָס איז ארויס פון איין „געטאָ" און קלייבט זיך אריבער אין אַ צווייטער — וואָלט ער זיכער רעווידירט זיין שארפע פאָרמולע און געפונען אַ נייע, אַ פאסנדיקע, אַ צוגעפּאַסטע.

ער וואָלט בלויז באדארפט לייענען אַ פּאָר נומערן פון די ניי־יידישע זשורנאַלן, וואס ווערן דא געשריבן פאַר יידן — פאַר דער יידישער אינטעליגענץ — אויף ענגליש; ער וואָלט בלויז באדארפט אַ פּאָר מאָל גיין צו די באַנקעטן, וואס אָט די „פארטרעטער פון דער יידישער אינטעליגענץ" מאכן דאָ פון מאָל צומאָל, אזוי צו זאָגן, די אָרעם־מאָלצייטן פון דעם יידישן גייסט. און ער וואָלט געהערט — און געזען — א נייע פאָרם פון דעם יידנטום, וואס איז אפשר נאָך קראַנקער, נאָך אומבאַטירלעכער ווי די אלטע פאָרם פון „אויך" און „בויך".

ווארים סוף־כל־סוף, אי „אויך" אי „בויך" זענען ווירקלעכקייטן. דער דייטשער ייד, וואס איז געווען דריי און צוואַנציק שעה אין טאָג אַ דייטש און איין שעה אַ ייד -- אָדער דער ייד, וואס האט אַנטדעקט זיין יידנטום בלויז פרייטיק־צו־נאַכט ביי די געפילטע פיש — זיי האבן געלעבט אין אַ פעסטער, סאָלידער סביבה, זיי זענען געשטאנען מיטביידע פיס אויף דער ערד — זיי זענען געווען אַ המשך פון אַ לאנגער טראַדיציע. זיי האבן געארבעט און געשאפן ווערטן — מאטעריעלע און גייסטיקע. זיי האבן מיטגעלעבט דעם לעבן פון זייער צייט, מיטגעשאפן זיין געשיכטע. יעדער ייד אויף זיין געביט: דער באַנקיר, דער פּאָליטיקער, דער קינסטלער, דער געלערנטער. און האָבן עפּעס דערגרייכט. זיי האבן אריינגעשריבן זייערע נעמען אין די בלעטער פון דער געשיכטע. און ווען זיי זענען געווען „אויך"־יידן, איז דאס געווען זייער אָפּט דערפאר, ווייל זיי האבן אינסטינקטיוו געפילט, אז זיי האָבן נאָך דערוויילל עפּעס אַ „מיסיע" צו דערפילן אין דער וועלט. זייער נעפּיל האט זיי נישט אָפּגענאַרט. זיי האבן דערפילט זייער אויפגאבע.

די דייטש־יידישע ליבעראלן, די סאָציאַליסטישע פירער, די „יידישע" פרעסע, וואָס האט העכער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געקעמפט אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, געקעמפט פאר דער דעמאָקראַטיע, פאר דער באַפרייונג פון דער געזעלשאַפט, — די יידישע קינסטלער און דענקער, וואָס האבן אריינגעבראכט זייער יידישן טעמפּעראַמענט און זייער חריפות אין דעם וועלט־דענקען, — זיי האבן נישט געלעבט אומזיסט. און עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, וועד עס איז געווען געטרייער צום יידישן גייסט — די, וואָס האבן געאַקערט און געזייט אויף דעם „פרעמדן פעלד", אָדער די, וואָס האבן געהאַלטן אין רופן — צוריק.

דערפאַר איז אויך זייער איבערגאַנג אַ נאַטירלעכער. דערפאַר איז דאָס מעגלעך געוואָרן, אַז אין דייטשלאַנד האט זיך אָנגעהייבן — דווקא צווישן די אסימילירטסטע קרייזן — אַ מין נאַציאָנאַלער רענע־סאַנס, אַ פּאַרטיפונג, אַ פאראייִדעלונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן גע־פיל. ווייל זיי פילן, אַז זיי האבן עפּעס אָפּגעטאָן, אַז זיי האבן דער־פילט זייער חוב. פון איין פעסטקייט צו אַ צווייטער, פון דער אַל־געמיין־מענטשלעכער צו דער יידיש־מענטשלעכער — אזוי איז זייער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג.

אָבער אָט איז אַ גרופּע יידן אין אַ נייער סביבה. יידן, וואָס זע־נען נישט נאַציאָנאַל און נישט אסימילירט, וואָס האבן זיך אָפּגעריסן אינגאַנצן פון דער אַלטער, קאָמפּליצירטער יידישער וועלט און האבן נאָך גאָרנישט געפּרוווט אפילו אריינצוטרעטן אין דער נייער, אַלגע־מיינער. יידן — וואָס האבן בלויז פאַרגעסן און נאָך גאָרנישט גע־לערנט, וואָס האבן זיך בלויז דערוווייטערט און צו גאָרנישט זיך דערנענ־טערט. אַן אינטעליגענץ, וואָס שטייט ווייט פון יעדער גייסטיקער באַ־וועגונג בכלל און נעגירט נאָר איידער זי האט זיך באַהעפט — און וויל זיך באַהעפטן — נאָר איידער זי האט דערפילט די התלהבות פון זיך פאַרשמעלצן.

וואָס האט די יידישע אינטעליגענץ ביז איצט אויפגעטאָן אין אַמעריקע? ווו איז איר בייטראַג, איר חלק אין דער אַלגעמיינער קולטור? אַ חוץ אַ פּאָר דייטשע און רוסישע יידן, וואָס זענען אַרי־בערגעקומען אַהער, האט נאָך כמעט קיינער פון זיי — קיינער פון דעם נייעם דור, פון די דאָ־געבוירענע, פון די „אַמעריקאַניזירטע", ד. ה. פון די, וואָס רעדן ענגליש אלס מוטערשפּראַך און האבן ענ־גלישע נעמען — אויב נאָך נישט קיין פאַמיליעס, — האט, זאָג איך,

קיינער פון זיי גאָרנישט אויפגעטאָן אויף דעם געביט פון דער אַמעריקאנער קולטור. דאס העכסטע, וואס מען קאָן אָנווייזן — איז אַ פּאָעט אָדער צוויי — און דאס אויך נישט קיין ערשטקלאסיקע. נישטאָ קיין איינציקע פּערזענלעכקייט, וואס זאָל זיך קאָנען פארגלייכן מיט די יידן פון דייטשלאנד אדער פראנקרייך, קיין איין פירער אויף קיין איין שום געביט — אפילו נישט אויף דעם פינאַנציעלן.

די סיבות זענען פארשטענדלעכע: אמעריקע איז אַ יונג לאַנד דאס יידנטום איז דאָ נאָך אַ נייער קיבוץ. אבער דאס איז נאָר אַ תירוץ און אַ דערקלערונג. עס ענדערט נישט דעם פאקט. עס פארענטפערט אויך נישט די פראגע: פארוואס זענען יידן דאָ אזוי גיך מיד געווארן, פארוואס זענען זיי געוואָרן תיכף לופטמענטשן פון דעם גייסט?

איך האב זיך איינגעהערט אין זייער רעדן. און דער הויפּטמאָטיוו איז: וואס וועט זיין מאָרגן, וואס וועט געשען מיט דעם יידנטום? איר הערט פון זיי בלויז: מיר זענען געווען — טראַ־טאַ־טאַ — און דאָ צעלאָזט זיך די מליצה אויף רעדער, וואס זענען „מיר” נישט געווען? העלדן! פרעדיקער פון שלום, גאָט-ברענגער א. אז. וו. — און דערנאָך קומט „מיר וועלן זיין”, מיר דארפן זיין — טראַ־טאַ־טאַ-טאַ!

און יעדעס מאָל, ווען איך דערהער דאס, דערמאָן איך זיך אָן י. ל. גאָרדאָנס שיר: „עבדים היינו — ומה אנחנו עתה”. ענדערט די ערשטע העלפט פון דעם זאַץ, שטעלט אריין אויף דעם אָרט פון „עבדים” — גבורים, אָדער וואס איר ווילט אליין פאר א כבוד־עפּיטעטן — אָבער די פראגע בלייבט אלץ: „ומה אנחנו עתה?”. געווען — וועט זיין — נו, און איצט? נעכטן איז דאס יידנטום געווען — געווען — אַ געוואלד, וואס עס איז געווען, אַ שפּילעכל. וואס עס איז געווען — וואס ווייסן זיי, אייגנטלעך, די גוטע יונגעלייט, וואס דאס יידנטום איז באמת געווען? — און מאָרגן וועט עס זיין — מען קאָן גאָרנישט אָפּשאַצן וואס עס וועט אלץ ווערן. גוט, מסכים, הלואי — אָבער היינט? די אבות — די קינדער — אָבער זיי אליין, די, וואס זענען קינדער פון די אבות און נאָך נישט קיין פאטערס פון די קינדער — וואס זענען זיי אליין? וואס איז זייער אָרט אין דעם לעבן — אין דעם יידישן אדער אין דעם אלגעמיינעם?

די צייט פון אַלגעמיינע פּראָזן איז שוין פאַרביי. עס איז איינס פון די צוויי: אָדער זיי ווילן אַ נייַ יידנטום, אַ גרויס יידנטום און אַ זעלבסטשטענדיק יידנטום — איז עס זייער חוב אים צו שאַפן — אליין און היינט און מיט זייערע אייגענע כוחות. דאָס פעלד איז פריי. לאָזן זיך אָט די יונגעלייט אוועקלאָזן קיין פּאַלעסטינע, לאָזן זיי דאָרט אַרבעטן, ווי די חלוצים פון דייטשלאַנד אָדער עסטרייך, לאָזן זיי אַוועקגעבן זייער ענערגיע און זייער אידעאַליזם אויף אַ היסטאָרישער אַרבעט אין אַ היסטאָריש־שעפערישער צייט. אָדער — אויב פּאַלעסטינע איז צו ווייט — לאָזן זיי זיך דערנענטערן אויפסניי צו די יידישע מאַסן אין אמעריקע, וואָס זענען נאָך געבליבן אין דער נאַציאָנאַלער סביבה, לאָזן זיי זיך אויסלערנען די שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק — רעדן אויף איר, לייענען איר ליטעראַטור, שטיצן זי גייסטיק און מאַטעריעל, ליב האָבן זי מיט אַ ממשותדיקער ליבע.

אָדער אויב נישט — אויב דער וועג צו דעם „נעכטן" איז שוין פאַרשפּאַרט, זאָלן זיי שאַפן אין דער נייער סביבה, שטורמען די וואַנט, אויב זיי געפינען זי פאַר זיך, אַריינרייסן זיך אין דעם אַמעריקאַנישן לעבן מיט דעם יידישן אימפּעט און אַריינטראָגן אַהין דעם יידישן ברען, דעם אַלטן פייער, וואָס יידן האָבן מיט זיך מיטגענומען אין אַלע גלותן.

מאָרגן — ווען איז דער מאָרגן? פאַר מאָרגן לאָז זיך גאָט זאָרגן. אָדער אפשר איז דאָ אויך פּאַסיק דער אַלטער קינדערשפּרוך: „מאָרגן, מאָרגן — נאָר נישט היינט, זאָגן אַלע פוילע לייט".

וואָס גייט אייך אָן די „צוקונפט" פון די יידן אין אַמעריקע? די צוקונפט איז דאָך נישט מער ווי אַ רעזולטאַט פון דער קעגנוואַרט. ווי איר וועט שאַפן דעם היינט — אַזוי וועט זיין דער מאָרגן. און איר קאָנט זיכער זיין, אַז די, וואָס האָבן דערהייבן די „מנורה" צו אַ נאַציאָנאַלן סימבאָל, די, וואָס האָבן געוועבט אַרום איר אַ לעגענדע פון פרייהייט און באַפרייונג — די מכבים — האָבן זיך נישט געפרעגט: וואָס וועט זיין מיט די יידן — מאָרגן, ווען די העלעניסטן וועלן זיגן? זיי האָבן נישט געוואַרט, זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן — נאָר אַליין געקעמפט — פאַר דעם היינט. אַנטקעגן אַנטיוכוס און דעם העלעניזם קעמפט מען נישט — אויב מען וויל בכלל קעמפן — מיט וועקסלען אויף מאָרגן, נאָר מיט דעם ווילן צום היינט. מען צינדט היינט די מנורה, פון טאָג צו טאָג — מען מאַכט

זי פאר אַ „נר תמיד" — און נישט בלויז פאר א מאָטיוו פון פאַר־צירונג, פון אַן אָרנאמענט. עס איז אָדער-אָדער: אָדער יידיש מיט אלע קאָנסעקווענצן — אָדער אַסימילירט מיט א צוועק. דאָ אין דאָרט אַ טאַט, דאָ און דאָרט אַ ווירקלעכקייט. אָבער האלב אין האלב, אָבער בלויז שיין־רעדנעריי און אלט-ניי-מאָדישע רעטאָריק, און אלץ גריבלען זיך אין דעם נעכטן און אַלץ פאָדערן פון דעם מאָרגן — מיט אַזאַ גייסטיקן בוימל קאָן מען קיין מנורה נישט שפּייזן. זי וועט פארלאָשן ווערן נאָך איידער זי וועט זיך צעפלאַקערן.

„א י נ ד ע ר ה י י ם".

פון צייט צו צייט באקום איך בריוו פון פאלעסטינע. עס שרייבן אייגענע, עס שרייבן פרעמדע. אלץ ניי=אנגעקומענע אימיגראנטן, וואס האבן זיך אריבערגעראטעוועט קיין פאלעסטינע פון רוסלאנד. נישט קיין פריילעכע בריוו. שורות אנגעזאפט מיט דאגות. יעדער צווייטער זאץ: וואס זאלן מיר טאן? זיי האבן נישט קיין ארבעט, זיי בייטיקן זיך, זיי קלאגן זיך.

עס איז נישט קיין נאווינע. מיט אזעלכע בריוו קאן מען הייגט נישט איבערראשן. עפנט איר די פאסט, פונוואנען זי זאל נישט קומען, אבי פון יענער זייט ים, קאנט איר זיין זיכער, אז איר ווייסט דעם נוסחאויף אויסנווייניק. צי דער פאסט-שטעמפל איז פון אוקראינע אדער ליטע, פוילן אדער דייטשלאנד — דער אייגענער טעקסט — נויט, הילף, געלט, צרות.

אבער פארט איין קליינער חילוק איז פאראן. און אויב איר ווילט, איז דאס גאר נישט קיין קליינער חילוק. נאר זייער א גרויסער, גאר א גרויסער. נויט, דחקות, ווירקלעך, אבער עס איז דא א ווארעמקייט אין דעם בריוו, עפעס א זוניקייט, וואס שטראלט ארויס אפילו פון די פארכמורעטע ווערטער. דער ייד פון ארץ ישראל קלאגט זיך אויף זיין נויט, זיין אייגענער, אבער נישט אויף דעם לאנד, אט ווי אין פוילן אדער אין דער אוקראינע, ווו דער אינדיווידועלער אומגליק ווערט פארגרעסערט פון דער אלגעמיינער פינסטערניש; ווו יעדער יידליידט נישט בלויז פאר זיך, נאר פאר אלע; ווו יעדער פילט זיך ווי א מין קרבן פאר כל ישראל — און, ווי א קרבן, האט ער טענות צו כל ישראל.

דאס איז דאך דאס טרויעריקסטע אין דעם אלטן יידישן ישוב

אין מזרח־אייראָפּע: אַן אָסיען־הימל, כמאַרעס, קאַלט און נאַס, פון אַלע זייטן שנאה, אומעטום אומצופרידנקייט, און קיין שום האָפענונג.

אָבער אין ארץ־ישראל שיינט די זון, אין דחקות און אין אָרעמקייט — אָבער עס איז פאַרט וואַרעם, וואַרעם איבער דעם קאָפּ, וואַרעם אויפן האַרצן.

„איך בין אינדערהיים", שרייבט מיר איינער אַ נאָענטער פון פּאַלעסטינע. אָפּגעלעבט כמעט אַ גאַנץ לעבן אין אוקראַינע; זיידעס און עלטער־זיידעס אויף דעם פעלד; אויפגעוואַקסן אויף די ברייטע סטעפּעס פון אוקראַינע, דאָרט געלעבט, דאָרט געשאַפט, דאָרט געליטן — און קיינמאָל זיך נישט געפילט אינדערהיים. תמיד געבענקט ערגעץ וווהין, געטראַכט פון אַוועקפאָרן. אָפּט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס, צוליב וואָס. אַזוי גלאַט, אינסטינקטיוו, געפילמעסיק — עס האָט אים פּשוט געצויגן — אַהיים, צו דער זון.

און אָט איז ער שוין אין ארץ־ישראל. עס איז אים מאַטעריעל ערגער, ווי אין דער אַלטער היים. אַ פרעמדע סביבה, קנאַפּע האָפענונגען אויף דער צוקונפט. און דאָך — ער איז צופרידן, ער איז באַרויקט; ער האָט דערגרייכט דעם ציל פון זיין וואַנדערונג. ער איז אינדערהיים.

* * *

און וואָס דאָס קליין פונקעלע היימגעפיל מאַכט! וויפל יידן זענען דאָ אין פּאַלעסטינע? וואָס באַטייטן זיי אַקעגן דעם קבוץ אין פוילן אָדער אין אַמעריקע? דאָס גאַנצע פּאַלעסטינער יידנטום קאָן אַריין אין אַ טייל פון די בראָנקס, אָדער אין די יידישע גאַסן אין וואַרשע. עס איז היינט אין מאָסקווע אַליין פאַראַן כמעט אַזאַ גרויסע צאָל יידן, ווי אין גאַנץ פּאַלעסטינע. און פונדעסטוועגן זעט דעם אונטערשיד: וואָס טוט אויף דאָס בראָנקסער אָדער מאָסקווער יידנטום און וואָס דאָס פּאַלעסטינישע?

יעדן טאָג קומט אָן פון פּאַלעסטינע אַ נייער באַווייז פון אַן איניטענסיווער, גייסטיקער אַרבעט, אַזוי אומגעצווונגען, נאַטירלעך, זעלבסטפאַרשטענדלעך. מיין גרעסטע פאַרווּנדערונג איז געווען אַ העברעישע מאָנאַטשריפט פון פּאַלעסטינע, געווידמעט די אינטערעסן פון די אייזנבאַןפּאָסט־ און טעלעגראַף־באַאמטע. אַ מאָנאַטשריפט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אין דריי שפּראַכן, העברעיש, אַראַביש און ענגליש; אבער דער

אַראַבישער און ענגלישער טייל זענען נאָר אַזוי, אויף יוצא זיין, אויף המוציא, די הויפּטזאַך איז דער העברעישער טייל. דאַכט זיך, נישט מער ווי פּערציק, אָדער פופציק מענטשן אין דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. אָבער זיי האָבן שוין אַ זשורנאַל. און אָט קומט אַ נייער זשורנאַל „השחמט״, אַ שאַך-צייטונג, אַרויסגעגעבן פון דעם ירושלימער שאַך-פאַריין „עמנואל לאַסקער״.

קאָנט איר זיך אויסמאָלן אַזאַ זאַך אין ניו-יאָרק? מיר קאָנען דאָך אַפילו נישט שאַפן אַ גוטע וואָכנשריפט פאַר יידן — אויף יידיש. מען קאָן דאָך דאָ אַפילו נישט פאַרעפנטלעכן קיין בוך. יידן זענען דאָ, אָבער דער יידישער גייסט פעלט, דער יידישער ווילן און דאָס היימגעפיל, וואָס מאַכט אַלצדינג, וואָס איז יידיש, נאַטירלעך.

אָט דאָס איז דאָך דער פּראָבלעם פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. אָט דאָס איז, וואָס אונדזערע יידישיסטן און „גלות-נאַציאָנאַליסטן״ ווילן נישט פאַרשטיין. זיי פילן נישט, אַז אַ קולטור קאָן נישט געשאַפן ווערן קינסטלעך, ווען עס איז נישטאָ פאַר איר קיין נאַטירלעכע נויטווענדיקייט. דער ייד אין פּוילן דאַרף נישט האָבן די יידישע צייטונג. פאַר אַ נויט קאָן ער לייענען אַ אַ פּוילישע. דער ייד אין אַמעריקע לייענט די יידישע צייטונג בלויז פון געוווינהייט אָדער פון פוילקייט, ווייל ער פוילט זיך צו לייענען אַן ענגלישע. פאַר ביידע איז דאָס נישט קיין הכרח. און דערפאַר, ווען עס קומט צו העכערע פראַגן, ווען דער ייד מוז שוין אָנשטרענגען אַ ביסל מער זיין קאָפּ, ווען ער וויל האָבן אַ קולטור-תענוג, דעמאָלט זוכט ער שוין דווקא דאָס שווערערע — דעמאָלט גייט ער אוועק פון דעם יידישן וואָרט.

אין פּאַלעסטינע אָבער איז דאָס יידישע וואָרט אַ הכרח. און נאָכמער, דער ייד איז דאָרט ווידער אוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע, ווו ער קען נישט גיין אויף דער ליניע פון דעם קלענסטן ווידערשטאַנד. מענטשן געוויינען זיך צו צו גרינגקייט, אָבער אויך צו שווערקייט. אין אַמעריקע טוט מען דאָס גרינגערע. מען גייט נאָך דעם שטראָם. אין פּאַלעסטינע מוז מען אויסקלייבן דאָס שווערערע. דאָס גאַנצע לעבן איז געשטעלט אויף אַ העכערן גייסטיקן טאָן — און דערפאַר איז אויך דאָס גייסטיקע לעבן דאָרט העכער, שווערער און טיפער. און מען קלאָגט זיך נישט, ווייל — נו, יאָ, ווייל עס איז היים.

* *
*

עס זענען צייטן פון יאוש; צייטן, ווען עס ווייזט זיך אויס, אַז מיר יידן וואָלטן באַדאַרפט אויפהערן צו קעמפן, דולן זיך דעם קאָפּ, זיך און אַנדערע. געגוג! מיר ווערן זיך אַליין נמאס. מיר זעען נישט קיין צוקונפט פאַר זיך, און אַרומגיין מיט דעם געפיל, אַז מיר זענען די לעצטע, אַז נאָך אונדז קומט דער מבול — איז אַ שווערע באַציונג צום לעבן. זי פּאַראַליזירט יעדע ענערגיע.

וואָס וואַרט אויף אונדז באמת אין אייראָפּע אָדער אין אַמעריקע? מיר זעען זיי שוין, די קומענדיקע דורות, וואָס קאָנען נישט בלויז נישט יוספן, נאָר יעקבן שוין אויך נישט. מיר זעען צעבראָכענע שערבלעך, און קיין גאַנצע, שיינע כלי, קיין קונסט=וואַזע קאָן פון זיי נישט ווערן. יעדער טאָג ברענגט פּאַרדראָס, ביז צו עקל. אַ טאָג יידיש לעבן פאַרביטערט און פאַראומערט אייך אויף אַ וואָך. די פראַגן, וואָס ווערן פארהאַנדלט, דער טאָן, די אַטמאָספערע! פּראָווינציעל, קליינשטעטלדיק, געטאָ-מעסיק, בטלנותדיק — און אַזוי וועלט-פרעמד, אַזוי ווייט פון דעם אמתן, רעאַלן לעבן פון דער צייט. אַזוי איז די יידישע פּרעסע, אַזוי איז די יידישע פּאָליטיק. פון צווייטער האַנט. די איינציקע רעאַליטעט איז: „קעש" — אָט דער משוגהדיקער אויסגעשריי, וואָס איך הער יעדן טאָג אויף יעדן ווינקל, אָנהייבנדיק מיט דעם אַלטע-קליידער-אויפקויפער, וואָס שרייט יעדן פרימאָרגן אונטער מיין פענסטער, און ענדיקנדיק אויף דער נאַכט אין טעאַטער.

דאָס יידישע לעבן איז נישט אויף זיין אָרט. עס איז אַ פרעמדע פלאַנץ, וואָס קאָן זיך גישט אַקלימאטיזירן. און מיר פילן דאָס. און עס טוט וויי.

יידן דאַרפן האָבן זון, אָבער די זון איז פאַרדעקט, אָדער פון די פויליש-רוסישע כמאַרעס, אָדער פון די אמעריקאַנישע וואָלקנקראַצערס.

יידן דאַרפן האָבן באַוועגונג, ברייטקייט, און זיי זענען איינגעענגט און מוזן זיך תמיד צופּאַסן, אָנבויגן דעם קאָפּ, מעסיקן זיך, אָנטאָן זיך אַ צוואַנג. דערפאַר אויך זייערע פעלערן. עס זענען די פעלערן פון פסיכישער אומפרייהייט.

און ווען עס טוט אַ ווייע אַ ווינטעלע פון פרייהייט, פון היימישקייט, פון וואַרעמקייט — אַ ווינטעלע פון דער אין זון-איינגעטונקטער פּאַלעס-

טינע — ווערט מיטאַמאָל אַזוי ליכטיק אויפן האַרצן, ליכטיק און וואַרעם און גרינג.

עס איז דאָך דאָ אַהיים פאַר מיר און פאַר דיר. עס איז דאָך דאָ אַ המשך. עס איז דאָך דאָ נאָך אַ זון — און אַ זין. ווירקלעך, ווען פאַלעסטינע וואָלט נישט געווען, וואָלט מען זי באַדאַרפט אויס-טראַכטן!

טעאָלאָגישע פעלץ=וואַשער.

עס איז שוין, הפנים, געוואָרן אַזאַ מנהג: פאָרט אַ קריסטלעכער טעאָלאָג אין פאַלעסטינע — זאַמט זיך דאָרט אָפּ אַ קורצע צייט, באַזוכט אַלע היסטאָרישע ערטער, רעדט זיך דורך מיט אַנדערע טעאָלאָגן — און קומט דערנאָך צוריק אַ פאַרטיקער מבין, אַן אויטאָריטעט אויף דעם ציוניזם, אויף דעם ארץ־ישראל־ישוב, און אַלס אַן אויטאָריטעט זאָגט ער דעות און קריטיקירט און ווייזט אָן וועגן.

צוערשט איז דאָס געווען דר. פריטשעט, אַן אַסטראָנאָמיש=טעאָלאָגישער פאַלעסטינע=פאָרשער. איצט איז עס דר. העברי פאַזדיק, אַ פראָטעסטאַנטישער גלח, וואָס באַלאַנגט צו דער אומפאַרשטענדלעכסטער און אומגליקלעכסטער שאַטירונג פון דעם פראָטעסטאַנטיזם, דער פריי=רעפאָרמיש=צופאַסנדיקער.

מיט דעם מין קריסטלעכע טעאָלאָגן קאָן מען גאָרנישט וויסן ווו מען האַלט אין דער וועלט. מען ווייסט נישט וואָס זיי גלויבן און וואָס נישט, מען פאַרשטייט נישט פאַרוואָס זיי פאַרטיידיקן איין דאָגמע און וואַרפן=אָפּ אַן אַנדערע. מען פאַרשטייט נישט, ווייל זיי אַליין פאַרשטייען זיך נישט, ווייל זיי אַליין קאָנען זיך נישט דערקלערן — ווו זיי האַלטן. עס איז אַ מין שוועבן צווישן יאָ און ניין. אָדער פּשוטער געזאָגט: זיי ווילן וואַשן דעם פעלץ און אים נישט נאַס מאַכן. אַזוי אין פראַגן פון רעליגיע, אַזוי אין פראַגן פון היסטאָריע, פון סאָציאַלן לעבן און פּאָליטיק — אַזוי אין זייער אייגענער סביבה און אַזוי אין אַ פרעמדער.

מען קאָן פאַרשטיין דעם אָרטאָדאָקסישן קריסט, קאַטוילישן אָדער פראָטעסטאַנט. ער איז אַ קעגנער פון דעם ציוניזם, ווייל דאָס איז

קענען זיינע טראַדיציעס און אויך אקענען זיינע אינטערעסן. אָבער ווען ער איז שוין דערפאַר — איז ער עס מיטן פולן הארצן, מיט התלהבות.

אַט דערמאָנט זיך מיר די אינטערעסאנטע, די פאטעטישע פיגור פון דעם רעווערענד וויליאַם העקלער, דער ענגלישער גלח, וואָס האט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די ערשטע יאָרן פון דעם ציוניזם. דער אלטער גלח, דער געוועזענער מיסיאָנער צווישן די שווארצע אין בריטיש-אַפריקע און אַ מקורב ביי דער קעניגין וויקטאָריע און ביי די דייטשישע פירשטן, האט געגלויבט באמונה שלמה, אַז דער ציוניזם אין זיין פּאָליטישער, הערצלישער פאָרם איז נישט נאָר מעגלעך, נאָר נייטיק, טאקע פאר דעם קריסטנטום. אַ קוריאָזער שטאנדפּונקט — אָבער אַ פעסטער און באַשטימטער.

געוויס — ווען מען וואָלט באַוויזן דעם גוטן, אַלטן רעווערענד, אַז לויט אַ מאמר ערגעץ-ווו — אין דעם אלטן אָדער נייעם טעסטאַמענט — איז דער ציוניזם נישט כשר, וואלט ער תיכף געוואָרן אַ פלאַם-פייערדיקער קעגנער. אָבער אזוי ווי צום גליק האט מען אַזעלכע פסוקים נישט געפונען — איז ער געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר דעם ציוניזם.

איך געדענק אַן אַנדער גלח — אין רוים, אַ קאַטוילישן פּרעלאַט, אַן אַפּאָסטאָלישן פּראָטאָנאָטאַר. אונדז האט צוזאמענגעפירט דער געמיינשאפטלעכער אינטערעס פאר רוימישער ארכעאָלאָגיע און אלט-איטאליענישער פילאָלאָגיע. מיר פלעגן קיינמאָל נישט רעדן וועגן רעליגיע אָדער פּאָליטיק. אָבער איינמאָל איז דאך די רייד געקומען אויף דעם ציוניזם. „אוממעגלעך", — האט דער גלח געזאָגט, — פּאַלעסטינע איז נישט מער קיין לאנד. עס איז אַן ארכעאָלאָגישער מוזיי. פּרוּווט מאָדערניזירן און פּראָוואָלעדיקן דעם פּאָרום ראָמאַנום! וואָס געוועז, איז געוועזן — און קאַטש איין ווינקעלע פון דער ערד מוז בלייבן אָפּגעצוימט און אָפּגעטיילט פון דעם ליאַרם און דעם טומל פון דעם טעגלעכן לעבן".

אויך אַ שטאנדפּונקט. דעליקאט און אריסטאָקראַטיש אויסגעדריקט — אָבער טאקע דערפאר אַ הארטער „ניין" צו אלע אספּיראַציעס פון דעם ציוניזם.

אָבער אַט קומט אַ גלח – וואס זאָגט אי יאָ אי ניין. אייגנטלעך האט ער גאָרנישט קיין שום באַציונג צו דער גאנצער פראגע. אפילו לויט זיין גאנצער אויפפאסונג פון דעם קריסטנטום איז פאר אים פּאַ-

לעסטינע אויך בלויז א משל, א לעגענדע, א טעמע פאר א מאָראַלי־זירנדיקער דרשה. פאַלעסטינע אלס א לאַנד האט צו אים א קנאַפּע שייכות — און אויב איך האב נישט קיין טעות, אויך די גאַנצע היסטאָרישע דראַמע פון דעם יידנטום. איך לייען פון צייט צו צייט דרשות — די צייטונגען דרוקן זיי זייער אָפט — און איך זע, אז אין זייער גאַנצער וועלטאַנשויונג פעלט דער דראַמאַטיש־היסטאָרישער מאָטיוו, און מיר דוכט זיך, אז ווייניקער פון אלע איז דר. פאָזדיק מסוגל צו פארשטיין אָט דעם מערקווירדיקן, מיסטישן הינטערגרונט, אָט די אייגנאַרטיקע, רעמבראַנדטישע טונקלקייט, וואס גיט דעם גאַנצן יידישן בילד אזא געוואַלטיקע ווירקונג.

איך בין זיכער — ער האָט די בעסטע כוונות. איך ווייס, ער איז א הומאַנער, א ווייל־מיינענדיקער און אין זיינע גרענעצן פּראָ־גרעסיווער מענטש, ווי אלע רעפאָרם־גייסטלעכע, קריסטלעכע, ווי יידי־שע. אָבער ווי אלע רעפאָרם־גייסטלעכע איז אויף דעם האלבן וועג שטיין געבליבן, איינער, וואס וואלט געוואלט לייקענען און האט מורא פאר די לעצטע קאָנסעקווענצן. איינער, וואס האפט אויף א נס — אפשר וועט עס געראָטן: אָפּהאקן דעם קאָפּ און דאך נישט הרגענען, דער אלטער „פסיק רישא ולא ימות"־פּאַראַדאָקס.

אייגנטלעך, דאס, וואס דר. פאָזדיק האט מיטגעבראכט פון ארץ־ישראל איז נישט ניי און נישט אָריגינעל און נישט אינדיווידועל־דערלעבט. ער האט עס געהערט מן הסתם אָן א שיעור מאָל פון זיי־נע יידישע באקאנטע רעפאָרם־ראַבייס און גלאַט רייכע יידן, בפרט נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

ציוניזם — פאַלעסטינע — מהיכי־תיתי! פארוואס נישט? זאָלן זיך יידן באַזעצן אין פאַלעסטינע אויך! איז פאראן א יידישע קהילה אין ניו־יאָרק און אין ביאַליסטאָק און אין סידני — לאז זיין אויך א קהילה אין ירושלים. און פונקט ווי אלע רייכע יידן, אלע בערזע־יידן בענקען פון יאָרן און יאָרן, אז יידן — פארשטייט זיך, אנדערע — זאָלן זיך באַ־זעצן אויף דער ערד און ווערן „פּראָדוקטיוו" — דארף אויך דער יידישער קיבוץ אין פאַלעסטינע ווערן א לאַנדווירטשאַפטלעכער. מען זאָגט אפילו צו א געוויסע שטיצע. פארוואס נישט? געבן דארף מען דאָך! noblese oblige — גיט מען פאר ארץ־ישראל אויך! אָבער נישט ווייטער, אָבער נישט מער. פאַלעסטינע יאָ — ציוניזם לאָ — מיט א שטאַרקן, פעטן, זיילן־גרויסן אלף. ווייל ציוניזם מיינט „פּאָלי־

טיק", מיינט „נאַציאָנאַליזם", און פאַר די צווײ ווערטער האָבן די גר־ טע צדקה-געבער א שרעקלעכע מורא. זיי ווערן דערציטערט, ווען זיי דערהערן די־ראָזיקע מאַגישע ווערטער. עס ווייזט זיך זיי אויס, אז אין דעם מאָמענט, ווען יידן רעדן נאָר ארויס דאס וואָרט „פּאָליטיק", אָדער זאָגן, אז זיי זענען „נאַציאָנאַליסטן", וועלן זיך אויפהייבן אלע פעלקער פון דער וועלט און אָנגורטן זייערע לענדן און ארויסטרייבן אלע יידן פון די באנקן און די אַקציענגעזעלשאפטן און פון די פאָר קלובן, ווו מען לאָזט זיי נאָך אריין.

זיי ווייסן גאָרנישט, די גוטע שרעקעדיקע בשמות, אז זיי אליין זענען די אמתע „פּאָליטיק־מאַכער" און די גרעסטע „נאַציאָנאַליסטן", אז זיי אליין, וואָס צוימען זיך אָפּ פון דער גאַנצער וועלט און ווילן צופּאסן דאָס יידנטום צו יעדער לאַגע, אז דאָס אליין איז שוין נאַ־ ציאָנאַליזם. מחמת צופּאסונג איז — דערהאַלטן. דער יידישער אַנטי־ נאַציאָנאַליסט דאַרף גאָרנישט זיין פּארזיכטיק. ער האָט קיין מורא נישט פאַר קיין שום עקספּערימענט. ער וויל נישט, אז די וועלט זאָל זיך באַציען צו יידן דווקא מיט חסד. אים אַרט נישט, וואָס עס זאָל נישט פאַסירן מיט דעם יידנטום, און דער געדאַנק פון דעם יידישן אונטערגאַנג שרעקט אים אויך נישט.

און ווער ווייסט — אויב גראָד די „נאַציאָנאַליסטישע" ציוניסטן זענען גאָרנישט קיין אמתע יידישע נאַציאָנאַליסטן — יעדנפאַלס ווײ־ ניקער ווי די זייער פארזיכטיקע כלומרשט אַנטינאַציאָנאַליסטן פון דעם דייטש־אַמעריקאַניש רעפאָרם=יידן = טיפּ? די ציוניסטן ריזיקירן, זיי ווילן דורכברעכן די היסטאָרישע וואַנט. זיי שטעלן איין, גלויבן אין זייערע שאַנסן — אָבער זענען אויך גרייט צו טראָגן די קאָנסעק־ ווענצן פאַר דער אפשרדיקער פיאַסקאָ. מילא — איז דאָס יידנטום נישט לעבנספעיק! וואָס קען מען טאָן? האָט א פאָלק אָפּגעלעבט טויזנט יאָרן און פארדאַרט געוואָרן, איז א סוף, וואָס קאָן מען טאָן? אָבער כל זמן עס איז נאָך דאָ א האָפענונג און א פונק פון ענערגיע, דאַרף מען לעבן — אין דעם פולן זין פון וואָרט — לעבן מיט א ציל.

און דערפאַר שרעקט זיך אויך נישט דער ציוניזם פאַר דעם „נאַציאָנאַליזם". סוף-כל-סוף — פאַרוואָס מעגן אלע פעלקער פון דער ערד זיין נאַציאָנאַליסטן און דווקא יידן נישט? פאַרוואָס אזא „אתה־ בחרתנואיזם"?

אָבער די פּריינט פון דר, פּאָזדיק האָבן מורא פאַר דעם וואָרט. זיי זענען אתה־בחרתנואיסטן, און זיי האָבן איינגערעדט דעם גוטן פּראָ־טעסטאַנטישן גלח, אַז מען קאָן וואַשן דעם יידישן פעלץ און — אים נישט נאַס מאַכן. און אָט קומט דער דאָקטאָר קיין פּאַלעסטינע, זעט די לאַגע. קוקט זיך איין — איך נעם אָן, אַז ער האָט עס געטאָן מיט זיין גאַנצן ערנסט — אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען. און טראָגט אַרויס אַ פּסק: פּאַלעסטינע — יאָ, אַ שיין לאַנד, אַ שווער לאַנד. די אַרבעט פון די ציוניסטן — געוויס גרויסאַרטיק, העלדיש, אָבער — שווער צו האָפן אויף אַגריקולטור. אָבער אַלצדינג וואָלט געווען אַריי־בערצוטראָגן ווען נישט — דער נאַציאָנאַליזם!

אַ גאַנץ אומגעריכטער שלוס פון די געגעבענע הנחות. לאָגיש, וויסנ־שאַפטלעך, פּאָליטיש וואָלט געווען צו זאָגן: דער היינטיקער סיס־טעם פון דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע איז נישט גוט אָדער קאָן פירן צו די געוואָלטע רעזולטאַטן — דערפון זינגען דאָך אַלע פייג־לעך פון די דעכער, דערפון רעדט מען דאָך טאָג און נאַכט אין פּאַלעסטינע און צווישן די ציוניסטן אין דער גאַנצער וועלט — און דערפאַר מוז מען געפינען נייע וועגן. מען דאַרף געפינען אַ מעג־לעכקייט פאַר אינדוסטריע, פאַר האַנדל, מען מוז אַריינציען פּריוואַט־קאַפּיטאַל, מען מוז איבערבויען דעם גאַנצן סיסטעם, און וואָס וייס איך נאָך? עס איז געוויס נישט דער חוב פון דר. פּאָזדיק דאָס אַלץ צו זאָגן. ער איז נישט קיין פּאַלמאַן — און נישט קיין מיטגליד פון דער „עקספּערטן־קאָמיסיע“. אָבער ווען מען רעדט שוין — מוז מען זיין אי פאַראַנטוואָרטלעך אי לאָגיש.

אָבער ה׳ פּאָזדיק געפינט איין מיטל פאַר דער גאַנצער טראַ־גישער לאַגע פון דעם ציוניזם — און די לאַגע איז באמת טראַ־גיש, — אַ זייער פּשוטן, זייער אַנגלאָ־סאַקסאָניש־יידישן, זייער טעמפּל־עמנואלדיקן: דער ציוניזם אין פּאַלעסטינע מוז אויפהערן צו זיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש.

גוט, לאָמיר אויף איין מינוט אָננעמען, אַז דאָס איז אַ גע־דאַנק, און נישט בלויז קיין וואָרט־עכאָ פון ניו־יאָרק. ווי אַזוי קאָן דאָס געשען? וואָס מיינט דאָס? ווידעראַמאָל — ריין לאָגיש מיינט עס, אַז די יידן אין פּאַלעסטינע מוזן זיך אָפּזאָגן פון אַלע נאַציאָ־נאַלע פאָדערונגען — און דאָס מיינט פון דער שפּראַך, פון פּאָליטי־שער פאַרטרעטונג, פון נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס מיינט, אַז די יידן

אין פאלעסטינע זאָלן זיך אָדער אַראַביזירן, אָדער אַנגליזירן, אָדער ווערן אַבסאָלוט אָריענטאַלן, אַזוי ווי זייערע שכנים, אָדער ווערן לע־וואַנטינער — האלב = אייראָפּעיזירטע, ווידעראַמאָל ווי א טייל פון זייערע שכנים, ווי די באַרימטע טיפּן באַריזי און די אַנדערע אין דיזראַעליס „טאַנקרעד". עס זענען פאַראַן — ווי מען זאָגט אין דעם באַוווּסטן אַנעקדאָט — „צוויי מעגלעכקייטן". אָבער ווי ענדיקט זיך אויך דער אַנעקדאָט: „אויב די און די מעגלעכקייט וועט קומען — פּע — איז דאָס טאַקע מיאוס"! עס איז נישט שווער צו פּועלן ביי יידן צו ווערן לעוואַנטינער, זיך ענגליש צו אַסימילירן; אין פּאַלעס־טינע, אפשר וואָלט דאָס געפּאַסט אונדזערע אַמעריקאַנער גבירים. אָבער איך בין זיכער, אַז דר. פאַזדיק וואָלט דער ערשטער געזאָגט: „ווי מיאוס, ווי אומעסטעטיש"! און ער וואָלט געווען גערעכט.

אויב אָבער נישט קיין לעוואַנטינער און נישט קיין אַראַבער — וואָס דען? בלייבט דאָך איין אויסוועג: יידן. און דאָס מיינט — אייגנאַרט אין שפּראַך, אין לעבן, אין סאָציאַלן אויפבוי, און דאָס מיינט אויך — פּאָליטיק.

נישט נאַציאָנאַליזם? אין ארץ־ישראל זענען נישטאָ נאָך קיין נאַציאָנאַליסטן, עס זענען דאָרט פאַראַן: נאַציאָנאַלע יידן, אָדער יידן, וואָס זענען אַזוי נאַציאָנאַל, אַז זיי טראָגן נישט מער אין זייער באַוווּסטזיין דעם אייביקן יידן.

אָדער מיינט אפשר דר. פאַזדיק, אַז יידן מוזן באַשעפטיקן אַראַ־בישע אַרבעטער? אַ ריכטיקער שטאַנדפּונקט. געוויס, עס וואָלט אַזוי באַדאַרפט זיין. עס וועט מן הסתם אויך זיין אַזוי; אָבער ווייסט דען נישט דר. פאַזדיק, הגם ער איז בלויז אַ טעאָלאָג, אַז עס הערשט היינט אין דער וועלט אַזאַ פּרינציפּ ווי סאָציאַלע אָרגאַ־ניזאַציע מיט אַ באַשטימטן „סטאַנדאַראַוו לייף"? דער אויסטראַלי־שער אַרבעטער פאַרשליסט די טויערן פון זיין קאָנטינענט פאַר דעם אַרבעטער, כדי ער זאָל נישט אַראָפּנידערן דעם אַרבעטסלוין. אַזוי אויך דער אַמעריקאַנער אַרבעטער. פאַרוואָס זאָל דער יידישער אַר־בעטער צולאָזן די קאָנקורענץ פון דעם אַראַבער, וואָס באַנוגנט זיך מיט אַ הונגערלוין? געוויס וואָלט עס געווען ביליקער פאַר דעם קאָלאָניסט אין ראשון־לציון אָדער רחובות צו דינגען אַראַבישע אַר־בעטער. דאָס וואָלט געמיינט, אַז ער, דער אַלטער קאָלאָניסט וואָלט געהאַט אַ גרעסערן פּראָפיט. אָבער איז דאָס פון דעם מענטשן, פון

דעם מענטשלעכן, פון דעם סאָציאַלן שטאַנדפּונקט גערעכט? סוף-כּל-סוף — דער אַראַבער האָט אַרבעט. ער האָט ערד, ער האָט פּי-ער קאָן אַפילו האָבן קאַפּיטאַל, ווען ער וויל. לאָז ער קאָנקורירן, מהיכי-תּיתי, לאָז ער בויען פאַבריקן, לאָז ער דערהייבן זיין אַגרי-קולטור צו דער יידישער הויך, לאָז דער עפענדי צאָלן זיין אַראַבישן אַרבעטער דעם יידישן פּרייז, עס וועט זיין בעסער פאַר דעם לאַנד און פאַר די אַראַבער.

געוויס, איך לייקן עס נישט. די אַראַבישע פראַגע איז אַ ערנסטע. זי קאָן ווערן זייער ערנסט, אויב די ציוניסטן זאָלן נישט אָנגייבן אַ סיסטעמאַטישן, פּלאַנמעסיקן, גרויסצוגיקן און ווייט פאַר-נעמיקן אויפבוי-פּלאַן. יעדער פון אונדז, וואָס איז געווען אין פּאַ-לעסטינע, האָט עס געזען: אָדער דאָס לאַנד ווערט אינטענסיוו קאָ-לאָניזירט, די אימיגראַציע געהאַלטן אויף אַ באַשטימטער הויכער מדרגה, אָדער די אַראַבער וועלן ווערן די הערן פון דעם לאַנד און די יידן וועלן פאַרבלייבן אַ האָפנונגסלאָזע מינאָריטעט.

מיט אַנדערע ווערטער — דער ציוניזם מוז ווערן פּאָליטיש-עקאָנאָמישער, נאַציאָנאַלער, ד. ה. דער קראַפט-אויסדרוק פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק — אָדער די קאַטאַסטראָפע וועט קומען. די לעצטע יידישע קאַטאַסטראָפע.

מען דאַרף האָבן מוט צו זאָגן דעם ביטערן אמת. און ווען דר. פּאָזדיק וואָלט אים געזאָגט — אַ דאַנק וואָלט אים געקומען פון ארץ־ישראל און פון דעם יידישן פאָלק. צו קריסטן, צו גלחים בפרט — הערט מען זיך ביי אונדז מער צו, ווי צו יידן. אַזוי איז שוין די יידישע טבע. אָבער גלאַט טעאָלאָגישע שמועסן — נישט יאָ און נישט ניין — גלאַט וואַשן דעם יידישן פעלז אויף טרוקן — דערצו דאַרף מען נישט פאָרן קיין פּאַלעסטינע. דאָס וואָלט דר. פּאָזדיק געקאָנט געוואָר ווערן ביי דער ניי-פאַרקנסטער העלפט — און, פאַרשטייט זיך, דער בעסערער — פון דער יידישער אַגענטור.

דער זיפץ פון דער יידישער אינטעליגענץ.

פון אַלעמען ווערט גערעדט, איבער אַלעמענס גורל ווערט גע=
קלאָגט — ארבעטער, פויערים, מיטלקלאַס — יעדע גרופּע באַזונדער
איז געווען אַן אָביעקט פון דיסקוסיעס, פון לירישע אויסגוסן, פון
רחמנות-זיפצן, נאָר פון איין גרופּע מענטשן האָט מען פאַרגעסן: פון
דער אינטעליגענץ.

ווען מען וואָלט נאָכגערעכנט און נאָכגעפאָרשט, ווער עס האָט
אייגנטלעך געליטן פון דער וועלט-מלחמה און פון דער סאָציאַלער
קאַטאַסטראָפע — וואָלט מען געפונען, אַז דאָס איז די אינטעליגענץ.
דער אַרבעטער האָט נישט געליטן, פאַרקערט — אַלס קלאַס האָט
ער געוווּנען. און אויך דעם איינצלנעם גייט עס בעסער, ווי פריער.
ער פאַרדינט מער, ער באַקומט מער. דער פויער האָט נישט געליטן.
אין רוסלאַנד האָט ער באַקומען ערד, אין אַנדערע לענדער איז ער
געוואָרן אַ מעכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר. און אַפילו דער מיטל=
קלאַס, איבער וועמענס גורל די צייטונגען האָבן פאַרגאָסן אַזויפיל טינ-
טענע טרערן, איז אויך נישט אונטערגעגאַנגען. ער האָט אפשר אָנ=
געוואָרן זיין פירנדיקע פּאָליטישע ראָלע, זיין פריערדיקע סאָציאַל-עקאָ-
נאָמישע באַדייטונג, אָבער ער האָט זיך צוגעפּאַסט, און פילט זיך
נישט אומגליקלעך.

אומגליקלעך, עלנט, איינזאַם איז בלויז דער מענטש, וואָס באַ=
לאַנגט נישט צו קיין שום קלאַס, וואָס מוז נאָך זיין גאַנצן עצם זיין—
פאַר אַלע און פון קיינעם נישט, דער מענטש פון גייסט. דער שריי-
בער, דער דענקער, דער קינסטלער, דער מענטש, וואָס קאָן נישט אַר=
בעטן מאַשינמעסיק, וואָס פּראָדוצירט נישט קיין סחורות, וואָס באַדאַרף
האָבן צייט רייף צו ווערן, אויסצוטראָגן אין זיך די געדאַנקען, אויס-

צולעבן די שטימונגען, אויסצובויען די פאָרם — ער מוז האָבן אַט־מאָספערע, סביבה, נישט בלויז אַ גייסטיקע — סימפּאַטיע און אָכ־טונג — נאָר אויך אַ מאַטעריעלע, אַ געוויסע זיכערקייט, אַ מינימום צום לעבן.

עס איז שווער געווען שוין פריער — עס איז געוואָרן כמעט אוממעגלעך הייַנט. נישט בלויז, וואָס די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען געוואָרן ערגער, נישט בלויז, וואָס מען קויפט נישט קיין ביכער, וואָס עס זענען נישטאָ מער קיין פילאַנטראָפּן, קיין מעצענאַטן, וואָס די מלוכות האָבן אָפּגעשניטן אפילו די קלײנע שטיצע, וואָס זיי פלעגן געבן שרייבער און קינסטלער, פאָרשער און דענקער — עס איז באַשאַפן געוואָרן אויך אַ משונהדיקע באַציונג צו דער אינטעלי־גענץ.

„ווער דאַרף זיי? — „בטלנים" — „וואָרט־מענטשן" — „לײ־דיקגייער" — „פּאַראַזיטן". די עקסטרעם־לינקע רופן זיי אַן — ווי אין רוסלאַנד — „קנעכט פון בורזשואַזיע", און באַגייען זיך מיט זיי, ווי מיט קנעכט. די „בורזשואַזיע" קוקט אויף דעם אינטעליגענט מיט חשד און אומצוטרוי. עפּעס וויל ער דאָך, עפּעס רעדט ער פון אידעען, פון אידעאַלן — דאָס איז געפערלעך! און בכלל, ווער האָט עס צייט פאַר נאַרישקייטן? מילא, טעכניק, פיזיק, כעמיע, אָדער מעדיצין — דאָס פאַרשטייט מען נאָך, מען דאַרף עס האָבן, עס קומט צוניץ. אָבער וועמען קומט צוניץ — געשיכטע, פילאָזאָפיע, עטיק אָדער פייַ־נע און קלוגע ליטעראַטור?

די מאַסן פאַראַכטן זיי; „הייבראָו" — זאָגן די אַמעריקאַנער; „קאָנטר־רעוואָלוציאָנער" — זאָגן די רוסן.

די רייכע ווילן אים נישט: ער שטערט דעם אַפּעטיט פאַר דעם לעבן.

און דער אינטעליגענט אליין פרעגט זיך: וואָס בין איך, ווער דאַרף מיך, וואָס איז מיין פּלאַץ אין לעבן? אַ טראַגישע פראַגע, וואָס ווערט זייער אָפט פאַרענטפערט מיט זעלבסטמאָרד, גייסטיקן אָדער פיזישן.

עס האָט זיך צוגעקייקלט ביז צו די יידן. יידן זענען געווען ביז אַהער דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט געהאַט אמתן רעספּעקט פאַר דער אינטעליגענץ. אַ ייד אַ למדן — דאָס איז געווען ד,

העכסטע מדרגה, אַ מעלה און אַ יחוס. דער רייכער, דער נגיד, איז בטל געוואָרן בײַ זיך פֿאַר דעם למדן, און דער המון נאָך מער.

אָבער אויך אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך געביטן די ווערטן. עס איז געווען אַ פּראָצעס פֿון עולים ויורדים, אַראָפּ און אַרויף — די פֿריערדיקע גבירים זענען הײַנט קבצנים. די נעכטיקע אָרעמעלײַט שפּילן הײַנט אין גאָלד. אַ שווערער פּראָצעס, און צווישן די צוויישיכטן, דעם אַראָפּקומענדיקן און אַרויפֿגייענדיקן, איז צעריבן געוואָרן דער יידישער אינטעליגענט, דער משכּיל, דער בן־תּורה. און אַן איינזאַמע, אַ בלאָנקענדיקע וואַלגערט זיך איצט די יידישע אינטעליגענץ אין דער גאַנצער וועלט און האָט נישט קיין מקום מנוחה.

עס קומט דער זיפֿץ — אַפֿילו פֿון פּאַלעסטינע, פֿון דעם נײַעם יידישן ישוב, דאַכט זיך, ווּ ווּ, דאָרט איז דער אָרט פֿון און פֿאַר דעם יידישן גײַסט. אויב נישט דאָס, צו וואָס פּאַלעסטינע בכלל? אויב נישט די יידישע קולטור, די „תּפֿארת ישראל", וואָס דאַרף מען די גאַנצע קרבנות, דעם גאַנצן טומל? סײַ ווי סײַ גלויבט דאָך הײַנט קיינער נישט, אַז פּאַלעסטינע וועט אַרײַננעמען תּיכּף אַלע יידן פֿון דער גאַנצער וועלט און מאַכן אַ סוף צו דעם יידישן פּראָבלעם. מען ווייסט שוין — עס וועט אָנקומען שווער און ביטער, ביז מען וועט דאָרט שאַפֿן אַ קיבוץ. און איידער דאָס וועט ווערן — וועלן זיך די יידן אײַנאָרדענען אין די לענדער, ווּ זיי וווינען, קעמפֿן און לײַדן, אָבער בלײַבן.

נישט וואָס פּאַלעסטינע מוז זײַן דווקא אַ „מרכּז רוחני", אַ גײַסטיקער צענטער און מער נישט. „גײַסט" שוועבט נישט אין דער לופֿט. קולטור דאַרף האָבן אַ פֿאָלק, צו שטיצן זיך אויף אים. פּאַלעסטינע דאַרף נישט ווערן דווקא אַ גרויסע ישיבה, ווּ די בטלנים פֿון דער גאַנצער וועלט זאָלן זיצן און לערנען תּורה און עסן קעסט בײַם יידישן פֿאָלק.

אָבער נעמט אַוועק אָט די „בטלנים", ציט אָפּ די גײַסטיקע כּוחות, טאַקע די „בטלנים" פֿון דאָרט — און וואָס בלײַבט? און דאָס, וואָס בלײַבט, ווער דאַרף עס? מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז דער אייגנטלעכער זין פֿון פּאַלעסטינע איז פֿאָרט נאָך די „ירושלים של מעלה", די גײַסטיקע ירושלים, וואָס ווערט פֿאַרקערפּערט אין דער ירושלים של מטה. נישט די שטיינער פֿון פּאַלעסטינע — נאָר די

פאָרם, וואָס ליגט באַהאַלטן אין זיי — דאָס איז דער זין פון דער גאַנצער ליבע און פון דעם שטרעבן צו ארץ-ישראל.

און ווען פון דאָרט - פון ארץ ישראל קומט דער זיפץ פון דער יידישער אינטעליגענץ — ברענגט עס אַרויף אויף זייער טרויע-ריקע מחשבות.

אין דעם לעצטן נומער פון דעם „התורן" איז אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון ירושלים, מיט אַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען: דאַרף מען האָבן אַ העברעישע אינטעליגענץ אין פאַלעסטינע?" דער שרייבער פון דעם בריוו — ה. א. ליטאַי - זאָגט ממש „העברעישע". איך וואָלט עס געזאָגט ברייטער און אומפאַסנדיקער: „יידישע". פאַר דעם פאַלעסטינער ליגט דער אַקצענט אויף דעם „העברעיש", און ער איז אפשר גע-רעכט. העברעיש איז דאָך אין פאַלעסטינע די שפראַך פון דער יידי-שער קולטור, פון דער יידישער צוקונפט און פון דעם יידישן זעלבסט=באַוווסטזיין. פאַר מיר איז איבערהויפּט די אַזוי=גערופענע „שפראַך־פראַגע" גאָר קיין פראַגע נישט. פון אַלע קולטור־ און נאַציאָנאַל=פעטישן איז פאַר מיר דער שפראַך=פעטיש דער אומוויכטיקסטער. עס מעג זיין אומאַנגענעם צו הערן פאַר אונדזערע שפראַך־פאַנאַטיקער, אָבער איך באַטראַכט פאַר קליינקעפּיקייט, פאַר אונטערשעצונג פון דעם יידנטום, ווען מען שטעלט אים אַוועק אויף דעם פונדאַמענט פון אַ שפראַך. עס איז א צוגלייכונג און אַ פאַרפלאַכונג.

נישט דערפאַר איז העברעיש נאַטירלעך אין פאַלעסטינע, ווייל עס איז העברעיש, ווייל עס איז „עברית", נאָר ווייל עס איז אַן אָריגי-נאַלישע שפראַך און ווייל עס איז דער איינציקער מיטל צוזאַמענצו-שמעלצן די פאַרשידנסטע יידישע קולטור- אָדער אומקולטור-עלעמענטן אין א נייער גאַנצקייט. „יידיש — אלס א שפראַך — קאָן די דאָזיקע פונקציע נישט דערפילן.

אָבער וואָס טויגן טעאָריעס, ווען דאָס לעבן איז אַזוי „פראַק־טיש"? וואָס דאַרף מען זיך חקרענען איבער העברעיש און יידיש — ווען די פאַלעסטינע=יידן אַליין באַציען זיך אַזוי גלייכגילטיק צו דער גאַנ-צער פראַגע? ה' ליטאַי קלאָגט זיך איבער די יידישע פירער אין פאַלעסטינע, אפילו איבער די פאַרטרעטער פון דער ציוניסטישער אָר-גאַניזאַציע, וואָס באַציען זיך אָן רעספעקט צו דער העברעישער שפראַך. העברעיש איז טאַקע אָפיציעל אַנערקענט אלס איינע פון די דריי

לאנד־שפראכן, אבער די יידן אליין — ווי למשל, די אנגלא=פאלע־סטין=באנק, ווי דר. אידער א. אז. וו. — באנוצן זיך תמיד מיט ענג־ליש, אזוי, אז העברעיש פארלירט פראקטיש איר ווערט און איר אָפי־ציעלן כאראקטער.

עס איז מעגלעך, אז עס איז אזוי. דאָס אינטערעסירט מיך נישט. אויב די ציוניסטישע מנהיגים אין פאלעסטינע קולטיווירן נישט די העברעישע שפראך — איז דאָס א פראגע פאר דער ציוניסטישער לייטונג און פאר דעם קאנגרעס. לאָזן זיי פאָדערן דין וחשבון דער־פאר. אָבער ה. ל. ליטאָי הייבט אָן אַן אַנדערע, אַ פיל וויכטיקערע, פיל טרויעריקערע און אַלגעמיינערע פראגע: די פראגע וועגן דער יידישער אינטעליגענץ בכלל.

עס זענען געקומען קיין פאלעסטינע שרייבער — העברעישע שרייבער — און האָבן דאָרטן נישט וואָס צו טאָן. מען האָט געגרינ־דעט צייטונגען, זשורנאַלן — זיי האָבן זיך פארמאכט אָדער האַלטן זיך ביים פארמאכן. די שרייבער הונגערן. זיי קאָנען נישט ארבעטן, זיי האָבן נישט ווו און פאר וועמען. און זיי טראכטן אַלע פון אוועק־פאָרן. בערלין לאָקט זיי, ווארשע רופט זיי. אַ מאָדנע פאָלק! אין בערלין און אין ווארשע בליט אַ העברעישע ליטעראַטור, שרייבט מען ביכער, דרוקט מען דיקע זשורנאַלן, איבערזעצט מען ראַבינדראַנאַט טאַגאָר און בודאַ אויף העברעיש — און אין פאלעסטינע האָבן העברעישע שרייבער נישט וואָס צו טאָן.

און דער ירושלימער קאָרעספּאָנדענט פרעגט אַ גאַנץ ריכטיקע קשיא: אויב זי דארף נישט האָבן קיין אינטעליגענץ, וועמען דארף פאלעסטינע האָבן? און צו וואָס דארף מען פאלעסטינע אַליין האָבן? דאָך נישט וועגן אירע פּראָדוקטן? מאַראַנצן און בוימל קאָן מען באַ־קומען ביליקער אין מאַרסעל און אין פאלערמאָ! צו וואָס זענען זיך מקריב אָט די יידישע אידעאַליסטן, אָט די חלוצים? צו וואָס? ווער דארף עס? קאָן די יידישע קולטור נישט געפינען קיין יניקה אין ארץ ישראל, וואָס דארף מען ארץ ישראל?

איך גלויב, אַז עס איז אַן ערנסטע פראגע, און מען טאָר זי נישט אוועקמאַכן מיט דער האַנט. די ציוניסטן ווייניקער פון אַלע. עס מוז קלאָר ווערן פאר זיי, אז פאלעסטינע איז מער פון אַלצדינג אַ בייסטיקער ווערט, אַז אַן אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל איז וויכטי־

קער פון אַ קאָלאָניע, און אפשר אפילו פון דעם רוטענבערג־פלאַן; אַז די יידישע אינטעליגענץ אין פּאַלעסטינע גיט מער צוקונפט פאַר דעם לאַנד און פאַר דעם יידנטום — אַפילו ווי די חלוצים.

נישט לאָזן פאַלן, שטיצן מוז מען זי — אָט די אינטעליגענץ, וואָס וויל שעפן פון דעם אַלטן קוואַל און באַפרוכפּערן דעם איינגעטריקנטן יידנטום. מען מוז זיך נוהג זיין מיט איר — מיט ליבע, מיט איידלקייט. האָבן דאָך פּשוטע יידן געגעבן הונדערטער יאָרן פאַר ישיבות אין ירושלים — קאָנען הייַנטיקע יידן נישט שאפן קיין נייע צענטערס פון חכמה, פון וויסנשאפט אין פּאַלעסטינע? כלעבן, עס איז וויכטיקער, ווי אַ סך קולטור־אינסטיטוציעס אין וואַרשע און אין קאָוונע אָדער ניו־יאָרק. דאָרט איז עס בלויז אַ פאַרלענגערן, אַן אָפּשטופּן דעם פּראָצעס פון אסימילאַציע. אין פּאַלעסטינע איז עס אַ שאפונג פאַר דער צוקונפט.

אָבער — עס מוז אויך זיין אַ יידישע אינטעליגענץ, נישט בלויז אַ קיבוץ פון בטלנים. נישט אַלע, וואָס זענען געקומען קיין פּאַלעסטינע מיט ליטערארישע אמביציעס, זענען מסוגל דערצו. און צייטונגען זענען נישט קיין ליטעראַטור. מיך אַרט זייער ווייניק, ווען די אָדער אַן אַנדערע צייטונג אין פּאַלעסטינע גייט אונטער. אַזאַ קליינע באַפעלקערונג, ווי די יידישע אין פּאַלעסטינע, קאָן זיך באַנוגענען מיט איינער אָדער צוויי צייטונגען. נישט דערצו שאַפט מען אַ נייע געשיכטע, כדי צו פאַרפלאַנצן אַהין די אַלטע, אָפּגעלעבטע, נוצלאָזע אייראָפּעישע אָדער אמעריקאַנישע פאָרמען. וואָס ווייניקער פּאָליטיק, ווייניקער זשורנאַליסטיק — אַלץ ניצלעכער. דאָס פּאַלעסטינער יידנטום וועט נאָך האָבן צייט צו באַקומען אַ געלע אָדער געלבלעכע פּרעסע, מיט אירע פּאָלעמיקס און סענסאַציעס, און כלומרשט גייסטרייכע פעליעטאָנען... הלוואי וואָלטן עס די אַנדערע לענדער אויך נישט געהאַט.

נישט זשורנאַליסטן דאַרף האָבן פּאַלעסטינע — נאָר גייסטיקע אַרבעטער, חלוצים פון קולטור. און פּונקט ווי די שטאַרקסטע און בעסטע פון די יונגעלייט גייען אַרבעטן, שווער און העראיש אויף די שטיינער פון ארץ ישראל, מוזן אויך די גרעסטע און בעסטע, די רייפסטע און איבערגעגעבנסטע פון די יידישע אינטעליגענטן, די באַרופענע, די באַגאַבטע, גיין קיין פּאַלעסטינע און דאָרט אָנשטרענגען

זייערע כוחות און שאַפן דאָס בעסטע, דאָס העכסטע, וואָס זיי קאָנען, וואָס מען דערוואַרט פון זיי.

אַ ניי לאַנד איז נישט פאַר מיטלמעסיקייטן. פיאָנערן זענען תמיד איבער דעם דורכשניט. און פיאָנערן פון גייסט — על אחת כמה וכמה. דאָס יידישע פאָלק האָט אַ חוב צו שטיצן די אינטע־ליגענץ פון פאַלעסטינע — אָבער עס מוז זיין טאַקע אַן אינטעליגענץ, נישט קיין „ערזאַץ". סוראָגאַטן און בטלנים האָבן מיר גענוג אין ניו־יאָרק.

די גענעראַל-רעפּעטיציע.

א גרויסע יידישע דראמע האַלט ביים פאַרענדיקן זיך. דער פערטער אַקט איז אָפּגעגאַנגען גוט, מען קאָן זאָגן, גלענצנדיק, כמעט אַזוי ווי דער ערשטער. מען האָט שוין פאַרגעסן די צוויי לאַנגע, שלעפּענדיקע, איינשלעפערנדיקע נודנע אַקטן אין דערמיט. אַ סך, זייער אַ סך האָבן נישט געקאָנט אויסזיצן. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אינמיטן פון צווייטן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: עט, טאַ־לאַנטלאָזיקייט! אַזוי שיין פאַרטראַכט, אַזוי גרויסאַרטיק אָנגעהייבן, אַזוי דראַמאַטיש שטאַרק — און דערנאָך אָפּגעפאַלן, אָפּגעשוואַכט די שעפערישע קראַפט.

דורך אַ צופאַל, דורך אַ דראַמאַטישן „טריק" איז די דראַמע ווידער אַרויף אויפן אַלטן שליאַך. און דער פערטער אַקט האָט ווי־דער געהאַט לעבן, שיינקייט און פּאַטעטישע קראַפט. ווידער זענען אַריין אין דעם טעאַטער אַ סך פון די, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען. זיי זיצן און וואַרטן — אויף דעם פינפטן אַקט.

דערווייל איז אַן אַנטראַקט. די צושויער וואַרטן מיט אומגע־דולט. די שוישפּילער גרייטן זיך, זיי רעפּיטירן. אין פאַרשידענע ערטער גייען גענעראַל־רעפּעטיציעס.

דער לעצטער, דער אַנטשיידענער אַקט וועט געשפּילט ווערן אין קאַרלסבאַד. די גענעראַל־רעפּעטיציעס גייען אָן — אין בערלין — ביים צוזאַמענפאָר פון דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, און איצט, אין באַל־טימאָר, ביים צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן.

פונוואַנען איך נעם, אַז דאָס איז דער „לעצטער" אַקט? פון דער דראַמאַטישער קונסט. היסטאָריע איז דאָך אויך אונטערוואָרפן אונטער די רעגעלן פון דראַמאַטיק. און די גרונט־רעגל איז: נישט

איבערשפּאַנען דעם בויגן, נישט איבערחזרן דעם פינאַל. דעם „קלי־מאַקס". די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דערגרייכט איר פינאַל. העכער, ווייטער, קאָן זי נישט גיין. אין די גרענעצן פון דער מעג־לעכקייט האָט זי דערגרייכט אַלצדינג, וואָס איז מעגלעך. אויף מער האָט זי נישט געקאָנט האָפן — און וואָס זי האָט געהאָפט, האָט זי באַקומען. דער באַזעלער פּראָגראַם האָט פאַרלאַנגט אַן „עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר יידן" — די „היים" איז געשאַפן. געוויס, עס איז דערווייל בלויז אַ „ווינקל" אין אַ היים, אָבער ווער האָט עס דען נישט געוווּסט פריער? האָט דען עמעצער געגלויבט, אַז פּאַלעסטינע איז אַ ליידיק אָרט, אַ פּוסטקע, ווו עס וווינען בלויז — ווי נאָך דעם חורבן בית־ראשון — לעמפּערטן און בנות־יענה? מען האָט לכתחילה געוווּסט, אַז אין פּאַלעסטינע זענען פאַראַן אַראַבער, אַז מען וועט זיך מוזן רעכענען מיט ווירקלעכקייטן און מעגלעכקייטן, מען האָט זיך פון אָנהייב אָן געפּאַסט געמאַכט אויף דעם, אַז יידן וועלן נאָך האָבן אַ סך צרות אין פּאַלעסטינע. און פאַרוואָס נישט? גלאַט אַזוי צרות ליידן מעג מען — און נאָך אָננעמען זיי פאַר ליב און מיט שמייכל — און די גרעסטע דערגרייכונג פון דעם פאָלק מוז אָנקומען גרינג? עס וואָלט געווען נישט אין יידישן סטיל, אַ צע־ברעכונג פון דעם יידישן געשיכטלעכן ריטם.

ווו שטייט מען אָבער איצט — נאָך דער דערגרייכונג? עס איז נישט מער קיין פּאָליטישע פּראָבלעם. די פּאָליטיק איז „דער־ליידיקט", ווייניקסטנס אויף אַ געוויסער צייט. אַלע פריערדיקע מאָ־טיוון זענען אויסגעשעפּט. עס מוז איצט קומען אַ נייער מאָטיוו. אַ מאָטיוו, וואָס איז פרעמד אומגעווינט פאַר דעם יידישן אויער, דער מאָטיוו פון מעטאָדישער, צוועקבאַוווּסטער, פּלאַנמעסיקער אר־בעט.

איז אין אָנהייב געווען דאָס „וואָרט", די אידעע, מוז איצט קומען די טאַט! מיר זענען דערגאַנגען צו דעם לעצטן פאַוסטישן פונקט. אַ גאַנץ לעבן האָט פאַוסט געוואַנדערט — ביז ער איז גע־קומען צו אַן אָרט, ווו ער האָט געקאָנט אויסרופן: „דאָ וויל איך בלייבן". און דאָס איז געווען זיין „דערלייזונג".

געטע האָט דעמיט פאַרענדיקט זיין „פאַוסט". אָנגעהייבן מיט אַ פּראָלאָג אין הימל — געענדיקט מיט דער ערד. געטע האָט צוגעפירט „פאַוסט" צו זיין לעצטער דערגרייכונג -- די געשיכטע האָט

צוגעפירט די יידישע ציון־דראַמע צו איר ענד=פונקט. דער פינפ־טער אקט קאָן נישט זיין מער — ווי אַ געזעגענען זיך, ווי אַ פאַר־ענדיקונג. און אויך אַ ווונק אויף אַ נייער דראַמע. שטילער אָדער שטורמישער, רויקער אָדער קאַטאַסטראָפאַלער — ווי די צייטן וועלן ברענגען — אָבער אַן אנדערע.

אַזוי וואָלט עס באַדאַרפט זיין — איז עס אָבער ? קאָן מען פון דער גענעראַל־רעפעטיציע אַרויסטראָגן אין פּאָרויס אַזאַ איינדרוק? פון דער בערלינער נישט. דאָרט האָט מען געקעמפט אַרום — ווער־טער. אוסישקין האָט באַטאָנט דעם „ניין", סאָקאָלאָ'ו דעם „יאָ" — אוסישקין האָט געלייקנט, סאָקאָלאָוו האָט באַהויפּטן און פאַרטיידיקט און ביידע האָבן זיך געשפּארט איבער ווערטער, איבער פאַלש־ראַפּי־נירטע באַגריפן. מען האָט זיך דאָרט געאַמפּערט, ווי די דייטשן זאָגן, וועגן דעם „קייסערס באָרד". די הויפּט־פּראַגע איז געווען די „יידישע אַגענטור". זי איז עס געווען אין בערלין, און — ווי איך זע פון דעם מעמאָראַנדום צו דעם באַלטימאָרער צוזאמענפאָר — וועט אויך זיין דער הויפּט־פּראָבלעם אין באַלטימאָר. דאָס איז דער איני־האַלט פון דעם פינפטן אקט. צוליב אים האַלט מען עס אָפּ די גע־נעראַל־רעפּעטיציע.

אַ זייער תּשוטע און קלאָרע פּראַגע. מען דאַרף בלויז האָבן אַ גרויסן טאַלאַנט זי צו פאַרפלאָנטערן. דאַכט זיך, וואָס איז איינפאַ־כער ? אַפילו ווען קיינער וואָלט נישט פאַרלאנגט פון דער ציוניס־טישער פאַרטיי קיין „יידישע אַגענטור" — וואָלט זי אַליין באַדאַרפט אַרויסקומען מיט דעם פאָרשלאַג. זי וואָלט באַדאַרפט אַרויסגיין צום יידישן פאָלק און אים זאָגן: מיר האָבן זונדזער אויפגאַבע דערפילט. מיר האָבן באַקומען דעם „פאַפיר", פילט איר אים אויס; מיר האָבן באַקומען דעם „טיטל", „צאָלט איר אים אויס". א פאַרטיי — אַן איינציקע — קאָן דאָך נישט בויען קיין לאַנד, אַ פאַרטיי קאָן נישט בויען קיין שטאַט. און די ציוניסטן זענען דאָך אַ פאַרטיי, נישט דאָס פאָלק.

נאָרדוין איז געווען גרינג צו זאָגן: „דאָס יידנטום וועט זיין ציוניסטיש אָדער עס וועט נישט זיין". ער איז געשטאַנען ווייט פון דעם יידנטום, ער האָט צו אים געהאַט אַ קנאַפּע באַציונג. דער־פאַר האָט ער אויך נישט געקאָנט אַרומנעמען דעם יידישן פּראָבלעם פון אַלע זייטן. די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר האָבן באַוויזן, אַז

דאָס איז א פּאַראַדאָקס. דאָס יידנטום קאָן זיין אי ציוניסטיש און אי נישט ציוניסטיש — און עס איז פּאָרט. דאָס יידנטום איז ברייטער, ווי מען מיינט. און דערפאר טאַקע וואָס די ציוניסטישע פּאַרטיי איז נישט דאָס גאַנצע פאָלק, קאָן זי אַליין נישט אויספירן די אַרבעט, וואָס זי האָט אָנגעהייבן. זי מוז אַריינטרעטן אין א קאָאַליציע מיט אַלע איבעריקע פּאַרטייען, אייניקן זיך מיט זיי אויף אַ מינימום=פּראָגראַם, אויסאַרבעטן א געמיינשאַפטלעכן אַרבעטס=באַזיס. דאָס איז דער זין פון אַ „יידישער אגענטור". אַזוי — און נאָר אַזוי — קאָן און דאַרף מען זי פאַרשטיין.

וואָס זשע איז דאָ וואָס צו דיסקוטירן? ווייסט מען דען נישט ווי אַזוי צו שאַפן אַזאַ אַגענטור? מען האָט באַשלאָסן אַ „וועלט=קאָנגרעס", ער זאָל שאפן די אַגענטור. גוט — עס איז קיין אַנדער אויסוועג נישט געווען. אָבער וואָס הייסט דאָס „וועלט=קאָנגרעס? הייסט עס אַ קאָנגרעס פאַר דער גאַנצער יידישער פראַגע — אָדער צו א באַשטימטן עקאָנאָמיש=טעריטאָריאַלן צוועק? אויב פאַר און פון אַלע יידן — איז דאָס נישט בלויז פּאָליטיש נישט נויטווענדיק, עס איז שעדלעך. פּאַלעסטינע דאַרף נישט און טאָר נישט פאַרגעלייגט ווערן צו דיסקוסיע. די לאַגע אין פּאַלעסטינע לאָזט דאָס נישט צו. די פּאַלעסטינע = פראַגע טאָר נישט אַוועקגעשטעלט ווערן לעבן אַנדערע יידישע פראַגן — זי איז פון זיי עמאַנציפּירט. אויב אַ קאָנגרעס — קאָן עס זיין בלויז אַזעלכער, וואָס האָט אַ גאַנץ קלאָרן ציל: צו שאַפן אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל פארטרעטן די אינטערעסן פון די יידן אין פּאַלעסטינע, אַ יידיש־פּאַלעסטינישן אָפיציעלן אָרגאַן, נישט מער, אָבער אויך נישט ווייניקער.

אָבער דערצו דאַרף מען נישט האָבן קיין „דעמאָקראַטישע וואַלן", קיין קאָנגרעס־שפּילערייען. עס איז גאַנץ גענוג, ווען די ציוניסטישע פּאַרטיי, די „יק"א", די „אַליאַנס-איזראַעליט", די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", די „פּאַלעסטיין דעוועלאָפּמענט קאָמפּאַניע" און אַנדערע גרויסע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך צונויפקומען און שאַפן פון זיך ארויס אַ נייעם, איינהייטלעכן, קאָאַלירטן קאָמיטעט. דערדאָזיקער קאָמיטעט דאַרף איבערנעמען אַלע פונקציעס, וואָס די ציוניסטישע פּאַרטיי האָט איצט — בנוגע צו פּאַלעסטינע, ד. ה. די עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד. און אויך די פּאָליטישע ארבעט. עס קאָן זיין, אַז דאָס וועט מינדערן דעם ווערט פון דער אָדער אַן

אַנדער אָרגאַניזאַציע, אפילו אפשר פון דער ציוניסטישער. נו — וואָס איז פאַר וועמען געשאַפן געוואָרן — דער מענטש פאַרן שבת. אָדער דער שבת פאַר דעם מענטשן? וואָס איז וויכטיקער — ציון אָדער ציוניזם.

מען זאָגט — לאָז די ציוניסטישע פאַרטיי אויפהערן צו פירן די ארבעט — וועט די אַרבעט אָפּשטאַרבן. פונוואַנען איז דאָס געדרונגען? האָט מען עס שוין אַמאָל געפּרוווט? האָט מען דען אויסגענוצט אַלע כוחות פון דעם יידישן פאָלק? פאַרוואָס האָבן יידן אַזוי ווייניק צוטרוי צו זיך אַליין?

איך פאַרשטיי, עס איז די נאַטור פון אַ פאַרטיי אָנצוהאַלטן איר פירערשאַפט אַזוי לאַנג, ווי זי קאָן — און אַפילו איבער דער גרענעץ אַרויס, אָבער עס קומט דאָך אַ צייט, ווען די גרענעץ לאָזט נישט ווייטער. און אַזאַ מאָמענט איז שוין געקומען פאַר דער ציוניסטישער פאַרטיי. קיינער פאַרלאַנגט נישט פון איר: „זיך אונטערגעבן אָדער זיך אויפלייזן". פאַרקערט, וואָס מען פאַרלאַנגט פון איר — איז בלויז בלייבן זיך אַליין טריי, נישט איבערשפּאַנען די אייגענע כוחות, נישט דערשעפן זיך אין אַן אַרבעט, וואָס מוז זי פריער אָדער שפּעטער צעדריקן מיט איר משא.

אַזוי איז דאָך מיט אַלע אַנדערע פאַרטייען — אין דער גאַנצער וועלט. לאָיד דזשאָרדזש האָט אינטויטיוו פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון דער געשיכטע: פּאָליטישע קאָלעקטיווע אַרבעט, אָדער קורצער — קאָאַליציע. קאָאַליציע אָבער הייסט — צוזאַמענוואַקסן, און דאָס קאָן געשען בלויז אין אַ פּראָצעס פון צוזאַמענאַרבעט. און דאָס פאַרלאַנגט מען פון די ציוניסטן. נישט שבולת־פּאָליטיק, נאָר פּשרה־פּאָליטיק, נאָר קאָמפּראָמיס. נאָר אַ צוזאַמענשמעלצונג פון דעם ציוניסטישן פּראָגראַם — פאַר פאַלעסטינע — מיט דעם אַלגעמיין־יידישן, אַלגעמיין־פאַלעסטינישן. און עס איז באמת נישט די צייט צו שפּילן דעם ברוגז־טאַנץ „לאָז דער אַנדערער זיך פריער איבערבעטן", — ניין נישט „בלויז דער קלוגערער גיט נאָך" — נאָר אויך דער שטאַרקערער. און טאַקע ווייל די ציוניסטן זענען שטאַרקער פון די איבעריקע גרופּן, שטאַרקער, ווייל איינהייטלעך — דערפאַר מוזן זיי זיין די ערשטע, וואָס דאַרפן אַרויסלאָזן דעם לאָזונג פון צוזאַמענאַרבעט.

דער פינפטער אַקט פון אַ דראַמע — ווייניקסטנס פון דער קלאַסישער — איז אַ שלום צווישן די עקסטרעמען, אַן אויסגלייך

צווישן די קעמפנדיקע. אַן אויפלייזונג פון אַלע הפכים, די שאַפונג פון אַ נייער איינהייט. עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין, סיידן די דראַמע בלייבט א פראַגמענט.

אזוי, דוכט זיך מיר, דאַרף זיין דער פינפטער אקט, וואָס וועט זיך אָפּשפּילן אין קאַרלסבאַד, און דאָס דארף זיין דער גרונט־טאָן פון דער גענעראַל־רעפּעטיציע אין באַלטימאָר.

די אַמעריקאַנער ציוניסטן וועלן דאָך דאַרפן שפּילן די הויפּט־ראָלע — זיי זענען דאָך די „סטאַרס". עס הענגט אָפּ פון זיי — ווי אזוי דער פינאַל וועט זיין. איך וויל האפן, אז זיי וועלן גראָד אין דעם פּרט זיין ריכטיקע אמעריקאַנער, אָנהענגער פון דער „העפּיענדיג"־טעאָריע. לערנט זיך נישט ביי די אייראָפּייער. זיי האבן צופיל ליב טראַגישע פינאַלן! זיי זענען צו מאָדערן. מיר, יידן, זענען דאָך א „קלאַסיש" פאָלק — לאָמיר זיך האלטן ביי דער קלאַסישער דראַמע. קלאסיש פארענדיקן די דראַמע פון אונדזער געשיכטע.

די ערד „בשיה".

מיר האָבן גערעדט איבער אמעריקע. און בפרט איבער אַמע־ריקאַנער יידנטום. איבער זיין היינט און זיין אפשרדיקן מאָרגן, איבער זיינע באַהאַלטענע כוחות און זייערע מעגלעכ־קייטן.

עס זענען געווען צווישן אונדז ענטוזיאַסטן, װאָס האָבן געגלויבט, און סקעפּטיקער, וואָס האָבן געצווייפלט. אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען פאַרצווייפלט.

„זעט איר דען נישט, ווי די רעאַקציע וואַקסט דאָ אין לאַנד? יעדער טאָג ברענגט אַרויס עפּעס נייס, יעדן טאָג ווערט דאָ ענגער און שווערער. עס וואַקסט דאָס לאַנד, עס וואַקסט מיט אים דער אַפּעטיט. מיר שטייען פאַר אַ היסטאָרישן ווונדער. מיר זענען עדות דערפון, ווי אַ נאַציע בייט זיך, ווי זי וואַרפט אַראָפּ איר אַלטע הויט און — וואַרט אויף אַ נייער. די אַלטע הויט — די דעמאָקראַטיע, די אינדיווידועלע פרייהייט, די אומבאַשרענקטקייט פון דעם יחיד, אַ שטאַרקער עטישער פּאַטאָס, אַ באַוווסטזיניקער, צי אַ האַלב באַוווסט־געוואָרענער אידעאַליזם, אַ מין גלויבן אין זיך אַלס דער מענטשהייטס־דערלייזער, אַ מין משיח־מאָטיוו, — אָט די הויט איז געוואָרן צו ענג. דער אָרגאַניזם איז געוואַקסן צו גיך, צו שטורמיש. אַזוי גיך, אַז דער גוף האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט זיך צוצופּאַסן. און אמעריקע זעט אויס, ווי אַ יינגל אויף דער שוועל פון זיין „בחור־שאַפט". עס בייט זיך דער קול: די נעכטיקע פיינע, מעלאָדישע, נאָך קינדיש־קלינגענדיקע שטים האָט פאַרלוירן איר טעמבר און האָט נאָך קיין נייעם מעטאַל נישט באַקומען. אָט רעדט ער אויף אַ גראָב

קול, כמעט אין מיפן באַס, און אַט פֿאַלט ער ווידער אַרויס פֿון טאָן און שפּרינגט אַריין צוריק אין סאָפּראַן. און אויך די באַוועגונ־גען — זיי זענען אַזוי אומגראַציעז, עקיק, ווינקליק, נישט פּראָפּאָרציאָנעל. עס איז די? אומרו פֿון וואַקסן, פֿון איבערגאַנג, פֿון ערב רייף ווערן. און האָט איר אַמאָל זיך צוגעקוקט צו די רייפנדיקע יינגלעך? זיי שעמען זיך מיט זייערע חלומות פֿון נעכטן, זיי מיינען, אַז דאָס זענען קינדערשע זאַכן, אַז עס פּאַסט נישט מער פֿאַר דערוואַקסענע, פֿאַר „גרויסע". פֿאַר לויטער וועלן צו זיין אַ גרויסער ציטערט דאָס יינגל ממש פֿאַר יעדער „סענטימענטאַליטעט", פֿאַר יעדן פֿיינערן געפֿיל. ער וויל זיין רעאַליסטיש, ער וויל זיין — פּראַקטיש, ער וויל זיין—שטאַרק און ברוטאַל, און עס געראָט אים אָפט".

„ברוטאַליטעט איז אַ יוגנט־פֿעלער, אַ צייכן פֿון נישט־דערוואַקסנ־קייט. רייפֿע מענטשן קאָנען זיין שלעכט, גרויזאַם, — אָבער נאָר אומרייפֿע, יונגע קינדער זענען ברוטאַל. זיי פֿאַרשטייען נאָך נישט דעם ערנסט און דעם ווערט פֿון דעם לעבן און פֿון ליידן. זיי ווייסן נישט ווי עס טוט וויי אַ צווייטן, ווייל זיי אַליין האָט עס נאָך קיינ־מאָל נישט וויי געטאָן — אויפֿן רעכטן אופֿן. פֿאַר אַ קינד איז אַלצדינג אַ שפּאַס. ער טוט דעם חבר אָן די גרעסטע פּורעניות — נישט פֿון פֿאַרדאָרבנקייט אָדער שלעכטקייט — נאָר פֿון שפּאַס, אויף „קאַטאָוועס" — פֿון „פֿאָן"־וועגן, ווי מען וואָלט געזאָגט אין אַמע־ריקע. און וואָס דער חבר איז שוואַכער, וואָס ווייניקער ער קאָן זיך ווערן — איז דער „פֿאָן" גרעסער.

„יעדעס פֿאָלק האָט זיך זיין שליסל־וואָרט. דער רוס רעדט תמיד פֿון „טאָסקאַ", בענקשאַפֿט; דער דייטש לאָזט נישט אַרויס פֿון מויל די „זעעלע", די נשמה, ווי דער פֿראַנצויז דעם „עספּרי" (גייסט), דער אַמעריקאַנער האָט זיין מאַגיש סעזאַם־עפֿן־זיך־וואָרט: „פֿאָן". אַלצדינג איז ביי אים „פֿאָן". מלחמה — די „בויס" האָבן „פֿאָן". ספּאָרט, געשלעג, געפּערלעכע, ברוטאַלע קראַפֿט־אַנטוויקלונג — אויך פֿאָן. מען געברויכט דאָ דאָס וואָרט „בויס" (יינגלעך) אַפֿילו ווען מען רעדט וועגן סענאַטאָרן אָדער פּראָפֿעסאָרן. „דהי בויס", „דהי גענג" — אַלץ ווערטער פֿון די קינדער־יאָרן, אָבער אויך סימבאָלן פֿאַר דעם גייסטיקן צושטאַנד, פֿאַר דער באַציונג צו זיך און צו דער וועלט. אַט דאָס איז אַמעריקע. אָבער דאָס יינגל וואַקסט. ער מוז

וואַקסן, אַזוי איז דער געזעץ, נאָך אַ ביסעלע, נאָך אַ פּאָר יאָר — היסטאָרישע „יאָר" — וועט זיין קול ווידער ווערן נאָרמאַל, באַקומען טאָן און קלאַנג און ריטם. זיין גוף וועט ווערן מעגלעך, דערגרייכן אַ פּאַרענדיקטע פאָרם. דער גוף און דער — גייסט. מיר שטייען שוין פאַר דער פאַרענדיקונג פון דער „באַי־עפּאָכע". די צייכנס ווייזן זיך שוין".

דער אָפּטימיסט האָט זיינס אָפּגעזאָגט. דער פּעסימיסט האָט אים געענטפערט, ווי אַ פּעסימיסט ענטפערט — שוואַרץ איז שוואַרץ־פול מיט ביטערקייט, מיט יאוש: „די דעמאָקראַטיע שטאַרבט, אַמע־ריקע ווערט דאָס איינציקע לאַנד פון רעאַקציע אין דער וועלט. אמע־ריקע נעמט איבער אין דער מאָדערנער וועלט די ראָלע פון דער אַלטער פּרייסן. עס איז דער נאַטירלעכער פּראָצעס פון דער היסטאָ־רישער אַנטוויקלונג. צוערשט דער שבת פאַר דעם מענטשן, דערנאָך דער מענטש פאַרן שבת. צוערשט דער שטאַט פאַר דעם יחיד — דערנאָך די פאַרשקלאַפונג פון דעם יחיד צום שטאַט. אין אייראָפּע האָט מען שוין דורכגעמאַכט ביידע מדרגות. מען האָט שוין אַלצדינג אויספּראָבירט. איצט האָט מען דערגרייכט די דריטע שטופע מען עקספּערימענטירט דאָרט אויפסניי. דאָ און דאָרט — חבלי־לידה. אין אייראָפּע — די געבורט פון אַ געזעלשאַפט אויס דעם שטאַט, אין אַמעריקע ווערט דער שטאַט געבוירן — פון דער געזעלשאַפט אַרויס. און ווער ווייסט, ווי לאַנג דערדאָזיקער צווייטער צושטאַנד וועט דאָ אָנהאַלטן?"

„איר זענט אפשר ביידע גערעכט", — האָט זיך אָנגערופן אַ דריטער פון די פריינט, וואָס האָבן דיסקוטירט אַרום דעם קיילעכדיקן טיש, ביי אַ גלעזל טיי, די צוקונפט און קעגנוואַרט פון מענטשהייט און אַמעריקע. — מען קאָן נישט און מען טאָר נישט, בנוגע צו אַמע־ריקע, זיין צו אָפּטימיסטיש, אָבער אויך נישט צו פּעסימיסטיש. עס זענען דאָך אַלץ — שטימונגען, און שטימונגען זענען ריכטיקע עדות, וואָרע עדות, אָבער שלעכטע שופטים. זיי ווייזן דעם ווילן, אָבער נישט די מאָטיוון. און בכלל — וואָס קענען מיר וויסן, וואָס עס וועט מאָרגן זיין? און וואָס אַרט עס אונדז? וואָס פאַר אונדז איז וויכטיק, איז דאָך בלויז דאָס, וואָס איז — און דאָס, וואָס איז געווען. דאָס זענען די צוויי איינציקע רעאַליטעטן. ווייטער — זענען בלויז

חלומות, צעשוומענע, שאָטנדיקע געשטאַלטן. און איבערהויפּט — מיר זענען גלאַט אוועק פון דער טעמע. פאַר אמעריקע האָבן מיר זיך סוף כּל סוף נישט צו זאָרגן. זי וועט לעבן, זי וועט וואַקסן, זי וועט געפינען איר וועג. אָבער — דאָס אַמעריקאַנער יידנטום — אָט דאָס איז דער שווערער פּראָבלעם! וואָס איז דאָס פאַר א מין בריאה? וואָס איז זיין עצם, זיין היינט — און וואָס איז זיין פּערספּעקטיוו?

„און דאָ דערמאָנט זיך אַ וואָרט, וואָס אַן אַלטער ייד, אַ למדן, האָט מיר אַמאָל געזאָגט אין אמעריקע. עס איז געווען אַ ייד, וואָס איז שוין פון לאַנג אריבערגעקומען אַהער, האָט דאָ מגדל בנים געווען, האָט זיך שוין דערלעבט „נחת" אָן די קינדער — איינער איז אין ביזנעס", דער צווייטער איז אַ „לאָיער" — ער האָט שוין אייניקלעך, וואָס געדענקען שוין אפילו נישט פונוואַנען זייער פאָטער שטאַמט, אייניקלעך, וואָס קוקן אויף דעם זיידן, ווי אויף אַ „פּאָני מען" און פּאַראַכטן אים, ווי א פרעמדן. מיט איין וואָרט — ער האָט דורכגע־מאכט אַלצדינג, וואָס איז באשערט דעם יידן פון „פּאַרענדיקונג". אַלצ־דינג האָט דאָ דער אַלטער ייד פאַרלוירן — זיין שמייכל, זיין האָפע־נונג, זיין „היימישקייט"־געפיל, זיין פלאַץ אין לעבן. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ער האָט געהערט, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין אַמע־ריקע, איז געווען „מוּאוו אָן" — ער איז דאָך געווען אַ פּעדלער און געשטאַנען אויף די גאַסן מיט זיין וועגעלע. „ריר זיך, גיי ווייטער", — האָט אים געראטן אמעריקע. און ער האָט זיך גערירט און איז גע־גאַנגען ווייטער — אַלץ ווייטער — און ער איז דערגאַנגען. א הויז, אַ נחלה, אַ געשעפט, דערצויגן קינדער — אלצדינג, וואָס ער האָט געקאָנט דערגרייכן. אָבער קיינמאָל, קיין איינציק מאָל האָט ער נישט געפילט דעם „פּאָוסטישן" מאָמענט, ווען ער וואָלט געקאָנט אויסרופן: „בלייב שטיין, דו רגע, דו ביזט אזוי שיין". דאָס נישט. אַזא רגע האָט ער נישט געהאַט. און דער ייד מיט דעם טרויעריקן שמייכל און דעם פעסטן, שטאַרקן זכרון האָט מיר געזאָגט אַ משל, אַ דרש פון דער קבלה, פון דער „סתרי תורה".

„אזוי ווי עס זענען דאָ זיבן הימלען איינער איבער דעם צווייטן, אזוי זענען אויך פאַראַן זיבן ערדן איינע אונטער דער אנדערער. עס איז דאָ: תבל, אדמה, ארץ, גיא, נשיה, ציה, ארקע. תבל איז די העכסטע, בעסטע, דאָרט, ווו אדם הראשון האָט געלעבט איידער מען

האָט אים אַרויסגעטריבן; דאָרט איז תּמיד שיין, דאָרט איז תּמיד יום-טוב. די אונטערשטע איז גי — דאָרט איז כּמעט תּמיד פינסטער, דאָרט וואַקסט באָרג־שט, און דאָס לעבן איז דאָרט אַ שטראָף. און צווישן די צוויי ערדן זענען דאָ אַ סך איבערגאַנגען. איינע איז בעסער, איינע איז ערגער, אויף איינער שיינט די זון שטאַרקער, אויף דער צווייטער בלויז ווי אַ לאַמטערן אין אַ פינסטערע נאַכט.

„און איינע פון זיי הייסט „נשיה". אַ שיינע ערד, אַלע ביי־מער וואַקסן דאָרט און ברענגען פּירות, אַלצדינג איז גוט — אַ חוץ די מענטשן: זיי זענען קאַרליקעס, קליינגעוויקסיקע און האָבן אַ משונהדיק פּנים. אַ שטאַרקער גוף, ברייטע פּלייצעס, אָבער דער קאָפּ איז נישט אַנטוויקלט. און דער עיקר איז — זיי פאַרגעסן. און נישט בלויז זיי, די, וואָס זענען דאָרט געבוירן, יעדער, וואָס קומט אַהין פאַרגעסט תּיכּף פונוואַנען ער איז געקומען, וואָס ער האָט פריער אויף זיין אַלטער ערד געפילט און איבערגעלעבט. און דערפאַר הייסט אויך דידאָזיקע ערד „נשיה" — די ערד פון פ א ר ג ע ס ן.

„אָט ווי עס מאָלט זיך מ י ר אויס אַמעריקע, אַזוי ווייט, ווי זי האָט אַ שייכות צום יידנטום. מיר האָבן דאָך שוין געלעבט אין פאַרשידענע לענדער, אויף אַלע זיבן ערדן. מיר האָבן געלעבט אַמאָל — אפשר בלויז אין חלום, אין געדאַנק — אין „תבל", ווען דאָס יידנטום האָט געשטראַלט אין פולן זון־גלאַנץ. מיר האָבן געלעבט אין „גי" — ווו דאָס לעבן איז געווען אַן אָפּקומעניש, פול מיט יסורים, מיט ליידן, א לעבן, וואָס איז געווען ערגער פון טויט. אָבער איינס איז אונדז תּמיד געבליבן: דער זכּרון, דער שטאַרקער, מעכטיקער, קאָפּ, דער אייזערנער מוח, די חריפות, די גרויסע אַלצדינג גוברדיקע רוחניות. זענען יידן אוועק קיין בבל, האָבן זיי צוגעגרייט עזראן. זענען זיי געקומען קיין אַלעקסאַנדריע — איז אַרויסגעקומען ידידיה פילון, דער גרויסער פילאָזאָף. און אין יעדן לאַנד האָבן מיר ווייטער געשאַפן. אין בבל — צום צווייטן מאָל — האָבן מיר געשאַפן דעם תּלמוד; אין שפּאַניע — דעם כּוזרי; אין פּראָוואַנס — תּוספות; אין צפון־פראַנקרייך — רש"י; אין אַפריקע — ר' סעדיה, דעם רמב"ם; אין דייטשלאַנד — די השׂכּלה, מענדלסאָן, די חכמת ישׂראל; אין רוסלאַנד און פּוילן — חסידות, די העברעישע ליטעראַטור, די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע ליד, דעם יידישן קרעכץ. עס האָבן

זיך געצויגן פעדעם פון איין עק וועלט צום אַנדערן -- פעדעם פון געדענקען און פון וועלן. ביז מיר זענען געקומען קיין אמעריקע — און דער פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן. נישט נאָר ביי די, וואָס וואָס זענען שוין דאָ געבוירן, נישט נאָר ביי אונדזערע קינדער — ביי אונדז אַליין.

„דער יונגער ייד האָט פאַרגעסן. דער צווייטער דור ווייסט שוין גאָרנישט, וויל גאָרנישט נישט וויסן, פאַרוואָס מיר האָבן געליטן און צוליב וואָס. און קוקט זיי אָן — אָט די יונגעלייט, וואָס שטייען אין די געשעפטן, וואָס זיצן אין די קאָנטאָרן, וואָס פאָרן אין די אויטאָמאָבילן. וואָס רעדן זיי? פון וואָס טראַכטן זיי? קוקט זיך איין אין זייער גייסטיקער וועלט — אין זייערע השגות, אין זיי־ערע פערספעקטיוון! מ'שטייגס געזאָגט! נאָך אַ פּאָר דאָלאַר, און אַ „גוד־טיים" און א „מזאור"; און אויב שוין נאָר גרויס פאַרמאָסטן— אַ פּאָר וואָכן ווינטער אין פלאָרידע — און אַ פּאָר „לעכער" ביים גאָלף! הערט זיך צו, ווי זיי לאַכן, ווי זיי זינגען! אפילו דעם יידישן וויץ האָבן זיי פאַרלוירן. זיי דערציילן זיך „איירישע" אַנעק־דאָטן און זינגען די משוגעהדיקע „נעגער־לידער", די באַרבאַרישע אַפ־ריקאַנישע מעלאָדיעס — און דרייען דערביי אַזוי מאָדנע, אַזוי אומ־עסטעטיש זייער גוף! די יידישע מתיקות, אָט דער קרעכץ, וואָס האָט אין זיך אַזויפיל מוזיק — איז אַוועק. די יידישע חריפות, אָט די שאַרפקייט פון דעם יידישן מוח, וואָס האָט תמיד פאַרחידושט די וועלט, אונדזער איינציקער כּלי־זין — איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן. אַלצ־דינג, וואָס איז געווען, איז פאַרגעסן. זיי ווילן נישט אפילו, אז מען זאָל זיי דערמאַנען, זיי דאַרפן עס נישט האָבן.

„נאָר זיי? און מיר אַליין, אָט דער דור, וואָס האָט נאָך אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אנדער וועלט, דעם ביטערן, שטאַרקן טעם פון אַן אַנדער ערד? פאַרגעסן מיר דען נישט? דער ייד פאַר־לירט אין דער אייגענער שעה, וואָס ער קומט אהער, זיין גאַנצע חושים־שאַרפקייט, זיין אַלטע בענקשאַפט. ער רייסט זיך נישט מער. ער וויל גאָרנישט מער. אים אַרט שוין גאָרנישט. ער געפינט א מין באַזונדער תענוג אין דעם ווערן אויס ער, אין דעם פאַרגעסן. לכתחילה וויל ער עס, דערנאָך ווערט עס שוין ביי אים אַ רגילות, די צווייטע נאַטור, און אין אַ קורצער צייט קאָן ער שוין גאָרנישט אַנדערש,

און אַזוי שטייט ער דאָ א פרעמדער אין ביידע וועלטן, אַ שטויבעלע אין אַ שטורעם, א טראָפּן וואַסער אין א וואַסערפאַל, און האָט שוין אַליין פארגעסן, אז ער קומט פון א הייסער, זאַמדיקער ערד, פון אַ לאַנגזאַמען, שווערן, הייליקן טייך".

און מיט אַ שמייכל האָט דער צווייפלער צווישן אונדז פאַר־ענדיקט:

„אַזוי האָט מיר דער אַלטער ייד געזאָגט, און איך האָב גאָר־נישט וואס צוצולייגן צו זיינע ווערטער.

„מזל=טוב“.

„מזל=טוב, מזל=טוב! — האָב איך שוין אָפּגעגעבן מזל-טוב?“ — „פאַרוואָס? וואָס האָט מיט מיר אַזוינס פּאַסירט?“ איך הייב אָן אַרומקוקן זיך, זוכן, אפשר האָב איך טאַקע פאַרדינט עפּעס אַ מזל-טוב און האָב עס בלויז נישט באַמערקט — און איך קאָן זיך נישט דערמאָנען. „וואָס הייסט פאַרוואָס? דער מאַנדאַט איז דאָך ראַטיפיצירט געוואָרן!“ „אַזוי, דאָס גאָר! מילא, איר ווילט, לאָז זיין מזל־טוב איר זאָלט דערלעבן איבעראיאָר אָנזאָגן מיר נ״ע בשורות.“

עס קומט מיר אָפּט אויס. אין די לעצטע טעג צופירן אַזעלכע שמועסן מיט פאַרשידענע יידן, פּראָפעסיאָנעלע ציוניסטן, גלאַט=אַזוי ענטוזיאַסטן, יידן, וואָס זענען גרייט תמיד ביי יעדער געלעגנהייט אַריינפאַלן אין התפעלות, יום=טובדיקע יידן, וואָס האלטן עס פאַר אַ מצווה גיין פראַווען כיבודים, גיין „גוט־יום=טוב=ביטן“ — סיי מען בעט זיי, סיי מען בעט זיי נישט.

די יידישע צייטונגען זענען פול מיט מזל-טוב־דעפּעשן, מיט באַגייסטערונגס=אַרטיקלען. די ציוניסטישע פירער גראַטולירן איינער דעם צווייטן, און מען גראַטולירט זיי. מען דאַנקט זיך, מען לויבט זיך, מען איז צעפרידן.

שיין. מהכי־תתי. פרייד איז אַ גוטע זאך. און ווי זאָגט מען עס: „לאָז זיך דאָס קינד פרייען מיט וואָס עס זאָל נישט זיין, אַבי עס זאָל נישט וויינען“.

דאָס קינד! אָבער ווען מען איז שוין נישט מער קיין קינד, ווען מען איז שוין אַזוי ווייט=ווייט דערפון, ווי — דאָס יידישע

פאָלק? איך ווייס, עס קאָן זיין, עס איז בלויז אַ געוווינהייט, אַ מין קאָנסערוואַטיזם; אָבער מיר דאַכט זיך תמיד, אַז דעם יידן קליידט נישט קיין פרייד. זי קליידט אפשר קיינעם נישט. עפּעס איז אין דעם פרייען זיך דאָ וווּלגאַריטעט, באַרימעריי, זעלבסטצופרידנקייט. פּאַלסטאַף מיט דעם הילכיקן געלעכטער, מיט דער רויט=שטראַלנדיקער נאָז, דער פעטער, מיט די הענט אויף דעם דיקן בייכל.

מענטשן זענען שענער, פיינער, איידעלער, ווען זיי זענען אַ ביסל פאַרטראַכט, פאַרסורימדיקט. אין טרויער ליגט חלום, בענקשאַפט. און בענקשאַפט איז דער יסוד פון דער נשמה.

מיר, יידן, ווייסן עס אַמבעסטן. מיר האָבן אַריינגעבראַכט דעם מאָטיוו אין דער וועלט, דער מאָטיוו פון בענקשאַפט און פון דעם טרויעריקן שמייכל. מיר האָבן אים אַליין נישט אויסגענוצט קינסטלעריש. די קריסטלעכע קונסט האָט אים אויסגענוצט. די „מאַטער דאָלאָראָזא" — די „מוטער אין צער" — איז דער שענסטער קאַטויל ישער קריסטלעכער קונסטמאָטיוו. און איך קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טיפן איינדרוק, וואָס די שווער-געמיט=אויגן פון דעם קריסטוס-בילד אין דעם רוימישן לאַטעראַן האָט געמאכט אויף מיר. אַן אלט בילד, נאָך פון די ביזאַנטישע צייטן, איינגאַנצן צו בונט, צו פאַרביק, צו אָפגאָטיש. אָבער די אויגן! אַזעלכע שוואַרצע, טרויעריקע יסורים=אויגן, די יידישע אויגן, וואָס קוקן אויף דער וועלט.

איך קאָן זיך נישט גוט אויסמאָלן אַ יידן, וואָס ליידט נישט, אַ יידן, וואָס האָט אָנגעווירן זיין טיפן, אַלטן טרויער, א יידן מיט לאַכעדיקע, מיט צעפרידענע, מיט גליקלעכע אויגן. עס פּאַסט אים נישט. ער פאַרלירט זיין חן און זיין אייגנאַרטיקייט: דער אומעט פון דעם ווייסנדיקן און דעם צווייפלענדיקן, דער טרויער פון דעם, וואָס האָט שוין אַזויפיל געזען און ווערט נישט איבערראַשט פון קיין שום זאַך, די פאַרטראַכטקייט פון דעם, וואָס שטייט נאָנט צום שוועל פון די סודות.

און דאָס איז אפשר איינער פון די טעמים, וואָס לאָזט מיך קיינמאָל נישט מיט דעם גאַנצן האַרצן זיין אינאיינעם מיט די אנדערע יידן, וואָס ווילן — דערגרייכן, וואָס ווילן פאַרענדיקן. ווייל פאַר מיר איז דער ציוניזם אין ארץ ישראל א פאַרענדיקונג פון דער יידי-

פער געשיכטע, אַ שלוס פון דעם יידנטום, נישט ווייל איך גלויב, אַז דאָס איז די „גאולה". עס איז גישטאָ קיין וואָרט, וואָס זאָל זיין אַזוי אינהאַלטס-רייך, אינהאַלטס-שיין, און וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי אינהאַלטס-אָרעם, ווי — „גאולה", דערלייזונג. גרויס און טיף — ווען עס איז אַ וועג און אַ פאַרלאַנג, ענג און אויבערפלעכלעך — ווען עס ווערט אַ ווירקלעכקייט און אַ דערפילונג. מיט פופציק יאָר צוריק איז אפילו דער פוילישער חלום פון זייער „גאולה" געווען שיין און רייך. מיצקעוויטש, טאָוויאַנסקי, — אַ פוילישער „מעסיאַניזם", דורכגעוועבט מיט מיסטיק. און דערפאַר אַזוי פרוכטבאַר. און אַט איז די „גאולה" געקומען. פוילן האָט דערגרייכט מער ווי מיצקע-וויטש און טאָוויאַנסקי און דער יידיש-פוילישער „פאַטריאָט" יוליאַן קליאַטשקאָ האָט געחלומט. פוילן איז געוואָרן גרויס, אָבער גייסטיק אָרעם, אָן אידעען, אָן אידעאַלן. הונדערט יאָר געוואַרט אויף דער ירושה — געבויט פאַלאַצן פון קרישטאָל, „שפּאַנישע שלעסער" — און ווען די ירושה איז זיי געפאַלן אין שויס אריין, ווייסן זיי שוין נישט וואָס צו טאָן מיט איר. און דאָס, וואָס זיי טוען מיט איר, דורך איר, איז אַ באַליידיקונג פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון דעם פוילישן „גלות".

און איז נישט דאָס אייגענע אומעטום? כל זמן מען ליידט און שטרעבט און קעמפט, איז מען גוט, איז מען שיין. קומט די דערפילונג — פאַרמאַכן זיך אַלע טויערן פון חלומות און עס עפע-נען זיך די טויערן פון באַנאַליטעט.

מיר, יידן, רייסן זיך פון די טויערן פון נישט-דערפילונג. מיר האָבן אַ גרונט דערצו, אַפילו ווען מיר וואָלטן עס נישט געוואָלט — מען צווינגט אונדז דערצו.

מען וויל, אַז מיר זאָלן ווערן „מיט לייטן גלייך". די באַלע-באַטישע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, די איינגעוואָרצלטע, איינ-געפונדעוועטע בורזשואַזיע פאַרלאַנגט פון אונדז, אַז מיר זאָלן אויך סוף כל סוף ווערן באַלעבאַטימלעך, האָבן אַן אייגענע נחלה מיט אַ פאַרקאַן אַרום הויז, מיט אַ קליינעם גאָרטן און אַ גאַנעק, און זיצן רויק אין אונדזערע פיר איילן און לאָזן צורו די וועלט. „יעדער צו זיינע אייגענע" — אַזוי איז דער העכסטער אי-

דעאַל פון אַלע קליינבירגער. זיין „אייגענע" שפּראַך, זיין „אייגן לאנד", זיין אייגן שטיקל הימל. ביז אַהער און נישט ווייטער: מיינס — דיינס. דאָס איז די מידה פון די „בינונים", פון די מיטלמעסיקע, באַשרענקטע, איינגעגרענעצטע. און זיי טראַכטן בלויז פון איינס — מאַכן די גרענעץ נאָך באַגרענעצטער, אָפּשליסן זיך פון אַנדערע, אוועקשטעלן אַ קאָרדאָן פון סאָלדאַטן און באַיאָנעטן און נאַציאָנאַלע אידעאַלן, צייכענען אַ מאַגישן קרייז אַרום זיך.

איך וויס, עס קאָן אַנדערש נישט זיין. מען קאָן נישט תמיד פּראָטעסטירן אַקעגן דער גאַנצער וועלט. מען קאָן נישט זיין תמיד קיין מורד. עס קומט אַ צייט, ווען מען ווערט מיד און מען גיט זיך אונטער. און דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אונטערגעגעבן. אין זיין „זיג", אין זיין דערגרייכונג ליגט זיין לעצטער אָפּזאָג. דער אָפּזאָג צו זיין אייגענער געשיכטע.

מיר דוכט זיך אָפּט אויס, אַז עס איז אַ גליק, וואָס פּאַלעסטי־נע איז נישט קיין לייִדיק לאַנד. מאָ־ט אייך אויס, וואָס וואָלטן מיר געטאָן, ווען עס זענען נישטאָ קיין אַראַבער און קיין קריסטן, נאָר אַ לאנד, וואָס ווערט בלויז אויף יידן. און אָט האָט מען שוין ראַ־טיפיצירט דעם מאַנדאַט, און די דעקלאַראַציע פון ענגלאַנד מיינט באמת א „יידיש היימלאַנד", און יידן קומען זיך דאָרט צונויף און באַ־זעצן זיך — אליין, צווישן זיך. עס קאָן זיין, אז דאָס ערשטע גע־פיל וואָלט געווען: „ענדלעך אליין". עס וואָלט געווען דאָס גרויסע געפיל פון באַפרייונג. מען קאָן זיין, ווי מען וויל, לעבן ווי דאָס האַרץ פאַרלאַנגט, קיינער שטערט נישט, קיינער קוקט נישט מיט פרעמדע און קאָסע אויגן, קיינער זאָגט נישט קיין דעות, מען דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט היטן.

אָבער — ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, איז דאָס בלויז דער ערשטער, פרישער איינדרוק. די פרייד פון אליין זיין געדויערט נישט לאַנג. זייער באַלד הייבט מען אָן פילן די באַשרענקטקייט, די ענג־שאַפט. און עס גלוסט זיך ווידער פרייהייט, פרעמדקייט, פאַרביקייט.

וואָס וואָלטן מיר, יידן, געטאָן, ווען מיר וואָלטן געבליבן אליין — אין ארץ־ישראל. אליין מיט די בערג פון יהודה, מיט די שאָטנס און זכרונות פון פאַרצייטנס? וואָס וואָלטן מיר געטאָן, ווען קיינער וואָלט

אונדז נישט געשטערט? די גאנצע טראגעדיע פון דעם יידנטום וואלט זיך מיטאמאל פארענדיקט. דער פינפטער אקט, פארהאנג, שלוס — און דערנאך? נאך אזויפיל וווּנדערבארער שיינקייט, נאך אזא שטורמישן אוואנטורן-לעבן — א גאנעק מיט א פריזבע און א קליינבירגערליך־נאציאנאלע עקזיסטענץ!

די וועלט קאן עס נישט פארצייען פוילן, וואס זי האט אזוי אנטוישט; מיט וויפל מער רעכט וואלט מען געקענט האבן טענות צו אונדז, יידן! אזויפיל צוגעזאגט און גארנישט געגעבן. געוועזן טויזנטער יארן א פייערזייל, א רויך זייל, א פאקל פאר דער וועלט — און דערנאך צוריקגעצויגן זיך — „פלאנצן קרויט", ווי וואלטערס קאנדיד? די ציוניסטן פארשטייען עס נישט. די יידישע לאנד־ און „שלי-שלי"-ענטוזיאסטן, זיי באדויערן עס, וואס פאלעסטינע איז נישט אזוי גרינג צו באקומען, זיי גיבן זיך אפ מזל-טוב מיט א שטילן זיפץ. „יא, עס איז טאקע א זיג, אבער די אראבער, אבער עס איז נאך נישט אינגאנצן א זיג".

זיי ווילן נישט זען, אז דאס שענסטע, דאס אריגינעלסטע אין דער ציוניסטישער דערגרייכונג איז דווקא דאס, וואס פאלעסטינע איז נישט אינגאנצן, נישט אבסאלוט א יידיש לאנד, א יידיש אייגנטום. דאס היסטאריש-באדייטנדיקע דערביי איז, וואס מיר קומען אריין פון איין קאמף-סביבה אין א צווייטער, וואס מען לאזט אונדז נישט בלייבן אליין, מען לאזט אונדז נישט ווערן זעלבסטצופרידן, מען וויל ביי אונדז נישט צונעמען דעם שעפערישן צער.

פאלעסטינע אן שום פראגן, אן שום אראבער, וואלט געווארן א לאנד פון דעם לעצטן שלאף. רויק, אבער אויך אן חלומות. פאלעסטינע, ווי זי איז איצט, איז א געלעגנהייט פאר דער אנטוויקלונג פון אלע כוחות אין דעם יידישן פאלק, טאקע ווייל מיר שטייען אין דעם מיטלפונקט פון א וועלט, און ווייל מיר קאנען זיך נישט אפזאגן פון אונדזער געשיכטע, טאקע ווייל די רו איז נישט באשערט.

און ווען יידן זאגן זיך „מזל-טוב" צו דעם מאנדאט, צו דער דערפילונג פון דעם אלטן יידישן חלום, בין איך גרייט איינצושטימען. דערפאר, וואס מיר האבן דערגרייכט, און נאכמער דערפאר, וואס מיר

האָבן נאָך נישט דערגרייכט. די געשיכטע איז מילד מיט אונדז, די האָט גוטע כוונות: זי ווויל אונדז נישט לאָזן ווערן קיין רויקע קליינ־בירגער, זי וויל נישט אַרויסטרייבן דעם שיינעם אומעט, דעם אלטן צער פון די יידישע אויגן. די וועלט דאַרף אים האָבן. זי וואָלט גע־וואָרן צו וואָכעדיק, צו „פּאַלסטאַפיש" אָן אים.

אָן יידן.

איך האב זייער שטארק מורא, אז די יידישע גאַס אין אמעריקע און אומעטום וועט אָנווערן דאָס לעצטע ביסל סענטימענטאַליטעט, וואס זי האָט געהאַט צו רוסלאַנד, צו סאָוועט=רוסלאַנד.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האט איר גאָרנישט געקאָנט ארגומענטירן מיט אַ יידן. איר האט געמעגט מיט אותות ומופתים באַווייזן, אַז דער באָלשעוויזם איז שלעכט, איז אומפּרוכטבאַר, צעשטערט און בויט נישט. איר האט אים געקאַנט ברענגען ראיות פונוואַנען איר ווילט אליין; זיין לעצטע תירוץ איז געווען: לאָז זיין אזוי — אָבער פּאָרט טראָצקי, אָבער פּאָרט זינאָוויעוו.

און ער איז געווען פון זיין פאָלקסטימלעכן שטאַנדפּונקט אויס גערעכט. גוט אָדער שלעכט, מסכים אָדער נישט, אָבער פּאָרט: אַזאַ גרויס לאַנד, אַזא ריזיקע מדינה, און ווער פירט זי? יידן. מיט וועמען זענען געווען פול די בלעטער פון דער גאַנצער וועלט? ווער האט פארנומען דעם פּלאַץ פון די צאַרן און מיניסטאָרן, און באָיאָרן? אַ ייד פון ניקאָלאַיעוו, אַ ייד פון יעליסאַוועטגראַד, אַ ייד פון גאַליציע.

אמת, וואס פאר יידן זענען זיי, מ'שטיינס געזאָגט, אָבער פּארט אברהם, יצחק ויעקבס אייניקלעך. אפילו קאַמעניעוו, וואס איז שוין גאָר איינגאַנצן אַ משומד, אָבער ראָזנפעלד הייסט ער דאָך פּאָרט!

און אָט האט זיך דאס רעדל אַ דריי געטאָן. ווען אַ ראָד דרייט זיך, פּארטשעפּעט עס עמעצן, ווארפט עס איינעם אראָפּ. דעם אַנדערן ארויף. און מערקווירדיק, דאס ראָד פון דער געשיכטע האט פּארטשעפּעט און צעשמעטערט דווקא די יידישע פירער.

צוערשט טראָצקין. דעמאָלט האט זיך דאס ראָד אַ דריי געטאָן לינקס. איצט איז געקומען די נייע דריייונג — אויף רעכטס — און

ווידער זענען געפלויגן יידן: זינאָוויעוו, קאַמענעוו, סאָקאָלניקאָוו. די „לינקע" זענען אראָפּ, די רעכטע זענען ארויף — און דער רעזולטאַט איז: די סאָוועט=רעגירונג איז געוואָרן „יידן-ריין". סטאַלין, ריקאָוו, קאַלינין, טשיטשערין, וואָראָשילאָוו — רוסן, גרוזינער (סטאַלין), פּאָליאַק (דזשערזשינסקי) — סאָוועט-רוסלאַנד ווערט „קריסטלעך".

עס ווייזט אויס, רוסלאַנד ווערט „נאָרמאַל". עס האָט נאָך אייגנטלעך ביז אַהער נישט פּאַסירט, אַז אין אַ נאָרמאַל לאַנד, אין אַ נאָרמאַלער צייט, זאָל אַ ייד שפּילן אַ גרויסע, ווייכטיקע ראָלע. דער איינציקער אויסנאַם איז געווען דיזראַעלי. און וויפל האָט ער געקעמפט, ווי שווער איז געווען זיין קלעטערן אויף דעם באַרג און ווי קורץ זיין פאַרווייל? דאָס, וואָס אַ ליאַדע פּאָליטיקער אין ענגלאַנד האָט דערגרייכט אין אַ פּאָר יאָר, האָט דיזראַעלי געמוזט אויסקעמפן און ארויסרייסן מיט די ציין ביי דער געשיכטע. קיינער וואונדערט זיך נישט אויף סטענלי באַלדווינס קאַריערע. אין אַ פּאָר יאָר — פון אַן אומבאַדייטנדיקן קאָנסערוואַטיוון „קאָמאָנער" — אַ פּרעמיער פון ענגלאַנד. אפילו לאָיד=דזשאָרדזש, מיט זיין גאַנצער ראָמאַנטישער אויפגעבלאָזנקייט, האָט געהאַט אַ גרינגן דערפאָלג. דיזראַעלי אָבער, דער איינציקער ענגלישער שטאַטסמאַן, וואָס האָט געהאַט אידעען, איז תמיד געווען פאַר די ענגלענדער אַ וואונדער און אַ רעטעניש. זיי קאָנען עד היום נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז דאָס געווען מעגלעך, אַז אַ ייד האָט געקאָנט ווערן פּרעמיער. און איר קאָנט זיין זיכער, אַז נישט לאָרד רעדינג און נישט סער הערבערט סעמיועל און נישט סער אַלפרעד מאָנד וועלן ווען עס איז זיך ארויפדראַפּען צו דער מדרגה, וואָס באַלדווין האָט אַזוי גרינג, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַזוי אָן שום קשיות דערגרייכט.

אָדער נעמט דייטשלאַנד. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ביי קיין שום פּאָליטישער קאָמבינאַציע נישט געפעלט קיין ייד. די דעמאָקראַטן האָבן געהאַט ראַטענאַו, די סאָציאַליסטן — האַזע, אָסקאַר קאָן, בערנשטיין, הילפערדינג; די קאָמוניסטן — פון זיי איז שוין אָפּגערעדט. ווער פון זיי האָט געמאַכט דעם גרעסטן ליאַרם? רות פישער — פרידלענדער, שלום, קאַץ א. אַז. וו.

דאָס אייגענע אין פראַנקרייך און אומעטום. עס האָט זיך באמת אויסגעוויזן, אַז יעדער ייד איז געווען גערעכט, וואָס האָט געענטפערט אַן אַנטיסעמיטישן אָפּיציר אויף זיין פאַרביטערטער פראַגע. „ווו איז

דאָ אַן אָרט, ווו מען געפינט נישט קיין יידן?" — מיט אַ פשוטער און קלאָרער תשובה: „אויף אַ קריסטלעכן בית-עולם". יידן האבן גערעדט, יידן האבן געשריבן, יידן האבן געפירט, אָדער זיי האבן געמיינט, אַז זיי פירן. און אנדערע האבן עס אויך געמיינט. און ווייל מען האט אזוי געמיינט, זענען יידן טאקי געווען אַ מאַכט. ווייל מאַכט איז דאך נישט מער ווי אַן אילוזיע און אַ גלויבן. אָבער מיטאַמאָל איז עס געוואָרן שטיל.

מיט כוונה — אָדער פון זיך אליין — דורך אַ נאַטירלעכן פראָצעס, זענען די יידן „אויסגעשאלטעט" געוואָרן פון יעדער פארטיי, אין יעדן לאנד. צוערשט די ליבעראַלן, דערנאָך די סאָציאַליסטן. עס איז דאך נישט קיין סוד, אַז איינער פון די מאָטיוון, פארוואס די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראטיע וויל נישט אַריינטרעטן אין אַ קאָאַליציע—אָדער קאָן נישט איבערנעמען די מאכט, איז די „פאַריידישונג" פון דער פאַרטיי, די פעיקסטע, די „מיניסטעריאַלסטע" פירער פון די סאָציאַל-דעמאָקראטן זענען פאָרט יידן — און די פאַרטיי וויל פשוט נישט אויפרייצן דעם ראסן-האַס. זי האט מורא נישט בלויז פאר די אנטיסעמיטן, נאָר אפילו פאר די אייגענע „גענאָסן". דאס אייגענע איז איצט אין עסטרייך. נאָך אלע געזעצן פון דער פאָליטישער לאָגיק, וואלטן די סאָציאַל-דעמאָקראטן באַדארפט און געזאָלט איבערנעמען די מאכט. אבער זיי קאָנען נישט, ווייל די, וואס קאָנען ווערן מיניסטאָרן — באויער, דייטש, אַדלער, עלנבויגן א. אז. וו., זענען יידן און די נישט יידן זענען נישט רעגירונגס-פעיק.

און אפילו אין פראַנקרייך וואלט זיך די סאָציאַליסטישע פארטיי נישט געקאָנט אנטשליסן איבערצוגעבן לעאָן בלומען די מיניסטער-פּרעזידענטשאפט אין פראַנקרייך.

איצט איז געפאַלן די לעצטע פעסטונג — די קאָמוניסטישע. עס איז נישט בלויז קיין צופאַל, וואָס גראָד די, יידן און דווקא די יידן, זענען געפאַלן אין דעם קאַמף צווישן לינקע און רעכטע אין מאָסקווע. עס איז אויך נישט בלויז אַ קאַמף פאר אַזאַ אָדער אַן אַנדערער פּאָליטיק. די ארגומענטן פון דער טריבונע מעגן זיין זייער פּאָליטיש, זייער עקאָנאָמיסטיש — די מאָטיוון הינטער די ווערטער זענען אַנדערע: די קאָמוניסטן ווילן שלום מאַכן מיט דעם רוסישן פאָלק, מיט דעם דאָרף, מיט דער גאַנצער רוסישער פאַרגאַנגענהייט, און דער שלום-פּרייז איז — דער קאָפּ פון דעם יידן.

כּל זמן דער קאָמוניזם האָט געפירט בלויז אַ קאַמף, אַ קאַמף אויף אַלע פראָנטן; כּל זמן ער איז געווען איזאָלירט, האָט עס די פירער פון דער פּאַרטיי נישט געאַרט, וואָס מען דענקט וועגן זיי. אמת, שוין דעמאָלט האָט מען צווישן די אַרבעטער, אין די פאָלקס־מאַסן, געהאַלטן אין איין שושקען זיך: „יידן, יידן, זשידי". אָבער די באָלשעוויקעס האָבן גאָרנישט געקאָנט טאָן. זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּשטויסן פון זיך די יידישע עלעמענטן, ווייל אַנדערע האָבן זיי גאָרנישט געוואָלט שטיצן.

אָבער דער טראָפּן האָט געקאַפּעט און געקאַפּעט און אויסגעהוילט דעם שטיין. וואָס נענטער די באָלשעוויסטישע רעגירונג איז צוגעקומען צום פאָלק, וואָס שטאַרקער זי איז געוואָרן, אַלץ שווערער איז פאַר איר געוואָרן דער יידישער באַגאַזש. זי האָט זיך אָנגעהייבן פון אים צוביסלעכווייז צו באַפרייען. צוערשט די פּראָווינץ, די קליינע קאָמיסאַריאַטן — זיי זענען שוין פון לאַנג געוואָרן „יידן־פריי". מען האָט אויפגעהערט אַריינצונעמען יידן אין די לאָקאַלע סאָוועטן. מען האָט יידן געבעטן זיך נישט צו שטופּן — כּדי „נישט צו רייצן די גענדז". און אַז באָלשעוויקעס ווילן עפּעס דורכפירן, ווייסן זיי שוין ווי אַזוי. מען דאַרף גאָרנישט זאָגן אַ יידן: מיר ווילן דיך נישט, ווייל דו ביזט א ייד — מען „רייניקט" בלויז די פּאַרטיי, און מען וואַרפט אַרויס פון איר אַלע „פּאַרדעכטיקע" עלעמענטן. און וואָס קאָן מען טאָן, ווען צווישן די „פּאַרדעכטיקע" זענען גראַד ניינציק פּראָצענט יידן? אַנטיסעמיטיזם? חלילה! אַזוינס טאָר מען גאָר אין רוסלאַנד נישט זאָגן. פאַר אַזאַ חשד קומט, צום מינדסטן, שיסן. ניין, עס איז בלויז „פּאַרטיי־דיסציפּלין" און „די געבאָטן פון לענינען". וואָס זאָל מען טאָן, ווען יידן זענען אַזעלכע אַפּיקורסים?

אָבער עס זענען פאָרט נאָך געבליבן יידן, און גראָד אין דער פירונג, און דווקא אָן דער שפּיץ? און צום גרעסטן הארצווייטיק, דווקא אַזעלכע כּשרע לענינעסטן, אַזעלכע פרומע, אָרטאָדאָקסישע קאָמוניסטן, אַז די „אַלמנה" אַליין, לענינס פרוי, קרופּסקאַיאַ, האָט זיי געבענטשט און אַנערקענט פאַר די אמתע יורשים פון דעם הייליקן „איליאיטש"?

העלפט גאָט, ווערט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי רעכט, און מיטאַמאָל פליען אַרויס אַלע לענינעסטן, אַלע עקסטרעמע, און אין יעדן פון די לינקע שטעקט אויך צופעליק אַ ייד. די קרופּסקאַיאַ פּראָ-

טעסטירט — וואַרפט מען זי אויך אַרויס. מען טוט א קוש לעני־נס איקאָנע און מען טרייבט אַרויס זיין אלמנה און זיינע יידן.

און צום ערשטן מאָל, זינט דער באָלשעוויזם איז געוואָרן אַ מאַכט אין רוסלאַנד, שטייען נישט קיין יידן אָן דער שפּיץ. צום ערשטן מאָל נאָך דער רעוואָלוציע האָט רוסלאַנד אַ „נאַציאָנאַלע", ד. ה. אַ ריין קריסטלעך פּראַוואָסלאַוונע רעגירונג. עס איז נאָך געבליבן פּאַר אַ זכר אַ גרוזין, אָבער דאָס מאַכט שוין נישט אויס. אַזוי איבער־קלויבעריש איז מען נישט אין רוסלאַנד. אַפילו אונטער די צאַרן זענען אויך געווען די מיניסטאָרן דייטשן און אַרמעניער און מאָל־דאַוואַנער. און אויב קאָסאַ, דער מאָלדאַוואַן, און פּלעווע, דער דייטש, האָבן געקאָנט זיין די זיילן פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם צאַרישן טראָן — פאַרוואָס זאָל דער גרוזין סטאַלין דזשוגאַשווילי נישט זיין אַ זייל פון דער פּראַוואָסלאַוונער קאָמוניסטישער סאָוועטרעפּובליק?

און אַזוי, שריט ביי שריט, ווערן יידן אויפסניי ארויסגעשטויסן פון דער געשיכטע. גענוג מיטגעשפּילט, גענוג שותּפות. און אפשר זענען „זיי" אויך גערעכט? ווער ווייסט? אויב עס איז אמת, אַז יידן זענען דער „זייערטייג פון דער געשיכטע" — וויפל זויערטייג דאַרף מען עס האָבן פּאַר א טייג? און צום סוף, צוריקגערעדט, דער עיקר איז דאָך דאָס ברויט און נישט דער זויערטייג!

לאָזן זיי זיך באַקן זייער געבעק, לאַזן זיי ווייזן, וואס זיי קאָנען אויפטאָן מיט זייערע אייגענע כּוחות, אָן יידן. מיר קאָנען וואַרטן.

די גאַנצע נחמה.

מר. לואי מאַרשאַל פרייט זיך: דער אַנטיסעמיטיזם ווערט שוואַכער, די אנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין אמעריקע איז „אויסגערונען". אין מערב־אייראָפּע איז די לאַגע פון יידן געוואָרן גרינגער. און מען דאַרף האָפן — מען קאָן האָפן, אז עס וועט באַלד ווערן גרינגער, בעסער אויך אין צענטראַל- און מזרח-אייראָפּע. ובא לציון גואל — אמן!

אַ טייערע זאַך — סטאַטיסטיק. כּמעט ווי גמרא. אַלצדינג געפינט מען ביי איר און דורך איר, אפילו נחמה, אפילו אָפּטימיזם — פאַרשטייט זיך, ווען מען וויל. וויל מען פעסימיזם, קאָן מען אויך געפינען. מען קאָן באווייזן מיט ציפערן, מיט דאַטן, אז דער אַנטי־סעמיטיזם וואַקסט, נישט בלויז אין אייראָפּע, נאָר אויך אין אַמעריקע. מען קאָן עס באַווייזן דורך וואַל=ציפערן. האָט דען דער קו־קלוקס־קלען נישט געוווּנען די וואַלן אין אַ גאַנצער ריי שטעט אין אָהאַיאָ? האָט ער דען נישט געזיגט טאַקע לעבן אונדז, אין אונדזער נאָענ=סטער שכנות — אין לאָנג-איילענד? אַ סימן, די טויזנטער מענטשן, וואָס פאַרזאַמלען זיך ביי די קלען-מיטינגען; די פייערדיקע צלמים, וואָס לייכטן דאָרט. און וואָס איז דער קו־קלוקס=קלען, אויב נישט די אנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע פון אמעריקע, אַן אָרגאַניזאַציע, ווי די פון פּאַסטאָר שטעקער אין דייטשלאַנד, אָדער אַ פּראָטעסטאַנטישע אויסגאַבע פון דער קריסטלעך=סאָציאַלער פּאַרטיי און עסטרייך? ווען מען פירט אריבער קיין אַמעריקע די אמאָליקע „אַל־דייטשע" שענע=רער און וואָלף און מען ברענגט זיי צו אַ קלען=מיטינג, וואָלטן זיי זיך דערקענט. די אייגענע טעאָריע, די אייגענע פּראַקטיק. אויך דאָ אַ „וועג פון רוים", אַ פּראָטעסט קעגן קאַטאָליציזם; אויך דאָ „נאָר־

דיש־נאַרמאַניש־אַרישע ראַסע", און — „לעסט נאָט ליסט" — אַנטי־סעמיטיזם. דער איינציקער אונטערשיד איז אפשר דער, וואָס די שע־נערער־וואָלף־קאָמפּאַניע איז געווען נישט בלויז אַנטי־קאַטוליש, נאָר אויך בעצם אַנטי־קריסטלעך, וואָס זיי האָבן פיינט געהאַט דעם קריסטנ־טום, ווייל — עס שטאַמט פאַרט פון דעם פאַרהאַסטן יידנטום — און דער קו־קלוקס־קלען איז נאָך אַלץ פּראָטעסטאַנטיש.

אָבער עס איז דאָך אויך בלויז אַ צייט־פראַגע. עס איז דאָך שוין אין אַמעריקע געווען אַזאַ מין באַוועגונג אויך. מיט אַ יאָר פערציק צוריק האָט זיך געגרינדעט אין אַמעריקע אַ „געזעלשאַפט צו אונטערדריקן די יידי־שע ראַסע", און איינער פון די פּונקטן אין איר פּראָגראַם איז געווען: „מיר וואַרפן אָפּ די עשרת הדברות, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דעם יידן משה, און פאַרפליכטן זיך נישט צו גיין אין אַ קירך, ווו עס ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון דעם יידן יעזוס קריסטוס". און ווער ווייסט, ויפל קלען־אָנהענגער האָבן אין הארצן אַ שטאַרקע בענקשאַפט אָפּצו־זאָגן זיך פון די אַזוי אומבאַקוועמע עשרת הדברות, וואָס דער ייד משה האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף זיי?

און באמת, וואָס דאַרפן זיי עס האָבן בכלל? וואָס דאַרפן זיי זיי האָבן. אַז אַ געוויסן זאָל זיי פּלאָגן? זיי טוען דאָך סיי ווי סיי קאַ־פּויר, זיי וואַרפן דאָך אָפּ אַלע „לא'ס" פון די צען געבאָטן אין דער פּראַקטיק. צו וואָס נאָך אַ צעריסנקייט? איז דען נישט דער אידעאַל פון דעם „אַרישן מענטשן", דער „העלענישער", דער גריכישער, די גאַנצקייט פון דעם מענטשן? און אויב גאַנץ — איז אינגאַנצן, אָן שום ריסן און סתירות!

„גאַנץ" וויל זיין דער אוקראַינער פּאָגראָמשטשיק, „גאַנץ" דער פּוילישער אַנטיסעמיט, און נאָך „גאַנצער" דער דייטשער „אַריער". און ווען די טעאָריע פון „גאַנצקייט" האָט נאָך נישט דערגרייכט ביז אַמע־ריקע, איז דאָס בלויז נאָך דער איינפלוס פון דער פּוריטאַנישער ירושה. מען וואָגט נאָך נישט, אָבער האָט געדולט — מען וועט וואָגן!

עס איז נאָך נישטאָ, וואָס צו פרייען זיך. עס איז נישטאָ, וואָס צו זיין אָפּטימיסטיש. עס געשעען נסים און וווּנדער. די מענטשלעכע נשמה האָט זיך נאָך נישט אויסגעשעפּט. זי האָט נאָך אַ אַ כח ברוך. מען רייניקט און מען רייניקט — און די חיה לאַכט, די „זיה", וואָס יחזקאל האָט געזען; די „חיה", וואָס דער אַלט־

קריסטלענער, יידיש־באַיינפלוסטער אַפּאָקאַליפּטיקער האָט אויסגעמאָלט פאַר דער וועלט.

געוויס, מען קאָן זיך טרייסטן. סוף כל סוף — דאָס לעבן איז גובר. אפילו דער פאַרביטערטסטער אַנטיסעמיט ווערט אויך מיד. מען קאָן אַ גאַנץ לעבן האַסן, אָבער דער האַס־געפיל ווערט אויך מיט דער צייט פאַרטעמפּט. „די האַנט פון דעם שלאָגער איז מיד געוואָרן פון שלאָגן", ווי עס הייסט אין אַ רוסיש ליד. און אין דער מידקייט ליגט אונדזער פּערספּעקטיוו, אונדזער „טרייסט". אַ האַלבע טרייסט, אַ שוואַכע טרייסט, — אַזוי איז שוין אונדזער מזל!

* *

*

אָבער איז באמת נישטאָ קיין גאַנצע טרייסט? אחד־העם האָט אַמאָל גערעדט פון „חצי נחמה". ער האָט זיך געפרעגט: „קאָן דאָס זיין, איז עס דענקבאַר, אַז אַ גאַנצע וועלט זאָל זיין אומגערעכט, זאָל זיין שולדיק, און מיר זאָלן זיין די איינציקע גערעכטע?" און ער האָט געענטפערט: „יאָ, עס איז מעגלעך, אַ ראיה — עלילת דם".

אחד־העם האָט עס אָנגערופן „חצי נחמה". ער האָט נישט געוואָלט זאָגן — אָדער האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן — וועגן דער צווייטער העלפט. ווו איז די צווייטע העלפט פון דער נחמה? וואָס איז די גאַנצע נחמה? וואָס איז דער זין פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס אַט שלאָפט ער איין אויף אַ ווייל, אַט כאַפּט ער זיך אויף אויפסניי, אַט שטורעמט ער ווילד, אַט באַרויקט ער זיך.

ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זאָגן, ווייל ער קוקט אויף דער געשיכטע פון דער וועלט, ווי אויף אַ לאָגישן פּראָצעס. און לאָגיש קען מען נישט פאַרשטיין נישט דעם אַנטיסעמיטיזם, נישט דעם כוח פון די יידן אים איבערצוטראָגן; לאָגיש קאָן מען נישט דערגרינטעווען דעם זין פון דעם יידישן לעבן.

איך האָב פיינט דאָס וואָרט „מיסטיש". עס איז אַריין, ווי מען זאָגט, אין דער שוסטער־גאַס. עס זאָגט גאָרנישט און מיינט אפשר גאָרנישט. אָבער עס זאָל און דאַרף עפּעס מיינען; עס זאָל און דאַרף מיינען טיפע מאָטיוון, וואָס ווערן נישט דיקטירט פון דעם שכל, נאָר פון אַ דראַנג, פון דעם כאַראַקטער; מאָטיוון, וואָס ש אַ פ ן געשיכטע.

דער גאַנצער כוח פון דעם יידנטום איז זיין מאָטיוו. וויאַזוי

דאָס איז געקומען, איז אַן אַנדער פּראַגע. ווי אזוי אַ גאַנץ געוויינלעך נאָרמאַל פאָלק, אַ פאָלק פון פּאַסטוכער און ערדאַרבעטער אין יהודה, אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, איז געוואָרן, ווי מאַקס וועבער דריקט זיך אויס, אַ „פּאַריאַ פאָלק", אַ פאָלק אָן אהיים, אָן אַ גרונט, אָן וואָרצלען אין דער ערד, אַ פאָלק פון געדאַנקען און — לופט, אַן אויסנאַם־פאָלק אין דער וועלט — דאָס איז אַ פּראַגע, וואָס קאָן אפשר גאָרנישט פאַרענטפערט ווערן. צי די געשיכטע, דאָס הייסט די פאַרקייטונג פון סיבות, האָט ארויסגערופן די נביאים, האָט געשאַפן די יידישע אומה, ווי זי איז, אָדער צי די נביאים און דער יידי־שער גייסט האָט געווירקט אויף דער געשיכטע — דאָס איז אַן איני־טערעסאַנטער, אָבער אויך אַן אומפּרוכטבאַרער פּראָבלעם. מיר שטייען פאַר פאַקטן, נישט פאַר אָנהייבן. מיר האָבן פאַר אונדז רעזולטאַטן און נישט הנחות.

דער פאַקט איז — „אברהם האָט זיך געשטעלט אויף איין זייט, די גאַנצע וועלט אויף אַן אַנדערער", ווי ר' יהודה האָט אמאָל גע־זאָגט. און די וועלט איז אַלץ נאָך געטיילט: אברהם — אקעגן אַלע.

צוויי זייטן, צוויי מדרגות. אברהם ציט צו זיך — און די לאָזט נישט. זי ציט אים צו זיך — און ער וויל נישט. אַ קאָנ־פליקט פון צוויי אידעען, פון צוויי מאָטיוון. און קאָנפליקט ברענגט ליידן, שווערע און ביטערע פאַר ביידע. נישט מיר אליין ליידן פון דעם אנטיסעמיטיזם: זיי ליידן אויך. עס איז נישט בלויז אַ רחמנות אויף אונדז, עס איז אויך אַ רחמנות אויף זיי. האַס איז אַ סם, בלינדער האַס איז אַ צעשטערנדיקע קראַפט. און ווער עס עסט יידן— שטאַרבט דערפון. אומעטום און תמיד. ווייל אַנטיסעמיטיזם, יעדער אַנטיסעמיטיזם, איז אַ מרידה אקעגן די מאָטיוון, וואָס דאָס יידנטום האָט אריינגעבראַכט אין דער וועלט. עס איז אַ שנאה פון דעם אינסטינקט אַקעגן יעדן „ביין"; עס איז — קבלהמעסיק גערעדט — אַ קאַמף פאַר די „קליפּות טמאות".

יידן מיט הויכע נשמות האָבן עס תמיד פאַרשטאַנען, האָבן עס געפילט אין זיך. דער של"ה זאָגט: עס איז נישט מעגלעך צו דער־גרייכן צו דער מדרגה ישראל אָן ליטערונג און אָן צו מקבל זיין אויף זיך יסורים... דורך דעם גלות פון יידן ווערן די פעלקער גע־רייניקט פון זייערע קליפּות". עס איז אפשר אַן אוטאָפּיע, אַ פאַנטאַ־

יע פון אַ מקובל, אָבער עס איז אַ גאַנצע טרייסט, עס איז אַ באַגרינדונג, אַ זין און אַ ציל.

פון טאָג צו טאָג ווערט עס קלערער. נישט רעליגיעזע, נישט עקאָנאָמישע און נישט פּאָליטישע מאָטיוון אַליין שטייען צוקאָפּנס פון דעם אַנטיסעמיטיזם. עס זענען אידעען, וואָס קעמפן איינע אַקעגן דער צווייטער. עס איז דער וועקער — און דער, וואָס שלאָפט; די באַוועגנדיקע קראַפט און די אינערציע.

עס איז נישט ריכטיק, אַז מענטשן ווילן זיין פריי. זיי ווילן עס נישט; זיי נעמען בלויז אָן די פרייהייט, ווען אַ מינאָריטעט גיט זי זיי. און איז נישט דאַנקבאַר. פרייהייט איז אַן עול. דינען איז גרינגער. פרייהייט איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט — און דאָס מיינט אָנשטרענגונג; דאָס איז אייביק וואַך-זיין. און מענטשן ווילן שלאָפן.

דער גרויסער כוח פון דעם יידנטום איז — דאָס אייביק וואַך-זיין. אפשר נישט מער. מען האָט יידן תמיד פאָרגעוואָרפן, אַז זיי האָבן ווייניק געשאַפן. שוין דער אַלעקסאַנדריער אפיאָן ווייסט פון דעם פאָרוואורף. און אַלע יידישע אפאָלאָגעטן באַמיען זיך צו באַווייזן, אַז יידן האָבן יאָ אויפגעטאָן, אַ ראיה — דער געלערנטער און יענער אַקטיאָר: נעמען אויף נעמען, און, ליידער, אָפט נעמען פון צווייטן ראַנג.

דאַרף מען דאָס? איז טאַקע באמת וויכטיק, צי יידן האָבן געהאַט אַ פּאָר טעכניקער אָדער אַסטראָנאָמען מער אָדער ווייניקער? די פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעבראַכט קאָפּערניקן — זענען זיי דערפאַר אַ מאַטעמאַטיש פאָלק? די דייטשן האָבן געגעבן קאַנטן און העגעלן — האָט עס זיי באַוואָרנט דערפון צו ווערן אַ בייטש איבער דער וועלט? נישט שאַפונגען זענען דער עיקר — די גייסטיקע ריכטונג, די אָריענטירונג, דאָס איז דער „א" און דער „ת". דער עיקר איז: וואַכקייט, קאַמף פאַר דעם מענטשן, קלעטערן צו דעם העכערן מענטשן, ווייטער, העכער, דער אייביקער „ניין" — אַקעגן דעם אינסטינקט — „יאָ". און דאָס איז עס, וואָס דאָס יידנטום האָט אַריינגעבראַכט און אַקעגן וואָס די וועלט קעמפט אַזוי ביטער. עס קעמפט דער דייטשער אַנטיסעמיט, ווייל יידן ווילן אַריבערשפּאַנען איבער דעם „גערמאַנענטום" און צופירן די דייטשע קולטור צו דעם אייביקן קוואַל; ווייל זיי ווילן מאַכן דעם דייטשן מענטשן פריי פון זיין אינערער קנעכטשאַפט. אָבער דער דייטש וויל נישט. עס בענקט זיך אים נאָך דעם „פעלד-

וועבל" און דער פרייסיש=מיליטערישער אָרדענונג. דער ווילדער היי=דאַמאַק קעמפט אַקעגן דעם יידן, ווייל זיין פינסטערער מוח איז נישט תופס דעם „ניין=מאָטיוו". מען טאָר נישט — פאַרוואָס? און דער האַס צו דעם יידן איז אומבאַוווסט דער האַס פון דעם פרימיטיוון מענטשן אַקעגן דער גאַנצער קולטור, אַקעגן דעם מאָראַלישן געזעץ, אַקעגן דעם קריסטנטום.

דער אוקראַינער גוי ווייסט דאס נישט. דער אַמעריקאַנער קלו=קלוקס־קלעניק פארשטייט עס נישט; אָבער דייטשן און פראנצויזן האָבן זיך שוין דערטראַכט דערצו. זיי זאָגן עס אָפן. דער פראנצויז באַטאַ, אַן אַנטיסעמיט, איז זיך מודה אין זיין בוך וועגן דער „אויפלעבונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם", אַז זיין אַנטיסעמיטיזם וואָרצלט אין זיין שנאה צו דער גאַנצער מאָדערנער קולטור, צו דעם „פראָגרעס", צו דעם קאַמף פאר אַ בעסערער וועלט. „איך שעם זיך נישט צו זאָגן, אַז דער גייסט, וואָס האָט דיקטירט דעמדאָזיקן בוך, איז אָפן רע=אַקציאָנער".

דאָס הייסט ערלעך גערעדט. און דאָס איז אמת גערעדט. עס זאָגן ליגנס די, וואָס פאַרדעקן זייער אַנטיסעמיטיזם מיט דעם מענטעלע פון עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע אינטערעסן. געוויס, יידן זענען אַן עקאָנאָ-מישער פּראָבלעם, אָבער נישט מער, ווי דער גאַנצער איצטיקער עקאָנאָ-מישער בנין. געוויס, יידן מאַכן אָפט אַן טומל — דורך זייער כאַפּע-ניש, דורך זייער געלט־יאָגעניש, דורך זייערע אַלטמאָדישע, עקאָנאָמיש נישט־צוגעפּאַסטע מעטאָדן פון געלטפאַרדינען. געוויס, מען קאָן האָבן טענות צו יידן, אָבער די טענות קאָנען מ י ר האָבן, מיר, יידן, אַליין, און נישט קיין אַנדערע. מיר זענען די, וואָס ווייסן, ווי שווער עס איז די מדרגה פון ישראל — וואָס ווייסען אָבער זיי דערפון? זיי זענען דאָך אין עצם אַ קעגן דער גאַנצער מדרגה! און טאַקע דער ייד, וואָס איז — אין אונדזערע אויגן — ווייט פון דער מדרגה, איז נענטער צו זיי, שטייט כמעט אויף דער זייט פון די, וואָס זענען אנטקעגן אברהם.

מען דאַרף אונדז נישט טרייסטן, און זיכער נישט מיט האלבע טרייסטן. שווער זענען די יסורים, ווען זיי קומען, אָבער ווען מען ווייסט פאַרוואס — איז עס כדאי.

„טסע=טסע" און די „יידישע אידעאלן".

אָנטגאָמרי ג. וואָלש, אָדער מאָנטי וואָלש, פון ריווערסייד דרייוו, ווו ער איז באקאַנט אין די בערזן און וואָדעווילקרייזן, איז איין שיינעם פרימאָרגן אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט. ער האָט אַליין נישט געוווסט, אייגנטלעך, פאַרוואָס. ער האָט זיך פאַר־טראַכט. וואָס האָט מ׳ט אים אַזעלכעס פּאַסירט? אפשר זענען זיינע פּאַפּירן געפאַלן? ער נעמט די מאָרגנצייטונג, קוקט אַריין — ווי זיין שטייגער איז — קודם כל אויף דער קורסטאַבעלע. אַלצדינג איז אין אָרדענונג. בוירנס קאָ. קאָנס. איז געשטיגן אויף „אַן אַכטל פּאָינט", די „קראָסטאון טראָלי־קאַר פון קאַלאַמאַזו", ווו ער האָט געהאַט אַ קאָנטראָלירנדיקע מאַיאָריטעט פון אקציעס, האָט זיך אויך געהייבן. דער „טיקער" הייבט אָן צו קלאַפּן. מאָנטי גייט צו אַ ביסל נערוועז צום אַפּאַראַט און ציט מיט גיכע באַוועגונגען די סטענגע. ער קוקט אויף די סודותדיקע צאָלן ווי פון די ספירות — און ווערט באַרויקט: ס׳איז „חסד שבחסד". אַלצדינג אין בעסטער אָרדענונג. הייסט עס, מיט די פינאַנסן שטייט עס גוט. וואָס זשע נאָגט אים פאָרט? ער לייגט אַנידער דעם „זשורנאַל אָוו קאָמערס" און נעמט זיך צום צווייטן לייב־בלאַט — דעם „מאָרנינג טעלעגראַף". אפשר האָט זיין פערד פאַרלוירן? דאָס אויך נישט. דער „אַמעריקאַן טשעמפּיאָן" לויפט ווי געשמירט. ממש אַ מזיק. אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג זעט ער דאָס בילד פון דער וואָדעוויל־אַקטריסע דעיזי לאַ־באָטע. זי האָט, נעבעך, זייער ווייניק אויף זיך, כמעט גאָרנישט, אָבער דער שיינער פּערלהאַלדזבאַנד, וואָס ער האָט איר געשענקט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, שיינט אויף איר זייער אָפענעם, זייער ווייסן האַלדז. און אויף דעם קליינעם פינגער פון איר לינקן פוס שטראַלט אַ די־

מענטנער רינג, וואָס ער האָט איר אַליין אָנגעטאָן. ער דערמאָנט זיך אָן דער סצענע — און עס ווערט אים פריילעך אויף דעם האַרץ· אָבער בלויז אויף אַ מינוט. עס נאָגט פּאָרט. עפּעס ווי אַ זייט איז אים פאַרשלאָפן געוואָרן. ערגעץ טיף אין אים נודיעט עס און דריקט: „איך וועל דאַרפן אַריינגיין צו מיין דאָקטאָר", טראַכט ער זיך און הייבט זיך אָן אָנצוטאָן. ביים קאַווע בלעטערט ער דורך די „טיימס". טערקיי, לאָזאַן, רוסלאַנד, דער טעגלעכער מאָרד אין אירלאַנד, קו־קלוקס־קלען. זיין אויג גליטשט זיך איבער די קעפּלעך — עס לייענט זיך נישט. אַלץ אַזעלכע דערעסענע, נמאס־געוואָרענע זאַכן. אָבער פּלוצלינג פאַלט זיין קוק אויף אַ קעפּל — און עס ווערט אים מיטאַמאָל קלאָר, וואָס עס פּלאָגט אים דעם גאַנצן פרימאָרגן. ער לייענט: מר. הענרי מאָרגענטוי און ראַביי שולמאַן האָבן געהאַלטן דרשות וועגן דעם אויפוואַכן פון יידישע אידעאַלן. „זיי זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן", שרייען זיי, „מען מוז זיי אויפוועקן".

און מאָנטי פאַרשטייט. זיינע יידישע אידעאַלן, וואָס זענען אַנטשלאָפן געוואָרן פאַר אַ היפּשער צייט, אַזוי שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן, אַז ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זייער עקזיסטענץ — האָבן אָנגעהייבן זיך צו ציען ווי פון דעם שלאָף. זיי וואַכן אויף. „וועל, וועל, טהאַטס פאָנני" — טראַכט זיך מאָנטי. און פּאָרט אַכט זיך. ער נעמט אַרויס פון דעם שופלאַד אַ בילד. אַן אַלטער ייד מיט אַ באָרד און מיט דעם אַלטיידישן אויסדרוק אין די אויגן. דאָס איז דער אַלטער „וואָלש". דאָס הייסט, הייסן האָט ער געהייסן וואָלקאָווישקי, און געקומען איז ער טאַקע מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק פון וואָלקאָווישק גופא. אבער פון וואלקאווישק ביז וואלש — איז דאך אַ קליינער שפּרונג; פּאָרט בעסער — ווי ווילסאָן, ווי זיין ברודער איציק וואלקאווישקי האט זיך אַ נאָמען געגעבן.

כל זמן דער אלטער חיים וואָלקאָווישקי — אָדער היימאן וואָלש — האט געלעבט, האט מאָנטי נאָך געהאט אַ שטיקל קרבות צום יידנטום, דאס הייסט נישט אזויפיל צום יידנטום, ווי צו דער יידישער קיך. פּסח, סוכות, ראש־השנה האבן זיך אָפּגעשפּיגלט ביי מאָנטיך, ווי אַ סעריע פון קניידלעך, פּראַקעס, געבראָטענע קאטשקעס. אפילו יום־כיפור האט געהאט אַ קולינארישע באדייטונג. וויינקסטנס די סעודות פאר כל נדרי און צו מוצאי יום־כיפור.

דער אלטער הערמאן דרייפּערטל, אַ דייטשער „יודע" פון שוואַ־

באַך, וואס האט ליב געהאט צו דערציילן דייטש=יידישע „לאַצעלעך״, פלעגט אָפּט, כמעט ביי יעדער יום=טוב=סעודה, דערציילן דעם וויץ פון דעם דייטשן ייד, אַ משומד, וואס איז אַמאָל געקומען צו גאסט צו זיין „אין דעם יידנטום״ פארבליבענעם ברודער. דער משומד איז געקומען גראָד אויף שבת, און דער יידישער ברודער האט אים מכבד געווען מיט אלע גוטע זאכן: א לאָקשן-קוגל און צימעס א. אז. וו. דער משומד האט געגעסן מיט גרויס כוונה און פארשטענדעניש און דער=נאָך אויסגערופן מיט אַ טיפן צער אין קול: „אונד זאָלך איינע שענע רעליגיאָן האב איך אויפגעגעבען!״

מאָנטי האט נישט זייער גוט פאַרשטאנען קיין דייטש, אבער דער אלטער הערמאַן דרייפערטל האט דעם וויץ דערציילט אזוי אָפּט, אַז אפילו מאָנטי האט זיך אָנגעשטויסן וואס דאס מיינט, און — גע=לאכט.

אָבער פון זינט דער פאָטער איז געשטארבן, און מאָנטי האט אויפגעהערט צו עסן געפילטע פיש און לאָקשן-קוגל מיט גריוון, האָט זיך מאָנטי אלץ מער און מער דערווייטערט פון דעם יידנטום, אזוי ווייט, אַז ער האט שוין פארגעסן, ווו מען געפינט אים. נישט, אַז ער האט עס באַוווסטזיניק געטאָן. אַ חוץ בערזע און ספּאָרט — האט ער בכלל גאָרנישט געטאָן באַוווסטזיניק. עס האט אים בכלל זייער ווייניק געאַרט, וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט. בפרט אין דער „האַי-בראַו״ וועלט פון אידעען און אידעאַלן. ער האט, חלילה, זיך גאָרנישט גע=וואָלט אָפּזאָגן פון דעם יידנטום. ערשטנס, פּאסט עס נישט אין אַמע=ריקע. וואס וועט מען זאָגן אין די בערזע־קרייזן? און, צווייטנס, — עס איז שווער זיך צו אַנטשיידן. עס זענען דאָ אַזויפיל סעקטעס צווישן די קריסטן, אַז מען דאַרף זיין א געניטער טעאָלאָג צו אַנטשיידן, צו וואס פאר אַ סעקטע זאָל מען באַלאַנגען. אריסטאָקראַטישער פון אלע איז, דאכט זיך, די עפּיסקאָפּאַלישע סעקטע, אָבער צו דער פּרעסביטאריאַנישער און דער מעטאָדיסטישער באַלאַנגען אויך זייער פיינע מענטשן, גרוי־סע מיוחסים. און פאר לויטער ספקות איז מאָנטי גאָרנישט געוואָרן. ער האט עס געלאזטגיין ווי עס גייט. עס האט זיך יאָ איינמאָל פאר=בענקט נאָך „רעלידזשאַן״ — האט ער אַ פּרוּוו געטאָן זיך צושארן צו דער „קריסטשען סייענס״; אָבער עס זענען פאר אים געווען דאָרט צופיל אַלטע ווייבער און בודנע באַשעפענישן.

און מאָנטי האט זיך פארטראכט וועגן דעם יידישן אידעאַל.

* *
*

די „יידישע אידעאַלן” האָבן אַ מאָדנע טבע: זיי לאָזן נישט צורו. ווי א פאַרעלטערטע קרענק זיצן זיי אין אַ מענטשן און פּלאָגן אים. מילא, וואָלטן זיי כאַטש אים געפּלאָגט ווי עס דאַרף צו זיין — וואָלט עס געווען נאָך אַ האַלבער אומגליק. דער חולה וואָלט געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן — אָדער מען גיט זיי נאָך, אָדער מען מאַכט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַן אָפּעראַציע. זיי זענען דאָ ווי אַ מין אַפּענדיציט. קיינער ווייסט נישט, צו וואָס מען דאַרף האָבן דעם אַפּענדיקס. עס איז גלאַט אַ ירושה. די אַמאָליקע מענטשן האָבן אים באַדאַרפט האָבן — דאָס איז קיין ספק נישט — און זענען גוט אויסגעקומען מיט אים. אָבער מיר, די היינטיקע מענטשן, האָבן, אַ חוץ צרות און ווייטיק, גאָרנישט פון אים. די דאָקטוירים האַלטן אין איין שרייען, אַז מען מוז אים אויסשניידן — שוין ביי ביַיגעבוירענע קינדער מוז מען עס — אָבער גיי, שנייד אַ קליין קינד אויף דעם בויך. און אפילו אַ דערוואַקסענעם מענטשן גלוסט זיך אויך נישט צו לייגן זיך אונטער דעם מעסער.

זיי האָבן אָבער אויך א מעלה — די יידישע אידעאַלן: ווי שלאָפן. די דאָקטוירים פון דזשודאַיזם ברעכן זיך די קעפּ איבער די סיבות פון דער מערקווירדיקער שלאָפקראַנקהייט. אַ טייל פון זיי איז גענייגט צו גלויבן, אַז דאָס איז אַ מין „קאָמאַטאָז”, אַ שלאָף פון שוואַכקייט און כוח-מאַנגל. אַנדערע אָבער גלויבן נישט אין דעם. זיי זאָגן, אַז דאָס איז אַ פּעריאָדישער שלאָף. עס איז פאַראַן, זאָגן זיי, א מין טסע-טסע־פליג, וואָס בייסט דעם יידן — און דווקא דאָרט, וווּ זיינע אידעאַלן ליגן — און פון דעם ביס פאַלט אַריין דער אידעאַל אין א מין שלאָף, וואָס קאָן געדויערן, לויט דער קראַפט פון דעם סם — אַ לאַנגע אָדער אַ קורצע צייט. דער ערשטער ביס איז געפערלעך — ער קאָן פירן צום „עגזיסטוּס לעטאַליס”, דאָס הייסט צום טויט. אַזוי איז דאָס געווען אַמאָל אין דייטשלאַנד נאָך דער מענדעלסאָן-פּעריאָדע, ווען דער „טסע-טסע” האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל צווישן יידן. די יידישע אידעאַלן זענען געפאַלן ממש ווי פליגן. די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ האָט זיך אָדער געשמדט, אָדער געהאַלטן ביים שמדן. די אַסימילאַציע איז געווען אַזוי ניי און אַזוי פריש, אַז דער אַלטער אָרגאַניזם איז שיער נישט אונטערגע־

גאַנגען. אָבער ער האָט עס פּאָרט אויסגעהאַלטן — און האָט זיך
צוגעוווינט צו דער נייער מגפה אויך. אַזאַ טבע האָט דער טסע=טסע-
סס. לעבט מען איבער די ערשטע אַטאַקע, ווערט דער אָרגאַניזם
מער אָדער ווייניקער „אימון“ — באַקומט ער א שטאַרקערער ווי=
דערשטאַנדסקראַפט. טוט די פליג אַ ביס — פאַלט דער יידישער
אידעאַל אין אַ שלאָף, אין אַ מין היבערפּלעט — אויף אַ געוויסער
צייט — און דערנאָך וואַכט ער נאָך אַמאָל אויף, אָפּגעשוואַכט,
בלייך, קרענקלעך, אָבער ער לעבט. מען האָט צווישן יידן — אין
אייראָפּע און אין אַמעריקע — געגרינדעט אפילו ספּעציעלע געזעל=
שאַפטן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער „דערוועקונג פון די פאַרשלאָ־
פענע“. „מקיצי נרדמים“ — רופן זיי זיך אָן אין דייטשלאַנד, „אווי
קענינג אָוו דזשואיש איידיעלס“ — הייסט די געזעלשאַפט אין אַמע-
ריקע.

אַ מערקווירדיקע זאַך — ביז צום נייַנצעגטן יאָרהונדערט האָבן
די יידן נישט געוווסט פון אַזאַ קראַנקהייט — און נישט פון אַזאַ
היילונג. זיי האָבן דעמאָלט אויך געליטן — אָט די יידישע אידעַ־
אַלן — פון אַ סך קראַנקהייטן, און זייער הויפּט=חולאת איז געווען —
בלאָנדזשען. דער גרויסער יידישער דאָקטאָר ר׳ משה בן מימון, האָט
געמוזט אָנשרייבן אַ גרויסן טראַקטאַט — ווי צו פירן די פאַרבלאָנ־
דזשעטע אויף דעם ריכטיקן וועג. און אַ צווייטער יידישער דאָקטאָר —
נחמן קראָכמאַל — האָט אַנטדעקט די אייגענע קראַנקהייט ביי די יידן
פון זיין צייט — און האָט געוואָלט היילן די „פאַרבלאָנדזשעטע פון
זיין צייט“. בלאָנדזשען איז אַ פעלער פון זען, פון אָריענטאַציע. דער
יידישער אידעאַל האָט עפּעס געזוכט, ערגעץ געשטורעמט, געווען פול
מיט ענערגיע. און ווער עס גייט — מוז בלאָנדזשען. בפרט נאָך, ווען
דער גייער איז — אַן אידעאַל.

עס קאָן זיין, אַז דער רמב״ם און דער רנ״ק זענען געווען די
גוטע דאָקטוירים — זיי האָבן דעם יידישן אידעאַל אַזוי אויסגעקורירט
פון זיין וואַנדער=קראַנקהייט, אַז ער האָט אויפגעהערט נישט בלויז צו
בלאָנדזשען, נאָר בכלל זיך צו באַוועגן. ער איז געבליבן שטיין אויף
איין אָרט — און ווען די טסע־טסע־פליג פון דער כוואַליעדיק־שטור־
מישער, הייסער אַסימילאַציע האָט אים אַ ביס געטאָן — האָט זי
געפונען אַ גינסטיקן, אַ צוגעגרייטן באָדן. דער אומבאַוועגלעכער
אידעאַל איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

און מען מינטערט אים מיט אַלע מיטלען. מען שפּריצט אים איין סערומס, מען גיט אים טראָפּנס, מען טרייסלט אים, אָבער עס העלפט נישט. דער יידישער אידעאַל כאַפּט זיך אויף אַ ווייל, עפנט אויף די אויגן, טוט אַ קוק אויף דער וועלט, אויף אַ פרעמדער, צעבושעוועטער, כאַאָטישער וועלט און ווייסט נישט וואָס זאָל ער דאָרט טאָן? נאַציאָנאַליזם? אַ יידיש פאָלק? ארץ־ישראל? שרייבן דאָך מר. מאָרגענטוי און אַלע אפּוטרופּסים פון דעם יידישן אידעאַל, אַלע „סופּעראינטענדענטס" פון דער „רעקאָנוואַלעסענט־האָוס פאַר דזשואיש איידיִאַלס", אַז דאָס טויג נישט. מען טאָר עס נישט, מען דאַרף עס נישט. מען מוז זיין אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פּאָליאַקן, יוגאָסלאַוון, — נאָר נישט קיין יידן. מיר זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע. אָבער וואָס טוט מען פאָרט, אַז מען גלויבט נישט זייער שטאַרק? אַפילו מאַנטי געדענקט דאָך — זיין פאָטער האָט עס אים אָפּט געזאָגט — אַז „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" — גלויבן איז אַ גאָט=זאַך, אַ טאַלאַנט. מען מוז מיט אים געבוירן ווערן. און קאָן טאַקע אַ מאָדערנער מענטש גלויבן אין אַלצדינג, וואָס שטייט געשריבן אין די ספרים? וואָס דען — נישט גלויבן, וואָס די תורה און דער תלמוד האָבן געלערנט, און באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס דר. אייזאַק וויז און די דייטשע רעפאָרם=ראַבינער אָדער מר. קלאָד מאָנטעפיאָרע, און דעם „ליבעראַל דזשודאַיזם" האָבן געפּרעדיקט? פאַרוואָס? וואָס פאַר אַ „משה רבינוס" זענען זיי? און וואָס בלייבט פון דעם גאַנצן יידנטום אין זיין אויסגעפּאָלירטער, סטעריליזירטער פאָרם? מאָראַל? אָבער אַלע האָבן דאָך מאָראַל! האָט דער בודיזם נישט קיין מאָראַל? און אפשר גאָרנישט ערגער ווי די יידישע. האָט קאָנפוציוס און לאַאָ=צע נישט געלערנט קיין וואונדערבאַרן מוסר! הלוואי וואָלט מען כאָטש אַ הונדערטל דערפון געקאָנט אויספירן אין לעבן! און אַפילו דאָס קריסטנטום — מיט אַלע זיינע גרויסע פעלערן! די „באַרג=דרשה" איז אָן יעדן ספק זייער מאָראַליש, מען פאָלגט איר בלויז נישט. אָדער אפשר איז דאָס דער פאַרדינסט פון דעם יידנטום, וואָס עס האָט צום ערשטן מאָל געזאָגט, אַז מען „טאָר נישט", אָבער אַפילו ווען יאָ — נו? מיט היסטאָרישע פאַרדינסטן קאָן מען נישט לעבן, עס איז נישט גענוג צו שרייען; „אַי טאָלד יו סאָ". יעדע צייט פאָדערט אַ לעבעדיק וואָרט, אַ ניי וואָרט, און יחוס אַליין,

בלויז זכות אבות זענען נאָך נישט גענוג, כדי צו האַלטן אַ פּלאַץ אין דער וועלט.

אָט טרומייטערט מען נאָך אַמאָל, מען טרייסלט דעם פאַרשלאָ־פענעם אידעאַל, מען וועקט אים אויף, טוט אים אָן אַ צילינדער און אַ פראַק און מען שלעפּט אים אויף פאַראַדן. גוט, ער וועט זיצן אַ שטיקל צייט — אַזוי לאַנג ווי די דעמאָנסטראַציע וועט אָנהאַלטן, אויף דער טריבונע, הערן די שבחים וואָס מען גיט אים, דריקן הענט, שאָקלען מיט דעם אַלטן קאָפּ און זאָגן — ווי דער אַלטער עסט־רייכישער קייסער פראַנץ־יאָזעף פלעגט זאָגן: „עס וואַר זעהר שעהן, עס האט מיך זעהר געפרויט" — און דערנאָך גיין אַהיים ווידער — שלאָפן!...

* *

*

מאָנטי וואָלש וואָלט נאָך לענגער, נאָך שווערער געטראַכט, ווען ער וואָלט נישט פּלוצלונג אויפגעוועקט געוואָרן פון זיינע געדאַנקען דורך דעם טעלעפאָן. מיט שווערע, אומזיכערע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט. „העלאָ, מאַנטי דיער" — האָט זיך דערהערט אַ קול — און מאַנטיס פּנים האָט אויסגעשטראַלט: — „העלאָ, העלאָ, דעיזי דיערי! איך דאַנק דיר אַזוי, וואָס דו האָסט מיך אָפּגערופן. דו האָסט מיך באַפרייט פון אַ לאַנגווייליקן באַזוכער". — „הו איז דהאַט" — האָט זיך דערהערט אַן אייפערזיכטיקער טאָן אין איר שטימע. — „ווייס איך, דעם טאַטנס אַן אַלטער באַקאַנטער — דער יידישער אידעאַל". „אין דאַט אָל"? — צע־לאַכט זיך דעיזי — „וועל, שיק אים צום טאַטן שלאָפן און לאָמיר אַרויספאָרן שפּאַצירן". און מאַנטי האָט איר געפאָלגט. ער האָט גענומען אַ ביסל וויסקי פון אַ פלעשל, און דער אַלטער שלאָפקראַנקער אידעאַל איז ווי־דער געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן. מאָנטין איז ווידער געוואָרן גרינג אויפן האַרצן.

סאָיאָט-נאַציאָנאַליזם.

דער פּויליש-רוסישער רייזנדער פערדינאַנד אָסענדאָווסקי באַשרייבט אין זיין זייער אינטערעסאַנטן בוך: „חיות, מענטשן און געטער", אַ באַגעגעניש ערגעץ אין די מדבריות פון מאָנגאָליע מיט אַ מערקווירדיקן שבט — אַ בודדיסטישע סעקטע, די „סאָיאָטן", וואָס האַלטן זיך פאַר די איינציקע כשרע, ריינע און קאָנזעקווענטע נאָכפאָלגער פון בודאַ. זייערע אוראורעלטערן האָבן אַמאָל — מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק — געוווינט אין אינדיע; אָבער זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. בודאַ האָט געלערנט, אַז מען דאַרף האַלטן שלום, אַז מען טאָר נישט קעמפן, מען טאָר נישט געברויכן קיין מאַכט אַקעגן מאַכט. אָבער מענטשן זענען בלויז מענטשן — און זיי קעמפן. די סאָיאָטן האָבן באַשלאָסן זיך בעסער צוריקצוציען. זיי זענען אנטלאָפן פון דעם קאַמף. און דריי מאָל, אין דעם לויף פון די לעצטע זעקס הונדערט יאָר, האָבן זיי געביטן זייער אָרט — תמיד אַנטלויפנדיק פון דעם קאַמף.

עס איז זייער שיין, זייער איידל און זייער פרום-בודיסטיש. אָבער עס האָט באַדאַרפט אַן איינאָפּייער פאַרוואַלגערט ווערן אין די סטעפּעס פון מאָנגאָליע, כדי די וועלט זאָל געוואָר ווערן פון דער עקזיסטענץ פון די סאָיאָטן. זיי זענען פאַרלוירן געוואָרן אין דער מדבר — פאַרפאַלן געוואָרן פאַר דער וועלט — און סוף כל סוף פאַר זיך אַליין.

יעדעס צוריקציען זיך, יעדעס אַנטלויפן פון דעם קאַמף איז אַ שיינע און אַריסטאָקראַטישע פּאָזע; אָבער אויך פּרוכטלאָז. און אָפט זענען עס בלויז נישט מער ווי צו פיינע נערוון, אָדער פּשוטער גערעדט — אַ געפיל פון פחד און קראַפטלאָזיקייט.

דער גאַנצער נאַציאָנאַליזם פון היינט — און דער נאַציאָנאַליזם בכלל — האָט אין זיך אַ שטריך פון דער סאָציאָט־פּסיכאָלאָגיע. מען האָט אזוי מורא פאַר אַ פרעמדן איינפלוס, מען גלויבט אזוי ווייניק אין די אייגענע כּוחות, אַז מען בויט ארום זיך א פּאַליסאַד פון שטעכלקעס, אַ וואַנט פון שפּיציקע טשוועקעס.

דער גרונטמאָטיוו איז — אומגלויבן אין זיך; די ווייטערע מאָטיוון, די דערקלערונגען פאַר דער וועלט און פאַר זיך אליין — זענען בלויז פאַרדעקונגען. ער איז, ווי פרויד וואָלט געזאָגט, דער „האַמלעט־קאָמפּלעקס”. מען מוטשעט זיך און אַנדערע, מען דערגייט ביז צו מאָרד, בלויז דערפאַר — וואָס מען איז „האַמלעטיש”, וואָס מען איז צו שוואַך.

אַזאַ „האַמלעט־קאָמפּלעקס”, אָדער ווי איך וואָלט עס באַצייכנט: אזאַ „סאָציאָט־קאָמפּלעקס”, באַווייזט זיך אָפּט, צו אָפּט, אויך אויף דער יידישער גאַס. עס איז אייגנטלעך אַ נייע דערשיינונג, ווייניקסטנס אין דער איצטיקער פאָרם. די אַמאָליקע יידן, די שטאַרקע, זיכערע, זענען נישט געווען קיין האַמלעט־נאַטורן. זיי זענען געווען פעסט אין זייער גלויבן, אין זייער ווילן; זיי האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר דער אויסערער וועלט און איר איינפלוס. דער ייד פון אַמאָל האָט מיט אַ גרינגן האַרצן און אָן שאלות אָנגענומען די שפּראַך פון זיין סביבה, איר קליידונג — ווען מען האָט אים נאָר געלאָזט, — אפילו אירע מנהגים, אַזוי ווייט ווי זיי האָבן נישט באַרירט זיין רעליגיעזן געפיל. דער שפּאַנישער, דער איטאַליענישער, דער דייטשער ייד זענען געווען אויסערלעך ווייניק פאַרשידן פון די מענטשן אַרום זיי — אַ חוץ דער געלער לאַטע. און ווען די געלע לאַטע איז אַראָפּגענומען געוואָרן, איז אויך די דערנעענטערונג צו דער סביבה געוואָרן גרעסער און שטאַרקער און אינטימער.

און זיי האָבן נישט מורא געהאַט. פאַרוואָס זאָל מען אויך מורא האָבן? איינס פון די צוויי — האָט דאָס יידנטום א קראַפט, אַ לעבנס־מקור, איז עס אַן אינהאַלט און א לעבעדיק וואַסער — קאָן אים די אויסערע אַסימילאַציע נישט שאָדן. דאָס יידנטום איז דאָך נישט בלויז קיין שפּראַך־ און קליידער־ און מנהגים־זאַך. נישט דאָס איז זיין איינציקער אינהאַלט, נישט דערצו איז עס באַשטימט געוואָרן פון דער געשיכטע, אויב מען קאָן זיך אַזוי מיסטיש אויסדריקן. און ווען נישט — ווען דאָס יידנטום נייטיקט זיך שוין טאַקע בלויז אין צוימען און שטעכלקעס, כּדי זיך צו האַלטן — ווו איז זיין פּלאַץ און זיין ווערט?

אָבער דער סאָציאַל-קאָמפּלעקס איז צוביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין דער יידישער נשמה. מען האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם קאַמף, פאַר די פּערספּעקטיוון, פאַר דער צוקונפט. מען האָט מורא פאַר אַלעמען: פאַר אַסימילאַציע און פאַרשווינדן, דאָרט, וווּ די אַסימילאַציע איז גרינג; און פאַר אַנטיסעמיטיזם אין דעם קאַמף פאַר די אייגענע רעכט — האָרט, ווו מען שטויסט זיך אָן אין א וואַנט.

אַזוי האָט מען זיך אין אַמעריקע דערשראָקן פאַר דעם שטורמישן אָנלויף פון דעם נייעם אַנטיסעמיטיזם. מען האַלט אין איין ציטערן פאַר דער צוקונפט פון דעם יידן. איז אַלצדינג געווען ווי עס דאַרף צו זיין אין אַמעריקע, אין א לאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט, האָט מען געציטערט, טאָמער וועלן זיך די יידן אַסימילירן און פאַרשווינדן אין דעם „שמעלצטאָפּ". אָבער אָט האָט דער שמעלצטאָפּ באַקומען א פּגימה, די מורא פאַר פאַרשווינדן איז אַראָפּ, קלערט מען שוין אויפסניי ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון דעם קאַמף.

עס איז גענוג, אַז א פּאָר שרייערס זאָלן אויפהייבן אַן אַגיטאַ-ציע פאַר באַשרענקען די יידישע סטודענטן אין די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן, און אונדזערע אָנגעשראָקענע נאַציאָנאַליסטן האָבן שוין קיין אַנדער וועג נישט געפונען, ווי נאָר פאָלגן דעם ביישפּיל פון די פרומע סאָציאָטן און — זיך צוריקציען. „איר ווילט אונדז נישט אין אייערע אוניווערזיטעטן, דאַרף מען נישט; וועלן מיר גרינדן אייגע-נע אוניווערזיטעטן". האָבן זיך אין קאַנאַדע געפונען רעאַקציאָנערע פּראָטעסטאַנטן, וואָס ווילן אָפּזונדערן זייערע קינדער פון די יידישע קינדער אין די „פּאָבליק סקולס", פּראָפּאַגאַנדירן שוין די סאָציאָט-נאַציאָנאַליסטן די שאַפונג פון יידישע פּאָבליק סקולס — און אויף א יידישן אופן, מיט יידישע למודים — און אפשר אויך אויף יידיש. פון דער פאָלקסשול ביז צו דער אוניווערזיטעט א פולשטענדיקע איזאָ-לירונג. אָפּטיילן זיך, אָפּשליסן זיך, אַנטרינען פון דעם קאַמף. און ווען דער געזונטער יידישער פאַרשטאַנד פון די יידן דיקטירט אַן אַנדער פּאָליטיק, א פּאָליטיק פון קאַמף אָדער פון קאָמפּראָמיס, זענען אונדזערע וואָרטפירער פון דעם נאַציאָנאַליזם אומצופרידן.

איך וויל דא נישט אויפהייבן די פראַגע וועגן יידישער נאַציאָ-נאַל-קולטור בכלל. עס קאָן זיין, אַז מען קען זי קאָנסערווירן און אַנטוויקלען אומעטום, אפילו אין אַמעריקע. עס איז מעגלעך און זיכער אויך ווינטשנסווערט. די דערהאַלטונג פון יידישקייט, אין שפּראַך און

טראַדיציע, גיט צו דעם ייִדישן מענטשן מער שטימונג, מער ברייטקייט, מער אינטימיטעט. צוויי־שפּראַכיקייט, צוויי־קולטורקייט איז אַ באַרייכערונג. ייִדן האָבן תּמיד אַזוי געלעבט — צווישן און אין צוויי וועלטן. דאָס איז דער סוד פון זייער אייגנטימלעכקייט און פון זייער קראַפט. אָבער דאָס איז אַ פראַגע פון דערציִונג — אינדערהיים. „אַ ייִד אין זיינע געצעלטן, אַ מענטש ווי אַלע, פאַר דער אויסנוועלט" — דאָס איז געווען דער מאָטיוו פון דער השׂכּלה־צייט. אַ ביסל נאַיוו, פּשטניש, אָבער מיט אַ גרונט־אמת, אַן אמת, וואָס גילט היינט און דאָ אין אַמעריקע, פּונקט אַזוי און נאָכמער, ווי אין דייטשלאַנד פון משה מענדעלסאָנס צייט.

ייִדישע דערציִונג, נישט ייִדישע איזאָלירונג; אויסברייטערונג פון דער ייִדישער נשמה, באַרייכערונג פון דעם ייִדישן גייסט, פאַרפיינערונג, קולטיווירונג פון דעם ייִדישן כאַראַקטער — אָבער נישט פאַרשליסן זיך אין זיינע אייגענע ד' אמות. און דער עיקר — נישט אַנטלויפן און נישט שרעקן זיך. דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט בלויז קיין ייִדישע פראַגע. ער שעדיקט נישט נאָר די ייִדן, נאָר אויך — און אפשר נאָכמער — די אַנדערע, די פעלקער, וואָס פאַלן אונטער זיין איינפלוס. רוסלאַנד האָט עס געפילט, פּוילן פילט עס שוין איצט, ליידט שוין פון דער מאָסלאָזער, היסטערישער, פאַנאַטישער שׂנאה־זייענדיקער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. און דייטשלאַנדס גרויסע טראַגעדיע איז — איר אַנטיסעמיטיזם. די לינקע פּאַרטייען קאָנען זיך נישט צוזאַמענרעדן מיט די קאָנסערוואַטיווע — איבער דעם אַנטיסעמיטיזם. דייטשלאַנד האָט פאַרלוירן איר בעסטן שטאַטסמאַן — ראַטענאַו, זי האָט פאַרלוירן דאָס ביסל סימפּאַטיע, וואָס זי האָט נאָך גענאָסן נאָך דער מלחמה, די סימפּאַטיע פאַר געשלאָגענע. געזונטע לענדער, ווי למשל, ענגלאַנד, לאָזן זיך נישט פאַרסמען, זיי רעאַגירן אינסטינקטיוו אַקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין זיינע וווּלגאַרע פאָרמען, אין זיינע פּאָליטישע אויסערונגען. און ווען אפילו עס געפינט זיך אַן אַנטי־ייִדישער אַגיטאַטאָר, ווי, למשל, הילער בעלאָק, איז דאָס נישט קיין אייגנטלעכער אַנטיסעמיטיזם, נאָר אַ פאַרזוך צו געפינען אַ לעזונג פאַר די קאָנפליקטן, אַ פאַרזוך צו בויען אַ בריק צווישן דעם ייִדן און דער געזעלשאַפט. אומאָנגענעם, אומסימפּאַטיש, רעאַקציאָנער, אָבער נישט צו געפערלעך, נישט צו שעדלעך.

אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואָס האָט נישט ליב קיין טעאָריעס. עס

איז דאס טיפּישע „נעשה־ונשמע״־לאַנד. איידער מען האט זיך נאָך אריינגעטראכט אין אַ פּראָבלעם, וויל מען אים שוין לעזן. און דערנאָך לוקט מען זיך ארום און מען באַטראַכט זיך, אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות. אזוי איז דאס געווען אין דעם האַרוואַרד־פאַל. אין יעדן אַנ־דער לאַנד וואלט מען די פראַגע דיסקוטירט ווייט און ברייט, אין דער פּרעסע, אויף פאַרזאַמלונגען, אין געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן — און ערשט דערנאָך זיך אַנטשלאָסן צו עפּעס אַ שריט. אָבער דער האַרוואַרד־פּרעזידענט האט נישט געהאט די נייטיקע אינטעלעקטועלע געדולד. אויסצודענקען דעם פּראָבלעם ביז צום סוף, אין אַלע זיינע קאָנזעקווענצן — דערצו איז ער נישט געווען צוגעגרייט. דאס טראַכטן איז אים געווען צו שווער — ער האט בעסער תיכף גערעדט, ארויס־געזאָגט אַלצדינג, וואס איז אים געקומען אין קאָפּ אריין. און ער האָט זיך דערנאָך געוווּנדערט, ווען מען האט אים דערקלערט, אַז דאס איז דער גאַנץ וווּלגאַרער, צאַריסטישער, אַנטידעמאָקראַטישער אנטיסעמי־טיזם. און צום סוף איז דערפון גאָרנישט געוואָרן.

דער אמעריקאנער מעג פּילן ווי און וואס ער וויל, אָבער איינס הייבט ער אָן צו פארשטיין: דער אנטיסעמיטיזם, אויסנאַמסגעזעצן אַקעגן יידן, זענען אַ געפאַר פאר אמעריקע. ער פארשטייט, אַז די דעמאָקראַטיע שטייט פאר אַ קריזיס און הייבט אָן צו זען די קאָנ־טורן פון די קומענדיקע מעגלעכקייטן.

עס קאָן זיין, אַז דער פּראָצעס פון אנטיסעמיטיזם וועט זיך נאָך נישט אזוי גיך פארענדיקן, אַז דער קאַמף וועט זיך ערשט צע־פלאַקערן. אָבער מיר דאַרפן נישט מורא האבן פאר דעם קאַמף און נישט אַנטלויפן פון אים. אַנטלויפן הייסט נאָכגעבן, און נאָכגעבן הייסט מודה זיין, אַז עס קאָן און דאַרף אַזוי זיין. איזאָלירן זיך, בויען איי־גענע אוניווערזיטעטן, פּאָלקסשולן א. אז. וו. — אפילו בלויז פאָדערן זיי — הייסט צוגעבן, אַז אמעריקע איז אַ לאַנד פון הערשנדיקע און באַהערשטע נאַציאָנאַליטעטן, הייסט אָפּווישן מיט־אַמאָל די פּריציפּן פון אַמעריקע.

לאָזן זיי, די אנטיסעמיטן, אָפּמעקן די אַמעריקאַנער געשיכטע, ווען זיי ווילן. לאָזן, זיי אויב זיי קאָנען, פאַרלייקענען די פאַרגאַנגענהייט פון אמעריקע. מיר מוזן קעמפן פאַר דעם אמעריקאנישן יסוד, פאַר דעם פּרינציפּ פון פרייהייט און גלייכהייט. און ווען זיי, די נייע רעאַקציאָנערן און שאָוויניסטן, ווילן אַריבערפירן אַהער די מעטאָדן

פון דער אַלטער, מזרח-אייראָפּעישער וועלט, דאַרפן מיר זיין די, וואָס שטייען — איינאיינעם מיט די בעסטע אַמעריקאַנער — פאַר דעם נייעם, וואָס אמעריקע האָט אַריינגעבראַכט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

עס איז אפשר שווערער, ווי זיך אָפּזאָגן און אָנטרינען פון דעם קאַמף — אָבער אויך ווירדיקער, שענער און — יידישער.

די „קאָפּ“-פּראַזע.

„אל תהי ראש לשועלים“.

מען מעג זאָגן, וואס מען וויל, מען מעג עס לייקענען — אָבער עס איז פּאָרט אמת: הינטער דער גאַנצער קאָנגרעס-באַוועגונג שטייט די מערקווירדיקע, די נאַרישע, די פּוסטע פּראַזע פון א קאָפּ פאַר דעם יידישן גוף. ערגעץ אין דעם הינטערשטיבל פון דעם באַוווסטזיין לויערט די דאָזיקע אידעע. יידן האָבן נישט קיין פירערשאפט, יידן זענען א פאָלק אָן אַן אָרגאַניזאַציע, אַ גוף אָן אַ קאָפּ. און אָט די דאָזיקע פירערשאַפט מוז אונדז געבן דער יידישער קאָנגרעס. צו-ערשט דער אמעריקאַנער — פאַר דעם אמעריקאַנישן יידנטום, און דערנאָך אַ וועלט-קאָנגרעס — פאַר דעם וועלט-יידנטום.

פשוטע, נאַיווע מענטשן קאָנען נישט פאַרשטיין, ווי עס איז גאָר מעגלעך צו זיין אַ קעגנער פון אַזא אידעע. וואָס זענען מיר דען ערגער פון אַנדערע? אלע נאַציעס, אַלע שבעים לשונות האָבן זייערע אָרגאַניזאַציעס, זייערע צענטראַלע קערפּערשאַפטן, זייער פּאָליטישע פירערשאפט — און מיר זענען די איינציקע שעפּעלעך אָן אַ פּאַס-טוך!

פשוטע מענטשן פאַרשטייען עס נישט, אָבער אויך אַנדערע, גאָרנישט פשוטע, גאָרנישט נאַיווע, ווילן עס נישט פאַרשטיין. זיי זעען די גרענעצן, זיי ווייסן ווי אוממעגלעך עס איז און פאַרוואָס — אָבער זיי ווילן, ווילן פאַנאַטיש, ווילן מיט זייער גאַנצן האַרצן — און זיי גלויבן אויפריכטיק, אַז דער ווילן אַליין, דער ווילן פון איינצלנע, איז שוין אַליין אַ שאַפנדיקער כוח, אַז מען קאָן צווינגען די געשיכטע צו טאָן — וואָס מען פאַרלאַנגט פון איר.

עס איז תמיד א זייער אומדאנקבארע ארבעט — צוצושטערן אילוזיעס. גיסן וואסער אויף פייער איז נייטיק, אָבער נישט אויף דעם פייער פון ענטוזיאזם און גלויבן. עס איז נישט נייטיק — ווייל אַזוי איז שוין די טבע פון דעם נשמה־פייער; עס קילט זיך אַליין אָפּ, עס ווערט אַליין, פון זיך, אויסגעלאָשן. דאָס גרויע אַש פון דעם לעבן שיט אים צו, און מען קאָן זיין זייער צופרידן, ווייל עס בלייבט איבער פון דעם פייער אַ קליינער, קוים טליענדיקער פונק.

אָבער ווען די אילוזיע אַליין איז נאָך נישט קיין אילוזיע? אָבער ווען דער פייער איז בלויז אַ קינסטלעכער, גאָרנישט קיין פייער, נאָר געלע, רויטלעך־גלאַנצעדיקע פלעקן אויף דער וואַנט, וואָס זאָלן אויסמאָלן פייער? ווען דער פּרינציפּ אַליין איז פאַלש?

קיינער קאָן נישט האָבן גאָרנישט אַקעגן דעם קאָנגרעס — אַלס אַזעלכן. פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס זאָלן זיך נישט צונויפקומען איינמאָל אין אַ יאָר עטלעכע יידן און רעדן איבער יידישע כלל־פראַגן? און וואָס מער יידן, אַלץ בעסער, און לאָזן זיי אָננעמען רעזאָלוציעס און צעפאָרן זיך אַהיים צופרידן מיט זיך, מיט דעם יידישן פאָלק, מיט דער וועלט בכלל.

עס איז נישט שעדלעך — עס איז נישט נוצלעך; עס איז לא מעלה ולא מוריד.

אפילו דער געוואַלטיקער נאָמען „יידישער קאָנגרעס" איז נישט אַזוי „געפערלעך", ווי מען מיינט. אמת, עס קלינגט צו גרויסאַרטיק — צופיל „פּאָמפּע", צופיל פּאַראַד. ווייניקער וואָלט געווען מער. ווען די אָרגאַניזאַציע אָדער די אסיפה וואָלט געטראָגן אַ באַשיידענערן נאָמען, ווי למשל „צענטראַל־קאָמיטעט פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן אין אַמע־ריקע" — וואָלט עס געווען אי פּאַסנדיקער, אי פּראַקטישער. דער נאָמען פאַרפּירט צו גרויסע — און אומבאַרעכטיקטע — דערוואַרטונ־גען. ער איז צו שפּאַנענדיק, ער אינטריגירט צופיל, ער דערמאָנט צו שטאַרק אָן די „הערליינס" אין די אַמעריקאַנער צייטונגען. „פיל לאַרעם און ווייניק וואָל" — ווי די דייטשן זאָגן.

אָבער סוף כל סוף — זאָס איז אויך נישט דער עיקר. „וואָס איז אין אַ נאָמען?" אזוי, אָדער אזוי — דער תוך בלייבט דאָך דער אייגענער, און אָט דער תוך, דער פונדאַמענטאַל־פּרינציפּ, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע און דאָס איז דער „שבולת".

ווי מען קוקט אויף דעם יידישן לעבן — אַזוי זעט מען אים. עס איז געווענדט אָן די ברילן. יידישע ברילן — אָדער ברילן, וואָס די גאנצע וועלט טראָגט. דורך יידישע ברילן געזען, איז דאָס יידישע לעבן, דאָס יידנטום, אַ דערשיינונג פאַר זיך אַליין, איינציק אין איר ארט, מיט אן אייגענעם אינהאַלט און צו אים אַליין, אויס=שליסלעך צו אים צוגעפּאַסטער פאָרם.

דורך יידישע אויגן געזען — איז דאָס יידנטום אַ מאָראַלער ווערט, און דערפאַר אַ וועלט=היסטאָרישער פאַקטאָר.

דורך נישט יידישע ברילן געזען — איז דאָס יידנטום בלויז אַ נאַציאָנאַלע גרופּע, מיט די אַלגעמיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע אינ־טערעסן פון אזאַ גרופּע. אַנדערש אויסגעדריקט: דער יידישער צענטער פון דעם יידנטום איז דער י ח י ד, דער נישט יידישער בליק איז קאָנצענטרירט אויף דער ג ר ו פּ ע.

וויכטיק, ווי דער נאַציאָנאַלער, דער גרופּע־גייסט איז געווען און איז נאָך עד היום אין דעם יידישן לעבן — נאָך וויכטיקער איז די אינעוויינקסטע באַציונג פון יעדן איינצלנעם יידן צו זיין יידנטום דאָס מיינט, דער צענטער פון דעם יידישן דענקען איז א גייסטיקער, אַ קולטורעלער — און נישט קיין פּאָליטישער.

און דאָ איז דער גרונטפעלער פון אלע די קרייזן, וואָס ווילן אָרגאַניזירן דאָס יידנטום – אין אַמעריקע אָדער אין דער גאַנצער וועלט. זיי פאַרבייטן די צענטערס. זיי ווילן אַוועקשטעלן דאָס יידנטום אויף דעם פּאָליטישן, אויף דעם גרופּן־פונדאַמענט —, און פאַרגעסן דערביי, אַז דאָס יידנטום איז פריער פון אַלץ אַ „פרייוויליקער פאַר=באַנד", אַ פאַריייניקונג, וואָס איז בינדנדיק נאָר אַזוי לאַנג, ווי דער גייסטיקער צעמענט איז שטאַרק, ווי דער זין פון דעם ייד=זיין איז קלאָר פאַר יעדן איינצלנעם, וואָס איז אין דעם יידנטום.

אין דעם אונטערשיידט זיך דאָך אונדזער צייט, אונדזער דור פון די פריערדיקע. אונדזערע זיידעס האָבן זיך נישט געניטיקט אין קיין שום קינסטלעכע, געקינסטלטע, נאָכגעמאַכטע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוטן. זייער צענטער איז געווען אין זיך אַליין. און אָט דער צענטער פעלט אונדז.

וואָס איז דען דער פּראָבלעם פון דעם יידנטום ביי היינטיקן טאָג? אָדער — כדי נישט צו פאַרברייטערן די פראַגע — וואָס איז דער פּראָבלעם פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום? פּאָליטיק? האָט דען דער

אמעריקאַנער ייד אַן אַנדערע פּאָליטישע אויפפאַסונג, ווי זיין שכן דער נישט־יידישער אמעריקאַנער? אויפפאַסונג מיינט דאָך אַ געוויסע פאָרם פון אינטערעסן, און די פּאָליטישע אינטערעסן פון די אַמערי־קאַנער יידן, זיינע פּאָליטישע פאָדערונגען זענען נישט און קאָנען נישט זיין פאַרשידן פון די אַלגעמיינע פאָדערונגען פון דעם אמערי־קאַנער לעבן.

עקאָנאָמיש? אָבער דאס איז אַ געביט, ווו קיין שום „נאַציאָ־נאַלע אָרגאַניזאַציע" קאָן נישט האבן קיין ממשות, בפרט נאָך אין אמעריקע, דעם אינדיווידואַליסטישסטן פון אַלע לענדער אין דער וועלט, אין דעם לאַנד פון מאַנטשעסטערטום פון דער רייַנסטער מאַרקע.

אינטערנאַציאָנאַל? וואס מיינט דאס – אויב נישט בלויז אַן אָרגאַניזאַציע פאַר פּראָטעסטן און „דעות־זאָגן" צו די פעלקער פון דער וועלט, צו די פעלקער, וואס ווילן אונדז גאָרנישט הערן. און אויך דאָ איז די יידישע ליניע פּאַראַלעל צו דער אמעריקאַנער. כּל זמן אמעריקע איז נישט אינטערנאַציאָנאַל אָריענטירט — איז די יידישע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק אויך אומפּרוכטבאַר.

וואס בלייבט? וואס איז דען דער צוועק פון אַ גרויסער, דע־מאָקראַטישער, דעם גאַנצן יידנטום ארומנעמענדיקער אָרגאַניזאַציע? וואס זאָל טאָן דער קאָפּ — אויב מען וועט אים שוין אַרויפזעצן אויפן האַלדז פון דעם יידישן גוף?

אַ קאָפּ האַט געוויס אַ פונקציע: ער טראַכט. אָבער ער מוז אויך זיין צוגעפּאַסט צום גוף. אַ קאָפּ פון אַ מענטשן אויף דעם גוף פון אַ לייב — ווערט אַ ספינקס, אַ רעטעניש אין דער מדבר, אַ געפערלע־כע רעטעניש.

אָבער ווען דער גוף איז גאָרנישט פון אַ לייב?

דאס איז דאָך דער פּראָבלעם פון דעם יידנטום בכלל — און פון דעם אמעריקאַנער בפרט. מען קאָן אפשר געפינען אַ קאָפּ — אָבער עס קאָן ווערן אַ קאָפּ — פאַר פיקסלעך, אַ „ראש לשועלים". אַקעגן דעם האַט מען אונדז אַמאָל געוואָרנט. די גרויסע, הימל־שפּאַלטנדיקע יידישע אַמביציע האַט עס נישט געוואָלט צוגעבן, האַט זיך נישט גע־וואָלט איינלעבן אין דעם געדאַנק, האַט נישט געוואָלט ווערן באַשיידן. אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט. בעסער אַ „זנב לאריות" — איידער אַ „ראש

לשועלים", בעסער אַ ראָד אין דעם וואָגן, וואס לייבן פירן, איידער פוקסן, וואס פירן אליין א וואָגן.

אָט דאס איז אונדזער גרויסער פּראָבלעם. נישט פּאָליטישע און נישט עקאָנאָמישע פראגן שטייען פאר אונדז — נאָר מאָראַלע. דאס אַמעריקאַנער יידנטום מאכט דורך אַ שווערן קריזיס, אַן איבערגאנגס-קריזיס, א שוועלן-קריזיס. א נייער דור איז אויפגעשטאנען — און ער איז פּ־עמד צו אַלעמען, וואס איז געווען די קרוין און דער שורש פון דעם יידנטום — דער אלטער דור האט פארלוירן אין דעם קאַמף. אויף יעדן שריט און טריט זעט מען עס, פון אלע דעכער הערט מען דעם געשריי. אין אַלע פּאַרמען — איין דערשיינונג: אויפלייזונג, רע־ליגיעז, שפּראכלעך, קולטורעל — אומעטום אַ פּראָצעס פון אָפּבּרעק־לונג, פון אַטאָמיזירונג, און נאָכמער — פון מאָראַלישער צעשטיקלונג.

די דייטשע יידן האבן — אין דעם קאמף פאר זייער רעכט — באשאפן אַ ספּעציעל יידישע וויסנשאפט: „אַפּאָלאָגעטיק". זיי פארטיידיקן זיך. און זייער פאַרטיידיקונג איז תמיד די אייגענע: „קוקט, וואס מיר האבן אויפגעטאָן, זעט, וואס מיר האבן באשאפן". און זיי האבן עפּעס אויפגעטאָן. אויף יעדן געביט, אומעטום, און, דער עיקר, אויף דעם גייסטיקן. זיי האָבן זיך מיט וואס צו בארימען. עס העלפט זיי נישט — אבער פאָרט, עס איז, ווייניקסטנס, אַ טרייסט פאר זיך אליין.

וואס קאָן דאס אמעריקאנער יידנטום באווייזן? מיט וואס קאָן זיך דער ייד אין אמעריקע בארימען? ער האט אויפגעבויט די שניי־דער-אינדוסטריע, ער האט אזויפיל און אזויפיל געלט — ער האט זיך ארויפגעארבעט פון אַ פּעדלער צו אַ סוחר, ער פארמאָגט הייזער, אוי־טאָמאָבילן, ער בויט „מואווינג-פּיקטשור־הייזער" און וואָדעווילס?

איז אים גוט, האט ער הנאה דערפון, אָבער וווּ איז דער מאָ־ראלישער ווערט, דער יידישער חותם, די גייסטיקע גרויסקייט פון אלע דידאָיקע „שאפונגען"?

און ווען מען פרעגט אונדז דא אין אמעריקע: „וואס האָט איר אויפגעטאָן?" — האבן מיר אויך נישט קיין אנדער ענטפער, ווי די רוימער — אין דעם באַרימטן מדרש: „מיר האבן געבויט בעדער און צירקן" — און דאס איז אזוי ווייניק.

איך ווייס — עס איז דער אלטער „אתה=בחרתנוויזם". פּארוואס דארפן זיך יידן אויספּיינען? פּארוואָס פארלאנגט מען פון יידן מער, ווי פון אלע אַנדערע? גוט — עס איז אתה=בחרתנוויזם, און אנדערש

קאָן עס גאָרנישט זיין. סיידן דאס יידנטום האט קאַפּיטולירט, האט זיך אָפּגעזאָגט פון זיך אליין. און אויב יאָ — צו וואס די אָרגאַניזאַציעס און די קאָנגרעסן, צו וואס אַ קאָפּ, ווען דער גוף צעפאַלט?

געוויס, דאס אמעריקאַנער יידנטום איז נאָך יונג און ניי, עס וואקסט ערשט. עס האט נאָך נישט געהאט קיין צייט צו פארטראכטן זיך, צו זאַמלען זיינע אייגענע כּוחות. אָבער דערפאר איז טאקע דער צושטאנד אזוי קריטיש, דער קריזיס אזוי שארף. מען זעט נישט די מעגלעכקייטן, די וועגן זענען טונקל.

טעאָלאָגיש ווי דאס זאָל נישט זיין אַלט און אָפּגעשטאַנען — אָבער אפילו דאס ביסל גייסטיקע לעבן, וואס איז פאראן צווישן די רעליגיעז געשטימטע יידן — איז רייכער, איז פארשפּרעכנדיקער, ווי דער גאנצער כּלומרשט פּאָליטישער טומל, וואס די קאָפּ־זוכער מאַכן. דאָרט איז פאראן ווייניקסטנס אַ פונדאַמענט. אַ קאָנקרעטער פּלאַן — וואָס איז פאראן דאָ? ווערטער, רעזאָלוציעס און פרומע ווונטשן.

איך ווייס נישט, צי די פירער פון דעם אמעריקאַניש־יידישן קאָנגרעס וועלן מסכּים זיין מיט מיר, מסכּים זיין נישט בלויז אין דער קריטיק, נאָר אויך אין דער גאנצער שטעלונג צו דעם פּראָבלעם. אָבער — איז דען נישט מר. זאַנגוויל מיט און צווישן זיי? ער, וואָס פילט דעם יידישן שטאָלץ, ער, וואס ווייסט, וואס דער חלום פון דעם יידן איז געווען? איז דען נישט זיין חוב צוצורייסן מיט זיין שארפן זין, מיט זיין אנאליטישן פארשטאנד דעם שפּינגעוועב פון די פראַזן, וואָס האבן באַהאָנגען דעם יידישן געדאנק דאָ אין אמעריקע?

אַן אָרגאַניזאַציע פון יידן — יאָ; אָבער נישט קיין פּאָליטישע מאַשין. יידישע שטימען וועלן נישט געציילט, נאָר געוווגן. יידנטום איז נישט — כּמות, נישט קוואנטיטעט; יידנטום איז: איכות — אינ־האַלט, קוואַליטעט. און נאָר באַרופענע זענען גערופן.

דער „קאנגרעס" ע״ה.

עס ווייזט אויס, מיר האָבן די וואָך געהאַט יאָרצייט — און איך האָב אים פאַרזען. מען קאָן דאָך באמת נישט האַלטן אויפן קאָפּ אַלע מתים פון אַלע דורות, און בפרט נאָך די, וואָס האָבן גאָר קיינעם נישט געלאָזט וויסן, אַז זיי זענען געשטאָרבן, וואָס האָבן קיינעם נישט געבעטן צו זייער לוויה; די, וואָס ווייסן גאָר אַליין נישט, אַז זיי זענען שוין אויף דעם עולם־האמת. עס איז אַ אומגליק מיט אַזעלכע מתים — זיי וועלן אַפילו קיין תחית־המתים נישט קאָנען אויפשטיין, ווען דער טאָג וועט קו־מען.

איר קענט דאָך די טראַגעדיע פון נאַראָנים. ווען משיח וועט קומען, זאָגט דאָס פאָלקסווערטל, וועלן אַלע קראַנקע קומען צו אים, און זיך בעטן ביי אים: „משיח, ר' משיח, מיר זענען קראַנק — הייל אונדז!" און משיח וועט זיי אויסהיילן. בלויז די נאַראָנים וועלן בלייבן נאַראָנים, מחמת זיי ווייסן גאָרנישט, אַז זיי זענען עס.

אָט, למשל, ווייסן מיר אַלע, אַז דער אַמעריקאַנישער יידישער קאָנ־גרעס, — אַ גרויסער און שיינער נאָמען, — איז שוין אַ בר־מינן. מיר ווייסן עס שוין פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. ער האָט שוין לאַנג געגוססעט. זיבן־אַכט יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געלעגן אויף דעם קראַנקן בעט. מען האָט זיך געפּרוּווט אים אָפּצושרייען, דערמינטערן, אָבער ער האָט געהאַט אַזוי וויניק ווידערשטאַנדקראַפט, אַזוי וויניק וויטאַליטעט, אַז אַלע רפואות האָבן אים נישט געהאָלפן. און ער איז שטיל אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכטל. אַ רב איז געשטאַנען ביי אים צוקאָפּנס בשעת גסיסה. און מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אים, אַז ער וועט זאָגן קדיש נאָך אים. און באַלד האָט מען פאַרגעסן, צי אַזאַ מין באַשעפעניש, ווי דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, האָט בכלל עקזיסטירט

מילא, עס איז אַ מנהג, אַז „דע מאָרטואיס ניל ניזי בענע״ —
וועגן טויטע מוז מען רעדן בלויז גוטס, נאָר שבחים: „אחר מות
קדושים״. און איך וויל נישט אָפּטרעטן פון דעם מנהג, וויל נישט
רעדן קיין שלעכטס אויף דעם מת, בפרט נאָך, ווען איך האָב אַזוי
זעלטן געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר אים — ביי זיין לעבן.

דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן און וויל טאָן, איז מאַכן אַ הספד
אויף אים.

געבוירן איז ער אין אַ שווערער שעה, און ער אַליין איז געווען אַ זי-
בעלע. פאַר דער צייט אויף דער וועלט געקומען, פאַר דער צייט —
ד. ה. איידער דאָס פאָלק האָט אויסגעטראָגן די אידעע, איידער דער
געדאַנק איז געוואָרן רייף. די אידעע איז געווען: שאַפן אַן אַמעריקאַ-
ניש-יידישן קבוץ. פון דער אומאָרגאַנישער, כאַאָטישער, צעטומלטער מאַסע
אויסבילדן אַן אָרגאַנישע איינהייט. די אידעע איז געווען: שאַפן אַ
יידישע גע מיי נ שאַ פ ט. נישט קיין געמיינדע, נישט קיין קהילה־אָר,
גאַניזאַציע נאָך דעם דייטשן נוסח, אָבער אויך נישט קיין געזעלשאַפט-
ווי אין די מזרח-אייראָפּעישע לענדער, ד. ה. אַן אייגענע כמעט שטאַטס-
פאָרם, נאָר אַ געמיינשאַפט. און דאָס מיינט, אַ פאַרבונדנקייט פון אינ-
טערעסן, אַ צונויפגעוואַקסנקייט פון אידעען און צילן — אַזוי ווייט ווי
די פערזענלעכע אינטערעסן זענען נישט באַרירט. די געזעלשאַפט שליסט-
איין דעם יחיד מיט זיינע אינטערעסן און באַציונגען אַלס יחיד; די גע-
מיינשאַפט שליסט-אויס די ספערע פון פערזענלעכקייט, זי איז איבערפער-
זענלעך, איבעראינדיווידועל, — האָט צו טאָן מיטן איינצלנעם בלויז אַזוי
ווייט, ווי ער איז אַ שותף צו דעם גאַנצן. און אין אונדזער פאַל
האָט עס געמיינט: איינגלידערן דעם אַמעריקאַנישן יידן אין אַ נאַציאָ-
נאַל קולטורעלער גרופּע, פאַרבינדן אים אָרגאַניש מיטן כלל ישראל. די
צייט איז אָבער נאָך נישט געווען פאַרטיק דערפאַר. דער דור איז נאָך נישט
ראוי געווען דערצו. דער יידישער מענטש אין אַמעריקע איז נאָך נישט
געקומען צו דער מדרגה פון גרופּן־באַוווסטזיין. די אַלטע קייט האָט זיך
צעשיט. די איינצלנע רינגלעך האָבן זיך געקייקלט איבער דער ערד און
עס איז געווען כמעט אַן אוממעגלעכע אַרבעט צונויפקלייבן זיי, צוזאַמענ-
שמעלצן זיי איינסביי — אויפן אַמעריקאַנישן, פאַבריקמעסיקן אופן.

אַ גאַנצע מאַסע פון צוגרייטונגסאַרבעטן איז געווען נייטיק.

דאָס יידנטום האָט זיך דאָ געמוזט ערשט פאַרשטאַרקן, פאַרוואָרצלען, באַקומען, אזוי צו זאָגן, הויט און ביין; דערנאָך דעם פּראָצעס פון טריט נאָך טריט — זיך צונויפגיסן, צוערשט אין קליינע גרופּן, צענ־טערס, אָרגאַניזאַציעס פון אלערליי ריכטונגען, פאַרבאַנדן, פאַריינען; דערנאָך א צונויפגיסונג פון די באַזונטע אָרגאַניזאַציעס, אַ פעדעראַציע פון די גרעסטע גרופּירונגען — ביז צו דער שאַפונג פון איין גרויסן, שטאַרקן יידישן צענטער, וואָס זאָל ארומנעמען און קאָנטראָלירן אַלע יידישע אינטערעסן, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די יידישע געמיינשאַפט. אזוי וואָלט געווען דער נאַטירלעכער פּראָצעס, דער געוויינלעכער וועג, דער איינציק מעגלעכער און גינסטיקער.

אָבער איז געקומען די מלחמה, און האָט, ווי אומעטום, פאַר־גיכערט דעם פּראָצעס, געצוווּנגען דעם לעבן צו געבן פּרוכט, נאָך איידער זי איז פאַרטיק געוואָרן. אומגעדולדיק זענען די מענטשן געוואָרן, און פון זייער אומגעדולט איז ארויסגעקומען א גאַנצע ריי פּריצייטיקע, אומרייפע און דערפאַר נישט לעבנספעיקע פאָרמאַציעס. אומגעדולדיק זענען געוואָרן די יידן פון אַמעריקע און „בחפזון" האָבן זיי אויפגעבויט דעם אַמעריקאַניש־יידישן קאָנגרעס.

עס האָט געזאָלט ווערן אַלצדינג, וואָס די אידעע האָט פאַר־לאַנגט: אַ יידישע פאַרטרעטונג כלפּי חוץ און א קאָנצענטרירונג פון אַלע אונדזערע יידישע שעפערישע כוחות; עס האָט געזאָלט ווערן א מין יידישער פּאַרלאַמענט, און אין דער אייגענער צייט — אַ דיפּלאָמאַטישע קאַנצעלאַריע. ער האָט געזאָלט אַלצדינג ווערן און ער איז געוואָרן — גאָרנישט.

עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי אַפילו זיין אַרבעט, בשעת דער וועלטסאַילער קאָנפערענץ, איז געווען באמת אַזוי פּרוכטבאַר, ווי מען מיינט. מען האָט זיך שוין דעמאָלט פאַרפּלאָנטערט אין אַ פּאָליטי־שער אידעאָלאָגיע, וואָס קאָן נישט תמיד ביישטיין דעם עקזאַמען פון דעם פּראַקטישן לעבן.

אָבער אַפילו ווען מען גיט צו, אַז זיין אַרבעט איז געווען אַ היסטאָריש־וויכטיקע און נויטווענדיקע, מוז מען אפילו דעמאָלט מודה זיין, אַז ער האָט זיך אויסגעשעפּט מיט דער דערגרייכונג פון זיין ציל. עס זענען געווען גאָרנישט אַזוי אומגערעכט די פירער פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז די אָרגאַניזאַציע,

וואָס הייסט קאָנגרעס, זאָל אויפגעלייזט ווערן; וואָס האָבן פּראָטעסטירט אקעגן דער פּערמאנענץ פון דעם יידישן קאָנגרעס. עס איז נישט וויכטיק, וואָס פאַר אַ מאָטיוון זיי האָבן דערביי געהאַט, עס מאַכט נישט אויס, וואָס זייער שטעלונג איז דיקטירט געווען פון דעם ווילן צו מאַכט. מען קאָן אויך האָבן אַן אנדער שטעלונג, אַן אַנדער צוגאַנג — און דאָך קומען צו דעם אייגענעם רעזולטאַט.

און איך האָב מיט יאָרן צוריק — בשעת דער קאָנגרעס איז נאָך געווען פריש און יונג, ווען ער האָט זיך געגרויסט מיט זיינע אויפטוען, ווען די יידישע גאַס האָט זיך נאָך באַצויגן צו אים מיט מער אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס — שוין דעמאָלט האָב איך געוואָרנט: נישט דאָס איז די יידישע פאַרטרעטונג, וואָס מיר דאַרפן און נישט אַזוי קען זי געשאַפן ווערן. איך האָב זיי געוואָרנט פאַר דעם דעמאָקראַטישן פעטיש.

דעמאָקראַטישע וואַלן, ציילן שטימען — דאָס איז גוט פאַר אַ שטאַט. און אויך דאָרט איז עס אַ פראַגע, צי דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. די קריטיק פון דעם דעמאָקראַטישן סיסטעם איז נישט אינגאַנצן אומבאַרעכטיקט. די פּאָליטיק פון בלויז שטימען ציילן, פון הענט אויפהייבן — באַדאַרף אַ שטאַרקע קאָרעקטור. מען האָט נאָך ביז אהער נישט געפונען דעם ריכטיקן וועג און דעם מיטל, אָבער עס איז נישט קיין ספק, אַז דאָס פּאָליטישע דענקען פון אונדזער צייט וועט געפינען אַ נייע פאָרמולע פון דעמאָקראַטיע, וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט צו די קאָמפּליצירטע אינטערעסן פון דער היינטיקער און מאָרגנדיקער וועלט.

און אויב דאָס איז אַזוי אין אַ געזעלשאַפט — ווי ווייט מער אין אַ געמיינשאַפט, וואָס האָט נישט און קאָן נישט האָבן קיין צוגאַנג און קיין קאָנטראָל איבער דעם יחיד!

אָבער מען האָט זיך נישט צוגעהערט צו די אַלע טענות און אַרגומענטן. די פירער פון דעם קאָנגרעס, אויב מען קאָן זיי בכלל רופן פירער, זענען געווען אַזוי זעלבסטצופרידן, אַזוי פארליבט אין זיך אליין, אַזוי פאַרכישופט פון זייער אייגענעם קול — און מען מוז זאָגן, אַז דער הויפּט-פירער פון קאָנגרעס האָט אַ שיינעם, מעטאַלענעם ברוסט־טאָן — זיי זענען געווען פארטומלט פון דער קליינינקער מאַשין, וואס זיי האבן געשאפן, אַז זיי האבן נישט געהאט קיין אויערן פאר קיין שום פראַגן. און אויב זיי האבן יאָ געהערט, האבן זיי זיך

געאכט נישט הערנדיק, נישט וויסנדיק, ווייל — ווייל זיי האבן נישט געוווּסט, וואס צו ענטפערן און נישט געוואָלט ענטפערן — נישט זיך און נישט אַנדערע.

און אזוי איז זיך דאס מאשינדל געגאנגען זיין וועג, ביז מען האט איינגאנצן פארגעסן אָן דעם, אויפגעהערט שטעלן פראגן, זיך וווּנדערן. מאָלע וואָס עס זענען דאָ אַ פּאָר יידן — קוים אַ מנין — וואס ווילן זיך טומלען, וואס האבן ערגעץ אַ ביוראָ מיט אַ פּאָר סטעַנאָגראַפיסטקעס און מיט ביוראָ־פּאַפּיר, און מיט אַ פּרעזידענט! מאָלע וואס איינמאָל אין אַ יאָר ווערן צענויפגעפּאַקט עטלעכע צענדליק יידן ערגיץ אין אַ זאַל, און אַ פּאָר געסט פון דער אנדערער זייט האלטן דאָרט דרשות, וואס האבן נישט קיין שייכות צום גאנצן ענין! ווער מען אָרט עס? וועמען גייט עס אָן?

עס גלוסט זיך אפילו נישט קריטיקירן, נישט אויפהייבן דעם קול אַנטקעגן דעם קאָנגרעס! אריינרייסן זיך אין אָפענע טירן, „גברא קטילא קטילʺ! עס איז נישטא מיט וועמען אפילו צו קעמפן.

און דאס איז אפשר דאס טראגישסטע ביי דעם גאנצן ענין. טראַגיש איז נישט, וואס דער קאָנגרעס איז טויט — אויב מען וועט דאַרפן האבן אַזאַ אינסטיטוציע, וועט די צייט וועט קומען, וועט זי געשאפן ווערן. טראגיש איז, וואָס ער איז געשטאָרבן — און ווייל עס נישט צוגעבן, וואס ער שטייט אין וועג, וואס ער פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס, וואס ער שטערט די לעבעדיקע ממש ווי א דיבוק.

פרעגט די יידן פון אייראָפּע, און זיי וועלן אייך זאָגן: דער אמעריקאניש־יידישער קאָנגרעס שטייט זיי ווי אַ ביין אין האלדז. ער שטערט זיי, ער שאפט ביי זיי אילוזיעס, פּאראליזירט זייער ארבעט, מישט זיך אריין דאָרט, ווו ער זאָל נישט און דארף נישט, זאָגט אַ דעה — און גיט אפילו נישט די מאה.

אָט, למשל, אַזאַ פאַל. דער אמעריקאניש־יידישער קאָנגרעס האט עס געהאלטן פאר נייטיק צו שיקן אַ „פּארטרעטערʺ, אַ באָאָבאַכטער צו דער פעלקער־ליגע. עס איז אים ווייניק, וואס די ציוניסטישע אָרגאניזאַציע האט אזאַ „פּארטרעטערʺ, וואס די יידישע דעלעגאציעס האבן אַ כמעט אָפיציעלן רעפּרעזענטאנט אין זשענעווע, וואס דער לאָנדאָנער „יידישער קאָמיטעט פאר אויסערע ענינים" האט אויך אַ מין פּארטרעטער ביי די פעריפעריע פון דער פעלקער־ליגע, מר. לוסיען וואָלף — דאס איז אלץ נישט גענוג. דער אמעריקאנער־יידישער קאָנ־

גרעס מוז זיך אויך טומלען, און ער שיקט א יונגען און זייער ווייניק דערפארענעם ליטעראט קיין זשענעווע און פאריז — און ער רעדט אין דעם נאמען פון דעם אמעריקאנער יידנטום, מישט זיך אריין אין אייראפעישער פאליטיק, וויל האבן א מיינונג, און טראגט אריין כאאס און מיספארשטענדעניש אין דער ארבעט פון די יידישע דעלעגאציעס. און ווען איך האב זיי דערקלערט אין פאריז, אז אט דערדאזיקער יונגערמאן פארטרעט נישט דאס אמערקאנער יידנטום, אז קיינער ווייסט אפילו נישט פון זיין עקזיסטענץ, אז זיין גאנצע פארטרעטערשאפט איז בלויז דער קאפריז פון א יחיד אין אמעריקע — האבן זיי געעפנט מויל און אויערן: „אויב אזוי, וואס איז דער גאנצער רעש? קיין געלט גיט דער אמעריקאניש־יידישער קאנגרעס נישט, קיין עצות אויך נישט, און פרעסטיזש פעלט אים אויך — וואס־זשע דרייט ער אונדז א מוח?"

און עס איז שוין אזוי ווייט דערגאנגען, אז אפילו די אייראפעישע יידן, וואס האבן אזא געוואלטיקן רעספעקט פאר אלעמען, וואס קומט פון אמעריקע, באציען זיך אויך שוין צום אמעריקאנער יידישן קאנגרעס, ווי צו א וויץ — אבער א זייער אומגעלונגענעם און ווייניק גייסטרייכן. נאך א ווייל — און זיי וועלן אויך דארט געוואר ווערן, אז די גאנצע מעשה איז א פאנטאזיע, אז דער קאנגרעס איז שוין לאנג טויט — מען האט בלויז אין אייראפע נאך נישט באקומען די מעלדונג.

איז עס אפשר נישט צייט, אז דער קאנגרעס זאל זיך אונטער־געבן, זאל זיך מודה זיין, אז ער איז טויט? אדער אויב ער — איך שטעל דאס אוועק בלויז אלס א ווייטע השערה — אויב ער שלאפט בלויז אזוי שטארק, איז עס נישט צייט, אז ער זאל זיך אויפכאפן?

ווי האט יענער ייד געשריבן צו זיין ווייב: „ביזטו געשטארבן, טא שרייב־זשע, וועל איך חתונה האבן בייניס, לעבסטו — טא נעם — א גט!"

א קולטור — פאר א ליגע.

איך בין . איינמאָל אַ זונטיק פאַרנאַכט — פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דער האַיאַס־געביידע. איך האָב געהאַט באַקומען אַן איינלאַדונג צו אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „קולטור־ליגע". און מיין „פעדערונג" איז געווען אזוי גרויס, אַז איך האָב זיך צוגע־איילט מיט צוויי וואָכן פריער. „ווו איז דאָ די אסיפה" ? — פרעג איך איינעם אַ בחורל, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין דעם גרויסן פאָליש. „די אסיפה איז אָט דאָרט, אין דעם גרויסן זאַל".

איך גיי אַריין — באַקאַנטע פנימער. אַ דיקער, פירעקיקער, קורצער יונגערמאַן באַגעגנט מיך ביי דער טיר, מיט אַ זייער פיינט־לעכן שמייכל, און לאַדט מיך איין אַרויפצוגיין אויבנאָן. איך זאָג זיך אָפּ — פון גרויס עניוות — איך וויל זיך צוערשט אַרומקוקן וואָס טוט זיך דאָ, וואָס רעדט מען דאָ. די גאַנצע פראגע איז מיר געווען נישט קלאָר. קולטור־ליגע, אַמעריקע, יידנטום, נאַציאָנאַלע פראַגן — דאס איז אַ שווערער קאָמפּלעקס פון קלאָץ־קשיות, אַז איך האב באמת באַוואונדערט די מענטשן, וואס האבן אויף זיך גענומען די ארבעט פון אויפלעזן דעם פלאָנטער.

אויף דער טריבונע איז געשטאנען אַ רעדנער — ווידער אַן אַלטער באַקאַנטער — דיכטער, פובליציסט, אידעאַליסט און קרבן־ברענגער. אַ שאַרף פנים, אַ מיד פנים, מידע באַוועגונגען. איך הער מיך איין אין דער רעדע. לכתחילה גייט עס גלאַט. איך הער טאקע דאס, וואס איך דערוואַרט — „אַרבעטער", „מאסן", „פאָלק", „לייבאָר פאַרטיי", „פאָלק" א. אז. וו. די אַקצענטן אויף דעם ריכטיקן פלאַץ, און די אַפּלאָדיסמענטן אויך. ביז איך הייב אָן פלוצלונג נישט צו פארשטיין. עס פעלט מיר אין דער רעדע דאָס וואָרט „ליגע". און בפרט ווען עס

הייבט זיך אויף אַ צווייטער רעדנער — אויך אַן אַלטער באַקאַנטער שרייבער, קינסטלער, פּובליציסט, כּל־טוער א. אז. וו. האַלט זיין רע־דע — גייט מיר סוף כּל סוף אויף א ליכט: איך בין אריינגעפאַלן גאָר אויף אַן אַנדער אסיפה. שטיל און פאַרשעמט גיב איך — ווי כּלאחר יד — אַ פרעג ביי דעם דיקן און פירעקיקן „חבר" — צי „מען האט שוין באַשלאָסן וועגן דער ליגע?" „ליגע?" — פאַרוווּנדערט ער זיך — „ליגע? דאס איז גאָרנישט קיין פאַרזאַמלונג וועגן דער קולטור־ליגע — דאס איז גאָר אַ פאַרטיי־מיטינג פון אונדזער פאַרטיי! די קולטור־ליגע־קאָנפערענץ וועט ערשט זיין אין צוויי וואָכן ארום!" און ער גיט נאָך צו מיט א שמייכל: „אַזוי! אבי איך האב געמיינט, אַז איר... איך האָב זיך טאַקע געחידושט!"

אין צוויי וואָכן קום איך ווידער אין „האַיאס". איך פרעג ווי־דער ביי עמעצן אין קאָרידאָר, וו די אסיפה איז. „אסיפה?" — זאָגט ער איבער מיט אַ שאַרפן און אומצופרידענעם בליק. — „איר מיינט די פאַרזאַמלונג, די קאָנפערענץ — אָט דאָרט!" דער שינוי דערפילט זיך תּיכּף. „אסיפה" איז שוין דאָ נישט קיין אָנגעלייגט וואָרט — מיר שטייען אויף דער שוועל פון דער ריין־יידישיסטישער, פּוריסטישער מלוכה.

אָבער מערקווירדיק: ביי דער טיר שטייט ווידער דער אייגע־נער פירקאַנטיקער, דיקער, קורצינקער חבר, אויף דער טריבונע — אויף מיין מזל — נאָכאַמאָל דער אייגענער שאַרף־פּנימדיקער, מידער דיכטער־פּובליציסט־פּאַרטיימאַן, און אין דעם זאַל די אייגענע מענטשן, וואס זענען געווען דאס לעצטע מאָל! „טשטאָ זאַ טשאָרט", — טראַכט איך זיך, — „אפשר איז דאס ווידער אַ טעות?" דאָס מאָל פרעג איך שוין גאַנץ דרייסט דעם „חבר": „זענט איר זיכער, אַז דאס איז טאַ־קע די קאָנפערענץ פון דער קולטור־ליגע?" „שייך זיכער, איר הערט דען נישט?" — ענטפערט ער מיר א ביסל אומצופרידן.

און איך הייב אָן איינצוקוקן זיך און זיך איינצוהערן. יאָ — דאָס איז דאָס! פוןביידע זייטן פון דער טריבונע — אָפּגעזונדערט פון דעם פּובליקום — זיצט די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קונסט, די יידישע וויסנשאַפט. נישט אַלע, נישט אַלע אַלטע, נישט אַלע פון די, וואס האבן אוועקגעגעבן זייער לעבן, זייערע כּוחות פאַר דער יידישער שפּראַך, דער יידישער קולטור, אָבער אַ סך „יונגע". אין פּראָצענטן גערעדט — ניינציק פּראָצענט יונגע און צען פּראָצענט

אַלטע. איך זע זיי נאָר, הערן לאָזן זיך אנדערע. אויף דער טריבונע האלט מען אין איין רעדן, אין איין אַראָפּ און אַרויף, אין איין פֿאַרשלאָגן. יעדע פֿינף מינוט גייט ארויף עפּעס איינער, אַן אומבאַקאַנטער, מיט אַ פּאַפּירל אין דער האנט, און לייגט פֿאָר אין נאָמען פֿון א סעקציע אַ רעזאָלוציע. און עס פֿליען די ווערטער „אָרגאַניזירן, אונטערשטיצן, שאַפֿן". יעדער הייבט אָן מיט דידאָזיקע סאַקראַלע ווערטער און ענדיקט דערמיט, אַז מען דארף גרינדן אַ פֿאַרלאַג אָדער אַ זשורנאַל פֿאר מוזיק, פֿאר פּלאַסטישער קונסט, פֿאַר ליטעראַטור, פֿאר — פֿאַר אַלצדינג, וואס איז דאָ אויף דער וועלט.

און מען שטימט — אָרגאַניזירן, אונטערשטיצן, שאַפֿן. און נאָך דער אָפּשטימונג גייט מען צו וואַלן. און מען קלויבט די, וואס זאָלן אָרגאַניזירן, שאַפֿן — די יידישע קולטור. אַלצדינג איז אָפּגעגאַנגען, ווי עס פּירט זיך ביי לייטן — מען האט אָנגענומען סטאַטוטן און אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט — און מען איז זיך צעגאַנגען מיט אַ רויקן געוויסן און אַ שטאָלצן באַוווסטזיין: „מזל טוב, עס איז געבוירן געוואָרן אַ קולטור־ליגע. די יידישע קולטור אין אמעריקע איז געראַטעוועט!"

מזל-טוב — אין מזל זאָל זי לעבן!

* *

*

אָרגאַניזירן = פֿאַרייניקן = שאפֿן = פֿארלאַגן = ליגע, שיין, גוט. אָבער וואס אָרגאַניזירן, וואָס פֿאַרייניקן? אַ ליגע פֿון וואָס? פֿון קולטור? אָבער ווו איז זי? וואָס איז די יידישע קולטור, וואס מען וויל אָרגאַניזירן, פֿאַרייניקן א. צ. וו. מען קאָן דאָך פֿאַרייניקן נאָר דאָס, וואָס איז דאָ; צעוואָרפֿן, צעשטרייט, פֿאַרשפּרייט — אָבער פֿאַראַן. מען קאָן דאָך פֿאַרייניקן בלויז דאָס, וואָס לעבט — אין אַ נישט־אָרגאַניזירטן צושטאַנד. אָבער ווי קאָן מען אָרגאַניזירן דאָס, וואָס איז נאָך נישטאָ, דאָס, וואָס מען מוז ערשט שאפֿן? געוויס — די קולטור־ליגע־קאָנפֿערענץ האט זיך געשטעלט פֿאר אַן אויפֿגאבע צו „שאַפֿן" יידישע קולטור, אָדער קולטור־צענטערס. אָבער ווי קאָן עס אַ ליגע, אַ קערפּערשאַפֿט, אַ בונד — שאַפֿן קולטור?

אָט דאָס איז די הויפּט־פֿראַגע, און אויף איר האָב איך נישט באַקומען קיין ענטפֿער אויף דער קאָנפֿערענץ און נאָך דער קאָנפֿערענץ: די פֿראַגע — וואָס איז דאָס יידישע קולטור?

מיר האָבן צווישן אונדז פשטנים, זיי נעמען אַלצדינג זייער איינפאַך. פאַר זיי איז די יידישע קולטור — קולטור אויף יידיש. די שפראַך איז דער הויפּטצוועק. נאָכמער, עס איז אַ זעלבסטצוועק. יידיש — די יידישע שפראַך — האָט פאַרביטן אַלע אַנדערע ווערטן פון דעם יידישן לעבן. אויפן אָרט פון דעם יידנטום איז געקומען — פאַר זיי — דאָס יידישיסטנטום.

עס איז דאָ אַ געוויסע לאָגיק און אַ גלייכלייניקייט אין אַזאַ אויפפאַסונג. יידן זענען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך — מענטשן ווי אַלע אַנדערע, אַ נאַציע ווי אַלע נאַציעס. וואָס איז דער סימן פון אַ נאַציע? די שפראַך. הערט א פאָלק אויף צו רעדן אויף זיין שפראַך, ווערט עס אויס פאָלק. די פּרייסן האָבן אמאָל גערעדט „פּרייסיש" — אַ מין ליטווישן דיאַלעקט — אָבער די דייטשן האָבן זיי באַזיגט — זיי האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויף זיי די דייטשע שפּראַך — און די פּרייסן זענען היינט די דייטשיסטע דייטשן, די „גערמאַנען".

דער נאָוואָוויעסישער אָדער פּאָמעראַניער דייטש האָט פונקט אַזאַ שייכות צום גערמאַנערטום ווי אַ פראַנצויז אָדער אַ פּאָליאַק.

נאָך מערקווירדיקער איז דער פאַל מיט די בולגאַרן, אַ ריין טערקישער שבט, וואָס האָט איבערגענומען די סלאַווישע שפּראַך — און רעכנט זיך דערפאַר פאַר אַ סלאַוויש פאָלק.

אויב דאָס איז דער איינציקער פּרובירשטיין, דער אויסשליסלעכער קריטעריום פון א פאָלק — איז די טענה פון די עקסטרעמע יידישיסטן גערעכט: דעמאָלט מוזן אַלע יידן רעדן יידיש, דענקען יידיש, לעזן יידיש. אָדער — זיי זענען נישט קיין יידן. דעמאָלט איז די גאַנצע צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דער יידישער שפראַך. ווי שיין וואָלט עס געווען, ווען די יידישע פראַגע וואָלט געקאָנט צוגעפירט ווערן צו אַזאַ פּשוטער פאָרמולע! צום אומגליק, אָבער, איז דאָס יידנטום אַ פיל קאָמפּליצירטערע דערשיינונג.

מיט אַנאַלאָגיעס פון אַנדערע פעלקער, מיט לאָגישער קאָנזעקווענץ קאָן מען דעם יידישן פּראָבלעם נישט בייקומען. עס איז מער ווי אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, עס איז אַ וועלט־פראַגע. ווי די וועלט, אַזוי עילדזייטיק, פאַרצווייגט, קאָמפּליצירט. יעדעס לאַנד האָט אַן אייגענע שאַטירונג יידישקייט, און יעדער חלק פון דעם יידישן פאָלק האָט

זיין אייגענעם פּראָבלעם. דאָס מערב-אייראָפּעישע יידנטום האט נישט קיין שפּראַך=פראַגע; אָבער עס האט אַ רעליגיעזע, אַ נאַציאָנאַלע! אַ נשמה־פּראַגע. דאס מזרח=אייראָפּעישע — האָט אַ שפּראַך=פראַגע. אַ דריי=ווינקלדיקע פראַגע, יידיש־העברעיש־לאַנדסשפּראַך. אַלע לעבן זיי אָן אייגן לעבן, אַלע קעמפן זיי פאר דער יידישער נשמה, פאר דעם יידישן גייסט. און אַלע האָבן זיי זייער רעכט. איז יידיש די מאַמע־שפּראַך — איז העברעיש די פאָטער-שפּראַך, די זיידע־שפּראַך — אָבער די שפּראַך פון דעם לאַנד ווערט די שפּראַך פון די קינדער. מאַמע און טאַטע און קינד שטייען אין אַ שטענדיקן קאַמף אייגער אקעגן דעם צווייטן. די מאַמע קעמפט פאר דער קעגנוואַרט, פאר דער אינטימיטעט, פאַר דער געוויינהייט — דער פאָטער פאר דער גרויסער יידישער טראַדיציע, פאר דעם גאנצן שטאָלצן געבוי, וואס דאס יידנטום האט אויפגעשטעלט אין זיין לאַנגער געשיכטע — און די קינדער, די קינדער ציען זיך צו דער אַלגעמיינער וועלט — איבער דער ענגער גרענעץ פון דער גאַס.

אזוי איז דאָס געווען אין רוסלאַנד — אַזוי איז דאָס היינט אויך אין פוילן, און נאָך שטאַרקער איז דאָס אין אַמעריקע. מיר שטייען דאָ אין לאַנד, אין דעם לאַנד פון דעם צווייט=גרעסטן קיבוץ, אין דעם לאַנד, וואס ווערט אַלץ מער און מער אַ צענטער פון און פאַר דעם יידנטום, פאר אַן אָפענער פראַגע: דאָס יידנטום האט פארלוירן דעם אַלטן באָדן און זוכט אַ נייעם האַלט־פּונקט. מען מעג וועלן מיט אַלע כוחות — דער פּראָצעס לאָזט זיך נישט אָפּהאַלטן. די אַמעריקאַניזירונג גייט אָן, צי עס געפעלט, צי עס געפעלט נישט. די שפּראַך-אסימילאַציע איז אַ גרונט=דערשיינונג פון דעם אמעריקאַנישן לעבן. פריער איז דאָס געגאַנגען נאַטירלעך, איצט ווערט מען דערצו געצוווּנגען. און אפילו ווען די אמעריקאַניזירער וואָלטן נישט אַזוי געליארמט און געפילדערט — די גאַס פון אמעריקע, די עקאָנאָמישע, די פּאָליטישע באַדינגונגען צווינגען דערצו. דער ייד מוז דאָ רעדן ענגליש, מוז רעדן, ווי אַן אייגענער, נישט ווי קיין פרעמדער. און רעדט מען שוין אַ שפּראַך ווי — אַ געבירטיקער, הייסט עס, אַז מען דענקט אויף דערדאָזיקער שפּראַך. מיינט עס, אַז מען חלומט אויף איר, אַז זי ווערט אַ מוטער־שפּראַך. ווי קאָנען מיר, ווי טאָרן מיר עס פארהאַלטן?

איך זאָג נישט, אַז עס דאַרף זיין אַזוי. דאָס איז גאָרנישט די פראַגע. דאָס „זיין-זאָלן״ איז אַ מאָראַלע און נישט קיין סאָציאָלע קאַ-טעגאָריע. עס איז אַזוי — און פאַרטיק. מען דאַרף בלויז געפינען מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכן שלום מיט דעם פאַקט און קאָנטראָלירן די נויטווענדיקייט.

און דאָ. קומט אַ צווייטע מערקווירדיקע איינזייטיקייט. מען רעדט תּמיד פון „מאַסע״. יידיש, די יידישע קולטור איז — אַ „פאָלקס-שפּראַך״, און אונטער פאָלק פאַרשטייט מען בלויז די אַרבעטער, די מאַסן. ווי-דעראַמאָל אַן אידעענגאַנג, וואָס איז אַריינגעטראָגן פון דרויסן, אַרי-בערגעפלאַנצט פון אַן אַנדער סביבה. עס איז אפשר געווען אמת — פאַר רוסלאַנד. דאָרט האָט דער באַלעבאַטישער שיכט פון דעם יידנ-טום געהאַט אַ מעגלעכקייט צו האָבן קולטור אויף אַן אַנדער שפּראַך — העברעיש אָדער רוסיש. דאָ — אין אַמעריקע — איז די לאַגע גרונט-פאַרשידן. דער אַרבעטער, די „מאַסע״, האָט דאָ פּונקט די אייגענע מעגלעכקייטן, ווי דער „באַלעבאָס״. דאָ זענען אַלע — מאַסן, און דער קלאַסן-אונטערשיד (ביי יידן) איז גאָרנישט אַזוי שאַרף. דער נעכטיקער אַרבעטער איז היינט אַ באַלעבאָס, און קאָן געבן זיינע קינדער אַלע בילדונגס-מעגלעכקייטן. און אַזוי ווייט, ווי מען רעדט פון מאַסן-קול-טור — איז דען נישט דער יסוד פון אַמעריקאַניזם — מאַסן-קולטור? און די, וואָס זענען נישט מער מאַסע — וואָס קאָן זיי די יידישע קולטור געבן? פאָלקס-אוניווערזיטעטן, שולן? צו לערנען, וואָס? אַלגע-מיינע וויסנשאַפטן? דאָס גיט זיי די אַלגעמיינע שול! אַלגעמיינע קול-טור — דאָס געפינען זיי, אויב זיי ווילן נאָר — וווהין זיי טוען זיך אַ קער. יידישע קולטור? אָבער וואָס איז דאָס? האָבן מיר דען שוין אַ יידישע קולטור?

קוקט זיך איין אין דער יידישער קולטור, וואָס איז געשאַפן אויף יידיש. וואָס האָט זי? אַ ביסל בעלעטריסטיק, אַ ביסל פּאָעזיע און אַ פּאָר דראַמען. און דאָס אַלץ פון אַ לעבן, וואָס ווערט אַלץ פרעמ-דער און פרעמדער, אַלץ ווייטער און אומפאַרשטענדלעכער פאַר דעם אַמעריקאַנער ייד. עס איז אַ ליטעראַטור פאַר מענטשן, וואָס געדענקען נאָך די אַלטע היים, מיט די בתּי-מדרשים, מיט די קליינע שטעט-לעך, אפילו מיט די גויים פון רוסלאַנד און פּוילן. מען קאָן געדענ-קען צען, צוואַנציק יאָר — אָבער מיט דער צייט פאַרגעסט מען. און די

קינדער, וואָס זענען דאָ אויפגעוואַקסן — וואָס איז פאַר זיי פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע, וואָס באַדייטן פאַר זיי דידאָזיקע אַלטע, אָפּ־געלעבטע, פאַרהיסטאָרישע טיפּן? זיי פאַרשטייען זיי נישט מער, נישט זייערע ווערטער, נישט זייערע אָנצוהערענישן. די אַטמאָספערע פעלט. אָדער אפשר די נייע יידישע פּאָעזיע? וואָס האָט זי אַזוינס, וואָס זאָל זי שטעמפּלען פאַר יידיש? אַלגעמיינע מאָטיוון, וועלטמאָטיוון, נייע פאָרמען, וואָס זענען צו נײַ פאַר דעם עלטערן דור, און צו זעלבסט־פאַרשטענדלעך פאַר דעם נייעם.

און קאָן דען אַ קולטור לעבן בלויז פון בעלעטריסטיק? קולטור איז מער — זי איז אַ וועלט־דערשיינונג, זי איז די סומע פון אַלער־ליי גייסטיקע מאָטיוון, זי איז די רעאַקציע פון אַ צייט אויף דער וועלט בכלל. דאָס מיינט — קולטור, וואָס נעמט אין זיך אַריין וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, סאָציאַלע באַציונג, קונסט. און קאָנען מיר דען דערוואַרטן, אַז דאָס אַלץ זאָל אויסוואַקסן אין אַמעריקע — אויף דעם יידישן, יידיש־יידישן באָדן?

כעמיע אויף יידיש? אַסטראָנאָמיע אויף יידיש? פילאָזאָפיע אויף מאַמע־לשון? און נישט בלויז קיין קאָמפּילאַציעס און פּאָפּולערע ביכ־לעך, נאָר טאַקע אָריגינעלע פאָרשונגען? איז דאָך דער עצם פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער „מאַמע־לשונדי־קייט". זייער וועזן איז — נישט נאַציאָנאַל, נאָר אויסער־נאַציאָנאַל. אַז אָך און ווי איז צו דער וויסנשאַפט, וואָס ווערט געשאַפן צוליב — דער שפּראַך. די שפּראַך איז תמיד בלויז אַ מיטל, אַ סיסטעם פון צייכנס, און דער אידעאַל פאַר יעדער וויסנשאַפט איז — באַפרייען זיך פון די פענטעס פון דער שפּראַך.

מוזייס, אויסשטעלונגען! פון וואָס? פאַרוואָס זאָלן יעקב עפּשטיין אָדער ליפשיץ, אָדער אפילו לעוויטאַן און ליבערמאַן, אויסגע־שטעלט ווערן דווקא אין אַ „יידישן מוזיי"? פאַרוואָס זאָלן מיר שאַפן אַ געטאָ־קונסט? פאַרבן און שטיין און קלאַנגען רעדן נישט — יידיש אָדער ענגליש; זיי רעדן זייער אייגענע, דירעקטע שפּראַך — און „געגריסט זאָלן זיין די, וואָס פאַרשטייען" — ווער זיי זאָלן נישט זיין. אָבער עס איז ביי מיר נאָך אַ גרויסע שאלה, ווער עס וועט בע־סער אָפּצאַצן יעקב עפּשטיינס סקולפּטור, אָדער ערנסט בלאָכס מו־זיק — דער יידישער אַרבעטער, אָדער דער ענגלישער קינסטלער? און

עס איז ביי מיר נאָך אַ גרעסערע פראַגע — פאַר וועמען זאָלן שאַפן די יידישע קינסטלער — אויב זיי שאַפן באמת — פאר דעם יידן, וואָס האָט אַ „מאי-קא-משמע-לן"-באַציונג צו קונסט, אָדער פאַר דער ברייטער וועלט, וואס איז מיט איר פאַרוואַקסן פון דורות און דורות?

פראַגע אויף פראַגע, איין קלאָץ-קשיא נאָך דער צווייטער, און אלע סומירן זיך אין איינער, דער פונדאַמענטאַלער:

אַ ליגע איז שוין דאָ — וואס פאַר אַ קולטור וועט מען פאַר איר שאַפן?

דער נייער אנטיסעמיטיזם.

ער איז אַ נייער. נייע פֿאָרמען און אַ נייער אינהאַלט. בלויז דער נאָמען איז דער אייגענער. און דאָס איז די גרעסטע צרה: מיר שטייען פֿאַר אַ פֿראַגע און קאָנען זי נישט פֿאָרמולירן. מיר זעען אַ דערשיינונג — און ווייסן נישט ווי זי אָנצורופֿן.

דער נאָמען שפּילט א גרויסע ראָלע אין סאָציאַלע דערשיינונ־גען. די ערשטע אַרבעט פֿון אדם הראשון — ווען ער האָט זיך גע־וואָלט, געמוזט אָריענטירן אין דער נייער, פֿרישער וועלט — איז גע־ווען: געבן אַ נאָמען צו אַלץ, וואָס איז געווען אַרום אים — ביי־מער און גרעזלעך, חיות און פֿייגל. דאַכט זיך, וואָס איז די נפֿקא מינה, צי דער לייב האָט אַן אַנדער נאָמען, ווי דער לעמפּערט? זיי בייסן און רייסן דאָך ביידע! מען קאָן שטאַרבן פֿון אומבאַקאַנטע כּוחות, פּונקט ווי פֿון באַקאַנטע. אָבער — דער קאַמף איז גרינגער, ווייל אינדיווידועלער. אַנדערש שיצט מען זיך אַקעגן אַ לייב, אַנ־דערש אַקעגן א היענע. צו איינעם דאַרף מען האָבן כּוח און מוט, צו דעם צווייטן — שכל און פֿאָרזיכט. איינעם פֿאַרטרייבט מען מיט שפּיז און שווערד, דעם צווייטן מיט פֿייער.

אונדזער גאַנצע וועלט, די קולטור׳ פֿון דער הייַנטיקער צייט ליידט דערפֿון, וואָס זי האָט נישט קיין אייגענע נעמען פֿאַר פֿראַגן און זאַכן, וואָס באַלאַנגען בלויז צו איר. אַנדערש איז די סאָציאַלע פֿראַ־גע געשטאַנען פֿריער מיט פּופֿציק יאָר, אַנדערש שטייט זי הייַנט. אָבער איצט, ווי דעמאָלט, רעדט מען פֿון אינדיווידואַליזם, ליבעראַליזם, קאָנסערוואַטיזם און סאָציאַליזם, הגם קיין איינציקער פֿון די נעמען פּאַסט נישט פֿאַר דעם אינהאַלט. דער ליבעראַליזם איז אַן אַנדע־רער ווי ער איז געווען אין ענגלאַנד אין גלאַדסטאָנס צייט, אָדער

אין דייטשלאַנד, ווען ריכטער און באַמבערגער האָבן געקעמפט אַקעגן ביסמאַרקן. און דער סאָציאַליזם האָט איצט גאָר אַן אַנדער פּנים, ווי אין די יאָרן ווען בעבעל און זשאָרעס און אַנדרעאַ קאָסטאַ האָבן געקעמפט פאַר דער נייער לערע פון מאַרקס. אַנדערש — ווייל אין דעם משך פון די יאָרן האָט די גאַנצע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט דורכגעמאַכט אַן אַנטוויקלונג, וואָס האָט זי געמאַכט פאַר א גאַנץ אַנדערער, ווי זי איז אַמאָל געווען. אָבער פונדעסטוועגן איז דער נאָמען געבליבן, דער נאָמען און די מעטאָדע. דערפאַר אַזאַ צעריסנקייט און פאַרלווירנקייט פון די גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען. זיי קאָנען זיך פשוט נישט אָריענטירן. זיי האָבן נישט דעם מוט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם אַלטן נאָמען און צופּאַסן די פאָרם צו דער —ווירקלעכקייט.

אַזוי איז אויך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. פרעגט יעדן פריידענקנדיקן, פריי אָריענטירטן מענטשן און ער וועט אייך זאָגן: די קללה פון אונדזער צייט, די גרויסע קללה, וואָס ליגט אויף דער היינטיקער געזעלשאַפט, איז — דער נאַציאָנאַליזם. ווידער אַן אַלטער נאָמען — פאַר אַ נייער זאַך. דער נאַציאָנאַליזם אין פּרינציפּ איז אַלט — ווי די געזעלשאַפט. עס איז דער פּרינציפּ פון דער ענערגיע-דערהאַלטונג. עס איז דער ווילן פון דער גרופּע צו בלייבן, וואָס זי איז, עס איז די מורא פאַר יעדער ענדערונג. איך וואָלט אים אָנגערופן דער נעגאַטיווער נאַציאָנאַליזם. עס איז דער קאַמף נישט אַזוי פ אַ ר ווי ק ע ג ן — אַקעגן דעם צוואַנג, דער אונטערדריקונג און דעם גרעסערן כוח. אַזאַ נאַציאָנאַליזם איז געווען אין דײַטשלאַנד אין נאַפּאָלעאָנס צייט, אין די יאָרן, ווען פיכטעס „רעדעס צו דער דייטשער נאַציע" האָבן געהאַט אַזאַ געוואַלדיקן איינדרוק אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען דער נאַציאָנאַליזם פון די פּאָליאַקן אין דער צייט פון מיצקעוויטש.

איז דאָס דער נייער נאַציאָנאַליזם? דאָס, וואָס מיר רופן היינט אָן נאַציאָנאַליזם — איז נישט מער קיין נעגאַטיווע באַציונג צום אַנדערש ווערן, עס איז אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו זיך אַליין. עס איז אַן איבערשאַצונג פון די אייגענע כוחות, דער ווילן אַרויפצוצווינגען די אייגענע אינדיווידואַליטעט אויף אַנדערע. עס איז -- ווי דער פראַנצויזישער סאָציאָלאָג סעיער רופט עס אָן — דער נאַציאָנאַלער אימפּעריאַליזם. און ווידעראַמאָל — דער אומגליק איז, וואָס די פעל־

קער אַליין, די דעמאָקראַטישע עלעמענטן צווישן זיי, פאַרשטייען נישט
דעם חילוק. זיי מיינען אַלץ נאָך, אז זיי קעמפן פאַר דעם אַלטן
זעלבסטדערהאלטונגס=נאַציאָנאַליזם. דער נאָמען פאַרפירט זיי. מען
האָט נישט אויסגעפונען די קראַנקהייט — קאָן מען אויך נישט גע-
פינען דעם מיטל אַקעגן איר. „השם גורם" — בייט דעם נאָמען און
איר בייט די זאַך, ווייל דאָס אַריינטראַכטן, דאָס אנאַליזירן פון אַלע
נייע אומשטענדן איז אַליין שוין דער וועג צו אַ נייעם לאָזונג.

„אומשטענדן" — דאָס זענען דאָך די טויזנטערליי זאַכן און באַ=
דינגונגען, וואָס „שטייען אַרום". זיי זענען ווי קריסטאַלענע גלעזער,
פאַסעטן, וואָס שטראַלן אין זיך אָפּ דעם אָביעקט. ער הענגט אָפּ
פון זיי — נישט ווייניקער ווי זיי פון אים. מיר אָבער גיבן ווייניק
אַכטונג אויף די אומשטענדן — און פאַרפעלן דערפאַר דעם תוך
אַליין.

איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען פון אונדזער צייט—
איז דער אַנטיסעמיטיזם, און איינע פון די בעסטע אילוסטראַציעס
פאַר דעם געדאַנק, וואָס איך האָב פריער אָנגעדייט. עס איז נישט
קיין ספק — דער אנטיסעמיטיזם ווערט שטאַרקער. עס איז אויפגע־
שטאַנען אַ נייער אנטיסעמיטיזם — אין אַ וועלט פון פרייהייט און
דעמאָקראַטיע, אין אַ וועלט, וואָס האָט אָפּגעשאָקלט פון זיך די אַלטע
דאָגמען, אין אַ נייער אָרדענונג. וואָס דעמאָקראַטישער אַ לאַנד —
ווערט דער אנטיסעמיטיזם שטאַרקער. און דאָרט, ווו די דעמאָקראַטיע
הייבט אָן צו וואקסן — וואַקסט דער אנטיסעמיטיזם מיט. דייטשלאַנד.
קיינמאָל איז דער אנטיסעמיטיזם נישט געווען אזוי שטאַרק דאָרט —
ווי איצט, ווען דייטשלאַנד איז איינע פון די פרייסטע רעפּובליקן אין
דער וועלט. אונגאַרן האָט כמעט נישט געוווסט פון אנטיסעמיטיזם,
ווען זי איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווע מאָנאַרכיע; זי איז דער נעסט
פון דעם ביטערסטן יידן-האַס, ווען זי איז, ווילנדיק־נישט ווילנדיק, אַ
רעפּובליק מיט אַ גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגע־
צייג פון דעמאָקראַטיע. ענגלאַנד וואָלט זיך פריער געשעמט צו רעדן
פון אַנטיסעמיטיזם, אָבער גראָד אין אונדזערע טעג, ווען לאָיד
דזשאָרדזש פירט דעם ראָד, ווען די לייבאָר־פּאַרטיי שטייט אויפן
שוועל צו דער מאַכט, ווען גאַנץ ענגלאַנד ווערט אַ וועלט־אומשפּאַ=
נענדיקע דעמאָקראַטיע — היינט רעדט מען דאָרט וועגן אנטיסעמי־

מיטיזם גאַנץ אָפֿן. ער איז געוואָרן א סאָלאָנפֿעיקע טעמע. דער
יידן־האס וואַקסט — און מען רעכנט זיך שוין דאָרט מיט דער ביי=
ער שטימונג. דאָס אייגענע אין אַמעריקע. דאָ פֿילט מען עס נאָכ=
מער, נאָך שאַרפֿער, טאַקע ווייל די דעמאָקראַטיע איז דא פֿאַרענדיק-
טער, ווי ווו נישט איז. אָבער דער בעסטער — דער טרויעריקסטער —
ביישפּיל — איז איטאַליע.

ווען מען וואָלט געזאָגט אַן איטאַליענער פֿון דעם אַלטן דור,
פֿון דעם קאַוור=מאַדזיני=גאַריבאַלדי=דור, אַז עס איז מעגלעך אין אי-
טאַליע אַן אַנטיסעמיטישע שטרעמונג אָדער באַוועגונג, וואָלט ער
אפשר ארויסגערופֿן אויף אַ דועל פֿאַר דער באַליידיקונג. איטאַליע
איז געווען דאָס ברייטהאַרציקסטע, דאָס טאָלעראַנטסטע לאַנד פֿון דער
וועלט. קיינער האָט נישט געפֿרעגט נאָך אָפּשטאַמונג אָדער רעליגיע.
קריספּי, דער גרויסער איטאַליענישער שטאַטסמאַן, איז געווען אַן אַל-
באַניער, און קיינער האָט נישט געשטעלט אין פֿראַגע זיין איטאַליע-
נערטום. דער מאַרטירער פֿאַר דער איטאַליענישער פֿרייהייט, וויל=
העלם אָבערדאַן, ווען די עסטרייכער האָבן געשאָסן פֿאַר זיין אי=
רעדענטיזם, איז געווען, ווי דער נאָמען אַליין זאָגט, א דייטש. דניאל
מאנין, דער באַפֿרייער פֿון ווענעציע, איז געווען א ייד. איטאליע האָט
נישט געפֿרעגט קיין שורש- און קיין אָפּשטאַמונגס־צייגניש. די יידן
אין איטאליע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע — אויף אַלע געביטן,
און הויפּטזעכלעך אויף דעם פּאָליטישן. לוצאַטי, סאָנינאַ, נאַטאַן,
טרעוועס, מאָדיליאַני, אַרטאָם — אַ גאַנצע גאלעריע פֿון פֿירנדיקע,
באַרימטע נעמען פֿון דער איטאַליענישער געשיכטע, מענטשן, וואָס
האָבן געפֿירט דאָס לאַנד. און איצט, נאָך דער מלחמה, נאָכדעם ווי
איטאַליע איז געוואָרן גרעסער, נאָך דעמאָקראַטישער, נאָך פֿרייער,
איצט הייבט זיך אָן אויך דאָרט אַן אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. פּרע-
ציאָזי, דער איטאליענישער עקס־גלח, אַ פּובליציסט מיט אַן איינפֿלוס,
פֿירט אָפֿן אַן אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע. און די פֿאַשיסטן זענען נוטה
אָנצונעמען זיין שיטה.

פֿונוואַנען קומט עס? וואָס איז פֿאָרט די לעצטע סיבה פֿון דער=
דאָזיקער אוניווערסאַלער באַוועגונג? עפּעס מוז דאָך זיין אַ טעם אין
דעם אַלעמען! און ווו איז דער טעם?

געוויס, האַס, ווי ליבע זענען אומלאָגיש, מען קאָן זיי נישט באַ-
ווייזן. אָבער דער האַס — ווי די ליבע — מוז אויך האָבן ערגעץ־

ווי א גרונט. דעם גרונט פון דעם אַלטן אַנטיסעמיטיזם האָבן מיר געוווּסט: רעליגיע. אונטער אַלע פאָרמען און פאַרקליידונגען — די אייגענע דערקלערונג. די קירך האָט געקעמפט פאַר איר אויסשליסלעכער מאַכט. זי האָט געהאַסט יעדן, וואָס איז איר געשטאַנען אין ווע... און די יידן — אַלס אייביקער פּראָטעסט אקעגן דער קירך — זענען איר געווען ווי א דאָרן אין אויג. די קירך האָט פיינט געהאַט די יידן נישט אזויפיל פאר זייער „ניין", פאַר זייער לייקענונג פון דעם קריסטנטום, ווי פאַר זייער אייגענעם „יאָ" — פאר זייער „ניין", פאַר זייער פאָזיטיווער לעבנס־ און וועלט=אויפפאַסונג, וואָס זיי האָבן אַנטקעגנגעשטעלט דעם קריסטנטום. דער אנטיסעמיטיזם האָט דערפאר געהאַט דעם כאַראקטער פון — אויסשליסן, נישט צולאָזן, פאראכטן. דער ייד מוז אויסגעשלאָסן ווערן, נישט אריינגעלאָזט ווערן אין דער געזעלשאַפט — דאָס איז געווען זייער טאַקטיק. און ווייל ער איז געווען אן אויסגעשלאָסענער און אַ שוואַכער — האָט מען אים פאַראכט. עס איז געווען אן אנטיסעמיטיזם פון פאַראכטונג.

די קירכלעכע מאַכט איז געבראָכן. די אויסשליסונגס- און אויסנאַמס=געזעץ-פּאָליטיק איז אוממעגלעך. דער בוכשטאַב, דער גייסט פון דער דעמאָקראטיע דערלאָזט עס נישט. קיין שום לאַנד, קיין שום פאָלק קאָן נישט דערלויבן זיך אָנצונעמען געזעצן אקעגן יידן, וואָס זאָלן אַרויסוואַרפן זיי פון דער געזעלשאַפט. נישט צוליב יידנליבע — נאָר פון מורא פאר די אייגענע פרייהייטן. מען האָט עס געפּרוווט אין אונגאַרן — און מען מוז שוין דאָרט אויך גיין אויף צוריק.

די געזעלשאַפט איז אן אנדערע, און אויך די שטעלונג פון די יידן אין איר האָט זיך ראדיקאַל געענדערט. די יידן זענען אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער געזעלשאַפט, אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט איר, אַזוי פאַרוואָרצלט אין איר, אז מען קאָן גאָרנישט צערייסן דעם באנד מיט זיי, סיידן מען צעשניידט די וויכטיקסטע אַרטעריעס פון דעם סאָציאַלן לעבן. די יידן זענען געוואָרן אַ מאכט, אַ וועלט-מאַכט. שפּעט — אָבער פאָרט, אומגעריכט פאר זיך אַליין און פאר אַנדערע, געוואַקסן אין צאָל, אין באדייטונג, אין גייסטיקער און מאַטעריעלער קראַפט. זיי זענען געוואָרן אַ פאַקטאָר אין דער פּאָליטיק — ווייל זיי זענען די איינציקע אָביעקטיווע, אומפּאַרטייאישע, די איינציקע גרופּע, וואָס איז פאראינטערעסירט אין דעם גאַנצן — נישט בלויז אין דעם חלק.

דער היינטיקער אַנטיסעמיטיזם איז דערפאַר גרונט־פאַרשידן פון דעם פריערדיקן, פאַרשידן אין זיינע מאָטיוון און אין זיינע פאָדערונגען.

נעמט דעם טיפישסטן, מאָדערנסטן אַנטיסעמיט: הילער בעלאָק. וואָס וויל ער? ער ווייסט אַליין נישט. אַ נייע געטאָ? ניין — ער ווייס, עס איז אוממעגלעך, עס איז אַ גרויסע סכנה. געזעצן אַקעגן יידן? ווי קאָן מען דאָס! דאָס הייסט דאָך צעשטערן די גרונט־יסודות פון דעם היינטיקן לעבן! נישט צולאָזן יידן צו שטאַטס־פונקציעס? אויך דאָס איז נישט דורכפירבאַר. דער ייד צאָלט שטייערן, איז דערפאַר אַ וועלער, קאָן אויך געוועלט ווערן. און וואָס טוט מען, ווען לאָרד רעדינג איז פאָרט איינער פון די פעיקסטע אַדמיניסטראַטאָרן פון דער צייט?

וואָס דען? בעלאָק דרייט זיך ממש ווי אַ וואָרעם — ער האָט נישט קיין וועגן, ער האָט נישט קיין מיטלען. ער טרייסט זיך: אויב מען קאָן שוין גאָרנישט טאָן -- לאָמיר כאָטש רעדן, לאָמיר כאָטש פיינט האָבן. פונקט ווי איינער מיינער אַ פריינט, אַ באַקאַנטער וויצ־ליגג, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, ווען מיר האָבן גערעדט איבער אַ גע־וויסן שריפטשטעלער, וואָס איז אים נישט געווען זייער סימפּאַטיש: „ווען איך וואָלט פאַרדינט אַ מיליאָן, וואָלט איך זיך צוריקגעצויגן פון אַלע געשעפטן, זיך אויסגעבויט אַ שיינעם פּאַלאַץ ביים ים און וואָלט דאָרט געזעסן און גאַנצע טעג — פיינט געהאַט דעמדאָזיקן שריפט־שטעלער”. עס איז אויך אַ מין פאַרגעניגן!

איך קוק זיך איין צו דעם וואַקסן פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע — און זע דעם אייגענעם חלום פונם פּאַלאַץ און דעם פיינט־האָבן. די אַמעריקאַנער האָבן פריער נישט געהאַט קיין שום באַציונג צום יידן, ער איז פאַר זיי געווען אַ „קאָנטיטע נעגליזשאַבל”! אויך מיר מענטשן! פעדלערס, שניידערס, ערגעץ דאָרט אין דער איסט־סייד־געטאָ, אַלטע קליידער־הענדלער! זיי זענען אָרעמע, אומ־גליקלעכע מענטשן. אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד — לאָזן זיי זיך לעבן, וועמען אַרט עס?

אָבער נישט נאָר זענען די פעדלערס און שניידערס אַרויסגע־קראָכן פון זייערע לעכער, אַרויס אין דער פרייער וועלט, זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט — זיי זענען געוואָרן שטאַרק, מען קאָן זיי שוין

נישט מער איגנאָרירן. און דער אַמעריקאַנער האָט פּלוצים דערזען פאַר זיך אַ יידנפראַגע. פאַרוואָס? נישט בלויז פון רעליגיעזע מאָטיוון, אפילו נישט פון סאָציאַל-עקאָנאָמישע, נאָר פון פסיכאָלאָגישע. דער ייד איז אַרויסגעשוואומען גראָד אין דער צייט, ווען דער פרי:ער רייך-נעגאטיווער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליזם — דער נאַציאָנאַליזם פון דער מאָנראָ-דאָקטרין: לאָזט מיר צופרידן, איך קער זיך מיט קיינעם נישט אָן — האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ נאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם. דער אַמעריקאַנער וויל זיך נישט בלויז אָפּגרענעצן קעגן אַנדערע — ער וויל אונטערוואַרפן אַנדערע צו זיך. ער וויל — אַמעריקאַניזירן די וועלט. און דאָ טרעט אים אַנטקעגן אַ גרופּע, וואָס האָט איר אייגענע, פעסטע, — איך וואָלט כמעט געזאָגט — פאַרקאַלכטע סאָציאַלע טענדענצן און אידעען.

אַ קולטור האָט זיך באַגעגנט מיט אַן אַנדערער. דער דייטש ווע:־ט אַמעריקאַניזירט און פאַרשווינדט. מען קען אים נישט מער דערקענען. עס בלייבט פון אים גאָרנישט איבער. דער ייד, אַפילו אַמעריקאַניזירט, בלייבט ער אַליין, מיט אַן אייגענעם טאָן. און דער טאָן דערהערט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

און דער אַמעריקאַנער הייבט אָן — זיך אָפּזונדערן און „פּיינט האָבן”, ער קאָן גאָרנישט טאָן. ער וואָלט אפשר געוואָלט, אָבער עס איז נישט מעגלעך. ער ווייסט עס. און עס בלייבט אים נישט קיין אַנדער ברירה -- אָדער אָנערקענען דעם טאָן אַלס גלייכבארעכטיקט, אַלס סאָציאַל־מעגלעך, אָדער זיך פאַרשטאָפּן די אויערן און זיך אָפּזונדערן.

דאָס איז אַ גאַנץ נייער מין אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט מיט דעם אַמאָליקן, פּרימיטיוון, קריסטלעכן. ביי פאַר דער קריסטלעכער וועלט, ביי פאַר אונדז. א נייע קראַנקהייט דאַרף אויך האָבן א נייע הייל-מעטאָדע. איז פריער געווען די מעטאָדע: אַסימילאַציע, ד. ה. זיך באַהאַלטן, פאַרשווינדן, נאָכגעבן, — איז די היינטיקע מעטאָדע: אָפענע צושטימונג צום פאַקט. יאָ, מיר האָבן אַן אייגענע אינדיווידואַליטעט, יאָ, מיר באַזיצן אַן אייגענעם טאָן — מיר האָבן אונדזער באַרעכטיקטן פּלאַץ אין דער וועלט, מיר זענען אויף א געשיכטלעך-געשאפענעם פּאָסטן, און קאָנען און ווילן נישט אַוועקגיין פון אים. אַקעגן דעם נייעם נאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם שטעלן

מיר אונדזער סאָציאַלן אידעאַל. לאָז מען דאָס אָנרופן — אינטערנאַציאָנאַליזם אָדער ווי אַזוי מען וויל, — עס איז נישט קיין נפקא מינה — מיר רופן עס אָן: אָביעקטיווע באַציונג צו דער וועלט, מיר רופן אָן — די גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט. עס איז נישט אונדזער שולד, וואָס מיר זענען דאָס ציגעלע אויף דעם בוזמען פון דער געזעלשאַפט, אָבער מיר זענען עס און מוזן היטן די וואָג פון דער געשיכטע.

מיט אַזאַ נייער באַציונג צו דעם נייעם אַנטיסעמיטיזם האָבן מיר נישט וואָס צו שרעקן זיך פאַר אים. מיר מוזן בלויז אַליין ווערן שטאַרקער, אויסבילדן אונדזער אייגענע פערזענלעכקייט צו דער העכסטער מדרגה — נישט האַס אַקעגן האַס, נישט „פיינט" אַקעגן „פיינט", נאָר אַרבעט און זעלבסטזיכערקייט אַקעגן דער צעשוומענער און סענטימענטאַלער שטימונג פון די אַנדערע. שכל אַקעגן געפיל — דאָס איז אונדזער ראָלע. און צווינגט מען אונדז זי ווייטער צו פירן — אויך גוט!

„זיגוראַט" און „סקייסקרייפּער".

איך ווייס נישט, ווי די העבּרעישע פּוריסטן אין פּאַלעסטינע רופן אָן דעם נייעם „סקייסקרייפּער", דעם צען=שטאָקיקן געבּוי, וואָס גייט איצט געבּויט ווערן — אָדער איז שוין געבּויט געוואָרן — אין ירושלים. איך בין זיך משער, אַז דאָס דאַרף זיין „מגרד=שחקים": „גרד" — קראַצן און „שחקים" — הימל.

אפשר איז מיין פילאָלאָגיע אַ שוואַכע, אָבּער די כּוונה איז זיכער אַ גוטע. איך וויל פון מיין זייט צולייגן אַ ציגל צו דעם נייעם געבּוי, אָדער אויב נישט קיין ציגל, לכל הפּחות, אַ נאָמען אויף דעם ציגל. א נייעם? אייגנטלעך איז דאָס גאָרנישט אַזוי ניי. דעם אַלטן מזרח קאָן מען מיט גאָרנישט איבּערראַשן; אַלצדינג איז שוין געווען דאָרט; אַלצדינג האָבּן זיי שוין דאָרט אויספּרובּירט, אַלע פאָרמען פון לעבּן, פון גלויבּן, פון דענקען, בּיז זיי זענען געקומען צו דעם שלוס: עס איז נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון. און אויב עס איז דאָ — וואָלט עס נישט באַדאַרפט זיין.

עס איז אַ וווּנדערבּאַר געפיל, אַט דאָס נישט נתפּעל ווערן פאַר „נייס", פאַר נייע פאַקטן, פאַר נייע דערפינדונגען. אמת, עס פירט אַמאָל צו בּטלנות, ווי צום ביישפּיל, די יידן, וואָס זוכן אויף אַלצדינג אין דער וועלט א ראיה אין דער תּורה, וואָס געפינען יעדע נייע דערפינדונג אָדער טעאָריע — שוין אין תּלמוד. זיי געפינען אין דער גמרא אי ראַדיאָ, אי די טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט און אפילו דראָט=לאָזע טעלעגראַפיע. און איר ווייסט דאָך דעם באַווייז: מען האָט געגראָבּן אין ארץ-ישראל און געגראָבּן און מען האָט נישט געפונען קיין טעלעגראַפן=דראָט; איז דאָס א סימן, אַז זיי האָבּן שוין דעמאָלט געוווּסט פון דראָטלאָזער טעלעגראַפיע. און ווען מען קאָן שוין גאָרנישט געפי-

נען קיין ראיה. טויג עס טאַקי נישט; ווי ביי די טערקן פאַר דער רעוואָלוציע: זיי האָבן פאַרבאָטן עלעקטריציטעט, ווייל דער קאָראַן דערמאָנט איר נישט.

אָבער, מיט אַ ביסל פאַרזיכט און טאַקט קאָן מען זיך אויסהיטן פון בטלנות — און דעמאָלט געווינט מען אַ העכערע, א קילערע, אַ קריטישערע באַציונג צו דער וועלט. מען ווערט נישט נתפעל.

איך בין זיכער, אַז דער אמתער ייִד, דער ייִד פון דעם אַלטן מין, איז געוואָרן זייער ווייניק איבערראַשט, ווען ער האָט דערהערט, אַז מען גייט בויען אין ירושלים א „סקייסקרייפער", אַ „מגרד־שחקים", אַ צען=שטאָקיק הויז, פופצן, צוואַנציק, עטלעכע און פערציק, אַ „וואָל=האָרטה" בילדינג, אַן אייפל־טורעם, נו, איז וואָס? וואָס קומט עמעצן אַרויס דערפון און ווער דאַרף עס? און הען די אַמעריקאַנער ייִדן, די אונטערנעמער פון דעם בנין — און עס זענען זיכער אַמעריקאַנער, אַנדערע וואָלט עס גאָרנישט איינגעפאלן, אַנדערע וואָלטן געהאַט מער דרך־ארץ פאַר דעם סטיל און דעם טאָן פון ירושלים, — ווען די אַמעריקאַנער ייִדן צעפלאַקערן זיך און ווייזן מיט שטאָלץ און זעלבס-צופרידנקייט: איר זעט, וואס מ י ר טוען פאר אייך? איר זעט, וואָס אַמעריקע ברענגט אריין קיין ארץ־ישראל? מיר גייען דאָך מאַכן פון ירושלים אַ צווייטע ניו־יאָרק! — ענטפערט דער אַלטפרענקישער ייִד: ווער בעט אייך?

און ער דערמאָנט זיי אָן אַן אַלטער, גאָר אַלטער מעשה: „און די גאַנצע ערד איז געווען איין שפראַך און די אייגענע ווערטער. און ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון דעם מזרח, האָבן זיי געפונען אַ טאָל אין דעם לאַנד שנער, און האָבן זיך דאָרט באַזעצט. און זיי האָבן געזאָגט איינער צום צווייטן: לאָמיר בויען פאר אונדז אַ שטאָט און אַ טורעם, וואָס זאָל דערגרייכן מיט זיין שפּיץ ביז צום הימל, און מיר וועלן זיך מאַכן אַ נאָמען און צעשפּרייט וועלן איבער דער ערד".

און זיי האָבן געבויט. און אין אור=כשדים האָט דער קעניג אור־ענגיר אויפגעבויט טורעם נאָך טורעם, שטאָק נאָך שטאָק — און האָט זיי אָנגערופן זיגוראטס, שטאָקיקע טורעמס. און ווען אברהם איז נאָך געווען אַ ייִנגל אין דעם הויז פון זיין פאָטער תרח און האָט זיך געשפּילט אויף די גאַסן פון אור=כשדים, האָט ער געפּרווט קלעטערן אויף די הויכע טורעמס, און ווען בבל האָט געהאַלטן ביים אונטער=

גאַנג, האָט דער לעצטער קעניג פון בבל, נאַבאָנידעס, ווייטער געבויט טורעמס, איבערגעבויט די זיגוראַטס און אויסגעקריצט אויף די ציגל אַ תפילה פאַר זיין זון בלשצאר, דעם אייגענעם בלשצאר, וואס איז געוואָרן פאַראייביקט אין דעם בוך דניאל.

בלשצאר האָט דערזען די צייכנס אויף דער וואַנט. בלשצאר איז געפאַלן, בבל איז חרוב געוואָרן און פון די זיגוראַטס זענען געבליבן בלויז ווענט און ציגל. הויכקייט איז בלויז אַן אָנהייב. דער סוף איז תמיד — אויף דער ערד, ביי דער ערד

* * *

אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט ה. ג. וועלס — אין זיין פרעטענציעזער וועלט־געשיכטע — געמאַכט חוזק פון די אַלטע יידן און זייער „גרויסקייט". וואָס איז דען געווען זייער בית־המקדש? — האָט ער געפרעגט — און באַמערקט דערביי, אַז דאָס איז געווען אַ גאַנץ קליינער בנין, אַ געבוי, וואָס וואָלט היינט נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק.

מען דאַרף טאַקע זיין אַזאַ אויבנאויפיקער, פלאַכער מענטש, ווי וועלס, כדי צו דערגיין צו אַזאַ געדאַנק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם גרונט־פּרינציפּ פון דעם יידישן לעבן, דעם סוד פון דער יידישער גרויסקייט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז טאַקע ווייל דער בית־המקדש איז געווען גאָרנישט אַזוי אימפּאָנירנדיק, גאָרנישט אַזוי הויך, נידעריקער ווי די זיגוראַטס אָדער ווי דער טעמפּעל ע־נאַנאַר, דער טעמפּעל פון דער לבנה־געטין סין — איז ער געוואָרן אַזוי גרויס און מעכטיק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז הויכקייט מאַכט קליין, און קליינקייט מאַכט גרויס. די מענטשלעכע פאַנטאַזיע מוז זיך אויסלעבן אַזוי, אָדער אַזוי. זי זוכט גרויסקייט, ברייטקייט און וווּנדער. זי גאַרט נאָך דעם אויסערגעוויינלעכן. געפינט זי זיי ארום זיך, זעטיקט זי זיך אָן און ווערט אַנטשלאָפן. זענען די טויערן פון דעם אויג פאַר איר פאַרשלאָסן, שאַפט זי זיך אַן אייגענע, אַן אינערע וועלט. און דעמאָלט קומט ערשט די שפע, די הויכקייט. אין דער וועלט פון ווירקלעכקייטן איז דער מענטש באַשרענקט; אין די חלומות און פאָרשטעלונגען — איז ער האַר און מייסטער. דאָרט שאַפט ער.

עס איז דאָך איינע פון די אינטערעסאַנטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע, אַז דווקא די פעלקער, וואָס זענען פאַרזאָרגט מיט דער

גרויסאַרטיקער נאַטור, זענען זייער ווייניק געבענטשט מיט פאַנטאַזיע און טאַלאַנט. דאָס גרויסאַרטיקסטע לאַנד אין אייראָפּע איז, אָן שום ספק, די שווייץ. און וואָס האָבן די שווייצער אויסגעטאָן? די פראַנצויזן אָדער די דייטשן האָבן אַ זייער באַשיידענע נאַטור — און דערפאַר האָבן זיי געמוזט שאַפן אַן ערזאַץ פאַר איר — אין זיך. אָדער די אַרמעניער און גרוזינער און טשעטשענצעס אין דעם קאַווקאַז? אַ וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע — אָבער אַ שטום פאָלק. און עס האָט באַדאַרפט קומען אַ פּעטערבורגער פּאָעט פּושקין אָדער לערמאָנטאָוו אָדער טאָלסטאָי, כּדי צו שענקען דער וועלט די שיינקייט פון קאַווקאַז.

און דאָס, וואָס די פּאָעטן פון די נאַטור-אָרעמע לענדער האָבן געטאָן מיט דער נאַטור, האָבן די יידן, די אַלטע יידן, געטאָן מיט זייער אָרעמען, קליינעם לאַנד: זיי האָבן אים דערהייבן פון זייןווירקלעכקייט צו אַ פאַנטאַזיע; זיי האָבן אים געמאַכט פאַר דעם „צענטער פון דער ערד".

דאָס האָט וועלס נישט פאַרשטאַנען. און מיר דאַכט זיך, אַז די יידן, וואָס טומלען זיך איצט אַרום פּאַלעסטינע, פאַרשטייען עס אויך נישט. און דער עיקר, די אַמעריקאַנער. שטאָק אויף שטאָק, טורעם אויף טורעם — דאָס איז זייער וועג, און זיי פאַרגעסן, אַז דער סוף פון דעם טורעם-בויען איז געווען: „לאָמיר גיין און צעמישן זייער שפּראַך און זיי וועלן איינער דעם צווייטן נישט פאַרשטיין. און גאָט האָט זיי צעשפּרייט פון דאָרט איבער דער ערד און זיי האָבן אויפגעהערט צו בויען די שטאָט".

נאָך דער זיגוראַט, נאָך דעם מאַכט-ווילן, נאָך דעם אימפּעריאַליסטישן דראַנג — דער דור הפלגה. איך ווייס נישט, צי דאָס איז אַ „געזעץ" פון דער געשיכטע, אָבער אַזוי איז דאָס געווען ביז אַהער.

און מען מוז זיך אָפּשטעלן באַצייטנס. מען מוז אויפהערן צו געברויכן די זיגוראַט-מעטאָדן, אָדער, אויב מען וויל, די ניו-יאָרקער מעטאָדן. מען דאַרף נישט אַריינטראָגן אין דעם יידישן לעבן — ווי עס זאָל נישט זיין — דעם טאָן פון אַמעריקע, דעם אימפּעט פון „ווער-גיך-רייך-וואָלינגפאָרד". דאָס יידנטום איז צו אַלט פאַר אַזאַ אימפּעט. עס איז דאָך נישט בלויז אין פּאַלעסטינע, וואָס מען וויל זיגוראַטירן אָדער „סקייסקרייפּיזירן". דאָס אייגענע איז דאָך אין אַמעריקע אַליין. פון צייט צו צייט „נעמט זיך" דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום צו דער אַרבעט אויפצובויען אַ יידישן סקייסקרייפּער, וואָס זאָל

דערגרייכן ביז צום הימל, זיין, אזוי צו זאָגן, אַ סלופּ פאַר אים. זיי האָבן אַלץ מורא, טאָמער וועט, חלילה, דער הימל איינפאַלן.

און מען זאמלט געלט פאר הימל־סלופּעס. אַמאָל איז דאָס אַ ישיבה פאַר פינף מיליאָן דאָלאַר; אמאָל איז דאָס אַ שול, וואָס זאָל שטיין אויף דעם שענסטן פּלאַץ, און קאָסטן וואָס מער, און אמאָל איז דאָס אַ לאָזונג: גייט אין שול, לויפט דאַווענען, שטיצט דעם הימל. הויך העכער, אַלץ העכער.

און מען פאַרגעסט דערביי, אַז יידן זענען פון אייביקע יאָרן געווען אַ פאָלק פון „קו לקו" — אַ פּאַסעקל נאָך אַ פּאַסעקל, אַ שטרייכל נאָך אַ שטרייכעלע, זאַמלער, געדולדיקע, לאַנגזאַמע, רויקע און שטילע. זיי האָבן זיך געמעגט טומלען, ווי זיי האָבן געוואָלט. אין דרויסן, אויף דער גאַס, אינדערהיים, ביי זיך, אין זייער אייגענער וועלט, זענען זיי געווען רויק, מיט דער רויקייט פון איינעם, וואָס ווייסט, אַז דער הימל שטייט אויף אייזערנע זיילן און קאָן נישט איינפאַלן; אַז די זון האָט שוין אַלעדינג געזען און ווערט פון גאָרנישט נתפּעל, און אַז דאָס, וואָס מוז זיין, וועט זיין, און דאָס, וואָס קאָן נישט זיין — וועט נישט זיין. וואָס שטילער, וואָז באַשיידענער, אַלץ בעסער, וויל טיפער, וויל נענטער צו די וואָרצלען. און בלויז דאָס פאַרוואָרצלטע לעבט.

דאָס גליק און די קראַפט פון דעם יידנטום איז געווען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט בויען אין דער הויך, אפילו נישט אין דער וועלטאַנשויונג. עס האָט זיך אפילו פריינוויליק אָפּגעזאָגט פון יעדער פילאָזאָפיע, פון פילאָזאָפיע מיט הויכע טורעם־שפּיצן, מיט טרעפּ, וואָס פירן ערגעץ אין דער הויך. לאָז זיין אפילו די גאָלדענע טרעפּ פון דער גריכישער פילאָזאָפיע — סוף כל סוף מוזן זיי זיך ערגעץ אָפּשטעלן; ערגעץ־ווו הייבט דאָך אָן דאס נישט צו־דערגרייכנדיקע. וואָס־זשע איז דער חלוק, ווו מען שטעלט זיך אָפּ? צו וואָס די גאַנצע פילגאָרנדיקייט? אין דער טיף מוז מען בויען. דאָרט קאָן מען, צום ווייניקסטנס, זיך אָנשטויסן אַמאָל אויף אַן אוצר.

די אַלטע יידן זענען געגאַנגען דעם וועג פון דער טיף — מיר גייען אַן אנדער וועג, צו דער הויך, פון דער הויך.

איז דאָס נישט אמת אַ קוריאָזע דערשיינונג, אַז אין פּאַלעסטינע בויט מען אַ סקייסקרייפּער, און מען פאַרגעסט אָן דעם פּשוטסטן, דעם נויטווענדיקסטן, וואָס אַ לאַנד דאַרף האָבן — וואַסער? ירושלים איז דורשטיק און האָט נישט מיט וואָס צו שטילן דעם דורשט. מען

דאַרף בויען רעזערוואַרן, אָבער מען בויט וואָלקנקראַצערס. פּאַלעסטי־נע דאַרף האָבן אַ האַפן, אָבער די יידן טראַכטן גאָרנישט וועגן דעם, און אויב אַפילו זיי טראַכטן, טוען זיי גאָרנישט דערצו.

דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום האַלט אויך אָט־אָט ביים פאַרשמאַכטן. נאָך אַ ביסעלע, נאָך עטלעכע יאָר און צווישן דעם יידנטום פון אַמע־ריקע און דעם יידנטום פון דער איבעריקער וועלט וועט שטיין אַ וואַנט, אַן אייזערנע מחיצה. דער קאָנטאַקט צווישן דער יידישער קול־טור און דעם אַמעריקאַנער יידנטום ווערט פאַרלוירן. עס ווערט פאַר־געסן די שפּראַך, עס ווערט אָפּגעריסן דער יונגער צווייג פון דעם אַלטן שטאַם. דאָס נאַטירלעכסטע וואָלט געווען — נישט לאָזן דעם קוואַל פאַרשטאָפּט ווערן, אויפהאַלטן די שפּראַך, קולטיווירן זי, דערציען דעם יונגען דור אַזוי, אַז ער זאָל פאַרשטיין די שפּראַך פון זיינע על־טערן, רעספּעקטירן זי, קענען איר ליטעראַטור, פאָרטזעצן זי, ווייטער אַנטוויקלען דאָס, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגעבויט פאַר די לעצטע דורות. און, ממילא, איז דער פאָדים נישט אָפּגעריסן, האַלט דאָס גאַנצע געוועב צוזאַמען. איז דער נייער אַמעריקאַנער ייד נישט פרעמד צו דעם יידישן לעבן, דער יידישער שפּראַך, דער יידישער אייגנאַרט — וועט אויך זיין יידישקייט האָבן אַ חן און אַ טעם און אַן אינטימיטעט.

דאָס וואָלט געווען דער וועג פון דער טיף. אָבער די זיגוראַטי־זירנדיקע יידן פון אַמעריקע האָבן נישט קיין צייט, קיין געדולד און אויך נישט גענוג ערנסט פאַר אַזאַ וועג. זיי ווילן בויען אין דער הויך אַלצדינג, וואָס שיינט, וואָס גלאַנצט, וואָס לאָזט זיך זען פאַר דער וועלט, גאָלדענע טרעפּ — אָבער אין דער לופט. און עס בלייבט אַ וואָלקן־יידנטום אָן אַ פונדאַמענט.

איך קאָן זיך נישט העלפן: איך זע די צייכנס אויף דער וואַנט: „מנא מנא, תקל ופרסין”, און מער פון אַלע, דייטלעכער פון אַלע, פייערדיקער פון אַלע איז דער „תקל”. „ער האָט זיך געוואויגן אויף אַ וואָגשאָל און געפונען, אַז עס פעלט אין וואָג”.

גרינגוואָגיקייט איז אָפט אַ מעלה. אַ פעדער האַלט זיך אויף דעם וואַסער, נישט אַ שטיין. און עס קאָן זיין, אַז וואָס דאָס יידנטום וועט ווערן גרינגוואָגיקער, וועט עס זיך לייכטער האַלטן אויף דעם וואַסער. עס איז מעגלעך, אַז דאָס איז אויך אַ מין „מימיקרי”, אַ פּראָצעס פון זיך צופּאַסן צו דער סביבה. אָבער עס קומט אַ מאָמענט, ווען דאָס

ליגן אויף דעם וואסער — גלאט אזוי, ליגן צוליב ליגן, שווימען לשמה האָט נישט קיין ווערט און נישט קיין זין.

עס איז אפשר גאנץ בעקוועם צו זיין א פעדער: זי ווערט נישט דערטרונקען. אָבער דאָס יידנטום האָט געהאַט אן אנדער אמביציע — עס האָט געוואָלט דאָס שווערסטע, נישט דאָס גרינגסטע; דאָס טיפסטע, נישט דאָס אויבנאויפיקסטע. און דאָס יידנטום האָט פון תמיד אָן פארלאנגט קאַטעגאָריש: פ ו ל ג ע וו י כ ט.

ברויט מיט ברויט.

I

די איסט סייד מעג זיין שטאָלץ ביי זיך. זי האָט גובר געווען. זי האָט אַסימילירט די „וועסט=סייד", זי האָט איינגענומען די ציטאַדעל פון די „יאהודים". און, ווי תמיד, אויף דעם אַלט=יידישן שטייגער: נישט מיט שטאַרקייט, נאָר מיט גייסט, מיט דעם גייסט פון דער איסט סייד.

מיט עטלעכע יאָר צוריק ערשט, ווי האָבן „זיי", ד. ה. די הערן פון „אַפּ-טאַון", די אַמעריקאַניזירטע, די דאָלאַריזירטע פילאַנטראָפּן, זיך באַצויגן צו דער איסט סייד? זיי האָבן זי איגנאָרירט. זיי האָבן גע־קוקט אויף איר פון אויבן אַראָפּ. און אפשר נישט אָן אַ באַרעכטי־קונג. דאָרט, צווישן די דייטשע יידן, איז געווען סיסטעם און פּלאַן און ציל־באַוווסטזיניקייט און „עפישענסי". דאָ, אויף דער איסט סייד, צווישן די נאָך נישט־אַרויפגעקומענע, איז געווען בטלנות. די איסט סייד האָט געהאַלטן אין איין רעדן און רעדן און אַרויסוואַרפן לאָזונ־גען. און אַ גרויסער טייל פון דידאָזיקע לאָזונגען איז געווען נישט זייער פאַרשידן פון דעם לאָזונג פון פעדקאַ קניש אין איינער פון אַרקאַדי אַווערטשענקאָס פּראַכטפולע הומאָרעסקן: מיין לאָזונג איז: „אַלצדינג פאַר אַלע!" „אוסיאַ אוסיעם!"

חלומות, פראַזן, פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַנטאַזיעס, און דער עיקר — ווערטער אָן אַ שיעור און מליצה אָן אַ ברעג. און די „דייטשע" יידן האָבן געשמייכלט איבער דער מליצה-נאַיוויטעט פון די איסט סיידער כלל־טוער און האָבן אָפּט אַרויסגעוויזן זייער אומגע־דולט.

אָבער דעם כּוח פון דער יידישער מליצה איז גאָרנישט אָפּ־צושאַצן. ער איז שטאַרקער פון יעדן סיסטעם, פון יעדער „עפּישענסי". יידן דערגרייכן נישט תּמיד דאָס, וואָס זיי ווילן, מיט זייערע רייד, אָבער זיי דערגרייכן אָפט, אַז דער אַנדערער זאָל אָנהייבן צו דענקען יידישלעך.

מיט אַ יאָר זעקס צוריק בין איך געווען אין מינסק, אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי די דייטשע אָקופּאַציע האָט זיך געענדיקט. „נו, ווי האָט זיך עפּעס געלעבט מיט די דייטשן?" האָב איך געפרעגט אַ מינסקער יידן. „זייער שלעכט. זיי האָבן אונדז אַרויסגעזויגן די עצמות מיט זייער סיסטעמאַטישקייט און פּינקטלעכקייט און דיסצי־פּלין. אָבער מיר האָבן זיך אָן זיי נוקם געווען". „וויאַזוי?" „פּשוט: מיר האָבן זיי אויסגעלערנט צו לעבן יידישלעך — און זייער גאַנצער סיסטעם איז אַוועק מיטן רויך".

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט אונדזערע „דייטשע" יידן אין אַמעריקע: די איסט סייד האָט זיך „נוקם" געווען אָן זיי פאַר זייער לאַנגער הערשאַפט און זיי אויסגעלערנט מליצה, דרשות און אומסיסטעמאַטיש „לויז" דענקען. וואָלט, למשל, מעגלעך געווען אין די פריערדיקע יאָרן, ווען די „יאַהודים" זענען נאָך געווען אין זייער גלאַנץ, אַזאַ מין מערקווירדיקער וועג פון יידישער קאָנסטרוקטיווער פּאָליטיק, ווי די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט אים איצט באַ־טראָטן?

וואָלט עס מעגלעך געווען אין די פריערדיקע יאָרן, אַז אַ גרופּע פון פאַראַנטוואָרטלעכע, געניטע געשעפטסמענער, באַנקירן, אַדוואָקאַטן, אַלץ מענטשן, וואָס האָבן וועייניק צו טאָן מיט מליצה און שטעקן ראשם ורובם אין ציפערן, אין פאַקטן, אין רעאַליטעטן, אַז דידאָ־זיקע „מעטער־אָוו־פּעקט"־מענטשן זאָלן זיך מיטאַמאָל אַריינלאָזן אין גאַנץ פאַנטאַסטישע פּלענער, אין אַ פּאָליטיק פון מליצה?

עס האָט זיך אָנגעהייבן מיט א מליצה פון „ניין". נאָך אַ פּאָר יאָר אַרבעט אין רוסלאַנד, אין מזרח־אייראָפּע בכלל, — אַן אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן שלעכט, אָן נוצן פאַר דעם יידנטום, אָבער מיט א סיסטעם פון אַלטמאָדישער פילאַנטראָפּיע, — האָט דער דזשאָינט אַרויסגעלאָזט אַ לאָזונג: „מען קאָן נישט, מען דאַרף נישט מער שטיצן די מזרח־אייראָפּעישע יידן. זיי קאָנען שוין באַשטיין זייער שטעטל אַליין". און דערמיט האָט זיך אָנגעהייבן דער פּעריאָד פון

מליצה. וואָלטן זיי געזאָגט פּשוט און קלאָר: מיר ווילן נישט מער, מיר זענען מיד. עס איז אונדז נמאס געוואָרן. — וואָלט עס געווען זייער אויפריכטיק און פאַרשטענדלעך. עס מעג זיין זייער נישט איידל, זייער קליינהאַרציק, אָבער יעדער מענטש האָט א רעכט צו זיין נישט ברייט און נישט קיין נדיב. עס איז זיין „קאָנסטיטוציאָנעל-גאַראַנטירט רעכט". אָבער צו וואָס די מליצה „מען קאָן נישט, מען דאַרף נישט?"

וואָס איז דען מליצה? עס איז איגנאָרירן די ווירקלעכקייט און אירע גרענעצן. עס איז — פאַרשטופּן די לעכער פון דעם געדאנק מיט ווערטער. די דזשאָינט-פירער האָבן גאָרנישט געהאט קיין קלאָרן באַגריף וועגן דעם, וואָס מען קאָן און וואָס מען דאַרף טאָן אין מזרח־אייראָפּע, סיי אין דעם סאָוויעטישן טייל, סיי אין דעם גלאַטקאָטישן, ווי פּוילן אָדער ליטע. זיי האָבן ווייניק געפאָרשט, ווייניק אונטערזוכט און זיך פאַרלאָזט איבגאנצן אויף די באַריכטן פון א פּאָר זייערע באַאַמטע, וואָס האָבן נישט גענוג קאָמפּעטענץ, און אויף די באַאָבאַכטונגען פון עטלעכע זייערע טוער, וואָס האָבן געמאַכט א שטורעם-רייזע קיין אייראָפּע, אָפּגעווען דאָרט עטלעכע טעג אָדער וואָכן און צוריקגעקומען — עקספּערטן.

דער ערשטער לאָזונג פון „ניין" האָט זיך אַרויסגעוויזן א שלעכטע, געשמאַקלאָזע מליצה. די פאַקטן זענען געקומען און האָבן זי צעשטערט, האָבן באַוויזן איר לעכערדיקייט און טראַגישע לעכערלעכקייט.

האָט זיך דער דזשאָינט א וואָרף געטאָן אין אן אנדער עקסטרעם — פון דער ניין-מליצה צו דער יאָ-מליצה.

און איבערנאַכט איז אויסגעוואַקסן א נייער פּלאַן: קאָלאָניזאַציע פון יידן אין רוסלאַנד; לכתחילה האָט עס געהייסן: קרים, א יידישע אויטאָנאָמע סאָוויעט-רעפּובליק אין דער קרים. די יידישע קאָמוניסטן דאָ אין לאַנד האָבן עס צעפּויקט און צעבלאָזן. נאַיווע יידישע כלל-טוער אָדער יונגעלייט, וואָס האָבן זיך גלאַט ליב צו טומלען, האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער שיינער פראַזע. און עס איז געוואָרן באַשאַפן א [קרים-לעגענדע אויף דער יידישער גאַס. די ווייניקער נאַיווע צווישן די יידישע פאַראינטערעסירטע אין אַמעריקע האָבן געשמייכלט, געשוויגן און געוואַרט וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם טומל.

זיי האָבן נישט געגלויבט. דאָס איינציקע, וואָס איז געווען אומפאַר־שטענדלעך אין דער גאַנצער זאַך לכתּחילה, איז געווען די מערקוויר־דיקע קאָמבינאַציע צווישן די דזשאָינט-טוער און די קאָמוניסטן. מיר האָבן דאָך געוווּסט אַלע, אַז די קרים=לעגענדע איז באַשאַפן געוואָרן פון צווי פּאָעטן: בראַגינסקי, דער קאָמוניסט, אין מאָסקווע, און דר. ראָזען, דער פאַרטרעטער פון דעם „דזשאָינט". און אָט די מיטפאַרטרע־טערשאַפט איז געווען אומפאַרשטענדלעך.

מען האָט געוואַרט. די קאָמוניסטן האָבן געהאַלטן אין איין רימען דעם קרים־פּראָיעקט, די דזשאָינט-פירער האָבן געשוויגן. זיי האָבן זיך געוואָלט „אינפאָרמירן". האָבן זיי אפשר געשיקט קיין רוס־לאַנד עקספּערטן — לכל הפּחות, ווי די ציוניסטן האָבן עס געטאָן בנוגע פּאַלעסטינע, ווען זיי האָבן געשיקט דעם קאַליפאָרניער פּראָפע־סאָר, מיד, צו שטודירן די מעגלעכקייטן, דעם באָדן, די ווירטשאַפט־לעכע באַדינגונגען א. אז. וו.?

זיי האָבן געשיקט אַ סוחר פון דעטראָיט, אַ געלט־זאַמלער, אַ רעדנער אויף זיין אופן, אַ מענטשן מיט זייער גוטע כּוונות — און מיט כּוונות זענען מיר דאָך אזוי פאַרזאָרגט — אָבער אָן דער מינד־סער פאָרבערייטונג פאַר דער אונטערזוכונג, וואָס ער האָט באַדאַרפט פירן. און דער עקספּערט איז אָפּגעוועזן אַ פּאָר וואָכן אין רוסלאַנד— צוריק געקומען מיט אַ באַריכט, און דער דזשאָינט גרייט זיך אויף דעם סמך אָנצוהייבן אַ קאַמפּאַניע פאַר פופצן מיליאָן דאָלאַר, מיט דעם הויפּטפּונקט: „קאָלאָניזאַציע פון יידן אין דער קרים און אין אוקראַינע".

און אַ נייע מליצה, אַ מליצה פון „יאָ" איז אויפגעשוווּמען אויף דער יידישער גאַס: אַ מליצה, וואָס מען מוז צוערשט צעלייגן אויף אירע עלעמענטן, דערפירן ביז צום געדאַנקלעכן און פאַקטישן יסוד, איידער מען קאָן בכלל צו איר נעמען אַ שטעלונג.

II.

לאָמיר זען, וואָס איז די אייגנטלעכע פראַגע? נישט די נויטווענדי־קייט צו העלפן די יידן אין רוסלאַנד — דאָס איז קיינמאָל נישט גע־ווען די פראַגע — נישט פאַר דעם דזשאָינט און נאָך ווייניקער פאַר

דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט אין אַמעריקע. די פראַגע איז נישט, צי מען דאַרף האָבן אַזאַ קאַמפּיין פאַר פּופצן מיליאָן דאָלאַר. אין דעם איז נישטאָ דער מינדעסטער ספק, און אויב עס איז דאָ אַ ספק, איז עס בלויז: פאַרוואָס בלויז פופצן, פאַרוואָס נישט מער? מיר ווייסן דאָך — „צרכי עמך ישראל מרובים״!

די פראַגע איז בלויז: וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם געלט?

דער דזשאָינט מיינט, אַז ער האָט אָנגעוויזן אַ פּראָגראַם; אָבער איך זאָג, אַז דאָס איז נישט קיין פּראָגראַם, נאָר אַ מליצה, ווייל עס איז אַ פּראָגראַם, וואָס איז געגרינדעט נישט אויף פאַקטן, נאָר אויף השערות; נישט אויף אַ פּאָליטישער, דורכגעטראַכטער טעאָריע, נאָר אויף אימפּרעסיאָניסטישע שטימונגען. דער דזשאָינט, אָדער זיין פאַר־טרעטער, וואָס דאַרף זיין דער פירער פון דעם קאַמפּיין, גייט ארויס פון דער הנחה, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז האָפנונגסלאָז, און אַז עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו רעסטאַווּרירן דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן — אין זיין אַלטער סטרוקטור. עס איז אַ קערנדל אמת אין אַ זאַנג פון מליצה. עס איז אמת, אַז מען קאָן נישט ווידעראויפשטעלן דעם יידיש־עקאָנאָמישן לעבן אויף זיין אַלטן באַזיס. אָבער עס איז גאָרנישט נייטיק. עס איז נייטיק צוצופּאַסן דאָס יידישע לעבן צו די נייע באַדינגונגען, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד און וועלן נישט געענדערט ווערן אפילו דורך אַן ענדערונג אין דעם רעזשים.

וואָס זענען די נייע באַדינגונגען? די אוממעגלעכקייט פון עקזיסטענץ פאַר אַ לופט־מענטשן, פאַר אַ סוחר, וואָס האַנדלט מיט אַלצדינג און גאָרנישט, פאַר דעם מעקלער, פאַר דעם קליינעם קרעמער. עס איז אויך דאָ נישט אַזוי אַקסיאָמאַטיש. מיר האָבן שוין געזען דעם פּעריאָד פון איין „נעפּ״, ווען די גאַנצע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט זיך געביטן אין איין טאָג. מיר וועלן נאָך אי״ה באַלד זען אַ צווייטן אָדער, ריכטיקער, אַ דריטן „נעפּ״, אַ ניי־נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. דער עקאָנאָמישער סיסטעם אין רוסלאַנד איז נאָך זייער ווייט פון פעסטקייט און סטאַביליטעט. און די ווייטערע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד וועט מוזן פירן צו אַ רעוויזיע פון דער איצטיקער קאָמוניסטישער פּאָליטיק. צווישן גרויס־קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם איז נישט מעגלעך קיין דויערנדיקע פאַרשטענדיקונג.

אָבער אַפּילו ווען די היינטיקע אָרדענונג זאָל זיין סטאַבילער, ווי מען האָט א רעכט צו גלויבן; ווען אפילו די לאַגע פון יידן איז לחלוטין האָפנונגסלאָז — וואָס שלאָגט דער דזשאָינט־פאָ? שלאָגט ער פאָר צו רעאָרגאניזירן דעם יידישן האַנדל אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון באזיס? שלאָגט ער פאָר „פּראָדוקטיווירונג" פון דעם יידן ד. ה. מאַכן דעם יידן פאַר א ווערט־שאַפנדיקן א ר ב ע ט ע ר, אומבילדונג פון די יידישע בעל־מלאכות אויף נייע יסודות, אינדוסטריאַליזירן די יידישע סביבה? שלאָגט ער פאָר גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע בענק? אָדער גאָר פון אַ שטאַרקער, פּלאַנמעסיקער עמיגראַציע? שלאָגט ער פאָר די צעשפּרייטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איבער דער גאַנצער אומגעהייערער פלאַך פון רוסלאַנד?

ניין, ער גייט נאָך דער ליניע פון דעם קלענסטן ווידערשטאַנד; ער גייט נאָך דער מליצה. און די פראַגע איז: ע ר ד א ר ב ע ט. דער ייד מוז זיך צוריקקערן צו דער ערד; דער ייד מוז ווערן דאָס, וואָס זיינע אבות זענען געווען א. אז. וו. שיינע ווערטער, אָבער מיר האָבן זיי שוין געהערט נישט איינמאָל. „מוז" — געוויס! „דער בין מוז", ווי די דייטשן זאָגן מיט איראָניע. דער ייד „מוז" — אָבער קאָן ער אויך?

ווי אזוי קאָן פּאָרקומען אין רוסלאַנד אַ יידישע קאָלאָניזאַציע, און נישט קיין קאָלאָניזאַציע פון יחידים אין א קליינעם מאַסשטאַב, נאָר אויף אַ ברייטן, נאַציאָנאַלן אופן?

לאָמיר זען די פאַקטן. אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן די פּויערים זיבן און ניינציק ביז ניין און ניינציק פּראָצענט פון דער ערד אין זייער באַזיץ. אין אוקראַינע איז דער פּראָצענט — 96. דאָס מיינט, אַז די רעגירונג האָט בלויז די דריי ביז פיר פּראָצענט ערד „פריי", ערד, וואָס באַלאַנגט צום שטאַט און וואָס קאָן אוועקגעגעבן ווערן. געוויס, דאָס אַליין איז שוין אויך אַ גאַנץ גוטער פּראָצענט; אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פון די דריי אָדער פיר פּראָצענט „פרייען" באָדן מוז די רעגירונג אַוועקגעבן דעם גרעסטן טייל פאַר די אַרבעטער און זייערע באַדערפעניש, פאַר פאַבריקן, פאַר אַרבעטער־פערמעס לעבן די פאַבריקן א. אז. וו. הייסט עס, אַז דער באָדן, וואָס קאָן אַוועקגעגעבן ווערן צו יידן פאַר קאָלאָניזאַציע, איז גאַנץ באַגרענעצט. נאָכמער, דער בעסטער באָדן איז אין די הענט פון די פּויערים, און די יידן וועלן זיך מוזן באַנוגענען מיט אַן ערגערן סאָרט ערד.

איך רעד שוין נישט פון דער פּאָליטישער זייט פון דער פראַגע. די דזשאָינט־פּאָליטיקער האָבן אַ גרויסן טעות און ווייזן, אַז זיי פאַרשטייען גאָרנישט די לאַגע אין רוסלאַנד, ווען זיי מיינען, אַז די סיבה פון דעם אַנטיסעמיטיזם ליגט אין דעם, וואָס יידן זענען שטאָט־מענטשן. פונקט פאַרקערט. דער איינציקער גרונט, פאַרוואָס יידן האָבן זיך נאָך געקאָנט האַלטן אין רוסלאַנד, איז געווען זייער שטאָטישקייט. דער פּויער האָט באַדאַרפט האָבן דעם יידישן שטאָט=מענטשן, און איינע פון די סיבות פון די פּאָגראָמען איז געווען די, וואָס די שטאָט האָט גאָרנישט געקאָנט געבן דעם פּויער. דאָס דאָרף האָט פיינט די שטאָט — אמת; אָבער עס דאַרף זי האָבן. כל=זמן די שטאָט פּראָדוצירט, ווען דער פּויער האָט געקאָנט אין שטאָט קריגן טשוועקעס און לייוונט, שטיוול און קעראָסין, איז זיין באַציונג צו איר געווען אַ נאָרמאַלע. איז אָבער די שטאָט ליידיק געוואָרן, האָט דער פּויער זי צעראַבעוועט, ווייל ער האָט זי מער נישט באַדאַרפט האָבן. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם רוסישן פּויער — איז שנאה צום צווייטן פּויער. איין דאָרף האָט פיינט דאָס אַנדערע. איין פּויער איז מקנא דעם צווייטן. און דער רוסישער, בפרט דער אוקראַינישער פּויער, וועט נישט צולאָזן, אַז עס זאָל אויסוואַקסן לעבן אים — אַ קאָנקורענץ צו אים — אַ יידיש פּויערנטום. און מיר האָבן שוין געהערט פון זייער הויכע פּראָטעסטן מצד די אוקראַינישע פּויערים. זיי פּראָטעסטירן און קריצן שוין איצט מיט די ציין, איצט, ווען די יידישע קאָלאָניזאַציע איז אין אָנהייב; וואָס וועלן זיי זאָגן, ווען זי וועט זיך צעבליען? אָבער אפילו עקאָנאָמיש גערעדט: וואָס קאָן די קאָלאָניזאַציע געבן די יידן פון רוסלאַנד? געוויס, די באָלשעוויקעס האָבן זיך אומגעקערט, ווי בוכאַרין האָט נישט לאַנג צוריק געזאָגט, מיט דעם פּנים צו דעם דאָרף — זיי חנפענען זיך צום דאָרף. זיי אָריענטירן זייער פּאָליטיק אויף דעם אַקערבוי, אָבער זיי ווייסן אליין, אַז דאָס איז נישט קאָמוניזם, און אויך נישט קיין עקאָנאָמיש־געזונטע פּאָליטיק.

דאָס, וואָס פּראָפעסאָר מענדעלייעוו האָט געזאָגט אין 1904, אין זיין בוך, „דער ריכטיקער טאַריף” („טאָלקאָווי טאַריף”) וועגן דעם רוסישן אַקערבוי, אַז דאָס איז אַן „אַרבעט פון שקלאַפן”, איז אמת ביז צום היינטיקן טאָג. טראָצקי האָט אין 1923 עס פאָרמולירט אין

אָן אַנדער פּאָרם. ער האָט עס אָנגערופן „די שער". דער רוסישער אקערבוי איז צווישן די צוויי קלינגען פון אַ שער, דהיינו: די פּרייזן פון אגראר-פּראָדוקטן פּאַלן, די פּרייזן פון די אינדוסטריע־פּראָדוקטן שטייגן, און צווישן די קלינגען פון דער שער — און דאָס איז אַ וועלט־שער — ווערט דער רוסישער פּויער צעשניטן.

דאָס איז אַ פּאַקט נישט בלויז פאַר רוסלאַנד, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. און בפרט פאַר רוסלאַנד. „דער אַגראַר־קריזיס", זאָגט איינער פון די באָלשעוויסטישע עקאָנאָמיסטן נ. אָסינסקי, אין דעם אַפּריל-נומער (1925) פון דעם קאָמוניסטישן זשורנאַל „קראַסנאַיאַ נאָוו", „פון דער אַלטער וועלט איז אומפאַרמיידלעך; ער האָט אַ טענדענץ צו פאַרטיפן און צו פאַרשפּרייטן זיך; און ער וועט נישט קאָנען באַזייטיקט ווערן, ביז עס וועט נישט אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן די אַלטע אָרדענונג", ד. ה. ביז עס וועט נישט קומען די קאָמוניסטישע ווירטשאַפט אויף דער גאַנצער וועלט. עס איז אפשר אַ זייער גוטע טרייסט, אָבער פאַר דעם פּויער אין רוסלאַנד איז דאָס גאָר אַ קליינע נחמה. רוסלאַנד האָט נישט קיין שאנסן אויף עקספּאָרט. רוסלאַנד קאָן נישט קאָנקורירן מיט קאַנאַדע און מיט די איבעריקע ברויט־פּראָדוצירנדיקע לענדער. זי האָט נישט דעם אַפּאַראַט דערצו. ווי קאָן זי קאָנקורירן מיט אמעריקע, וואָס איז אזוי וווּנדערבאַר אָרגאניזירט אַגרי־קולטורעל, מיט די ברויט-בערזעס פון טשיקאַגע, און דולוט, און מינע-אַפּאָליס, און וויניפּעג, מיט די דריי טויזנט עלעווייטערס, מיט די באַנען און שיפן? רוסלאַנד האָט נישט קיין עלעווייטערס, האָט נישט גענוג באַנען, האָט נישט גענוג שיפן; זי קאָן נישט קאָנקורירן.

וואַקסט דאָרט נישט די אינדוסטריע, די שטאָט, מוז דער פּויער גיין צו גרונט. און דערפאַר איז די גרעסטע טובה סיי פארן לאַנד און סיי פאַר דעם פּויער, די אינדוסטריאַליזירונג פון רוסלאַנד; דערפאַר איז דער גרעסטער שאַנס פון דעם יידן — אריינגעצויגן צו ווערן אין דעם אינדוסטריעלן, פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס, און נישט אין דעם אַגריקולטורעלן.

געוויס, אין פּאַלעסטינע ווערט געפירט אַן אַנדער יידישע פּאָ־ליטיק. אָבער דאָרט איז די פּראַגע גאָר אַן אַנדערע. דאָרט איז דער הויפּט-ציל: פאַרנעמען אין יידישע הענט אַזויפיל לאַנד, ווי מעגלעך,

כדי צו ווערן אַ פּאָליטישע מאכט. דאָרט איז די עקאָנאָמיק אַן אינ־סטרומענט פאַר פּאָליטיק, אָבער אין רוסלאַנד קאָן דאָס נישט זיין, איז דאָס נישט; פאַר פּאַלעסטינע איז דאָס אַ פּראָגראַם, פאַר רוס־לאַנד — אַ פראַזע.

III.

איך וויל דאָ נישט, איך קאָן דאָ נישט אויסשעפּן די גאַנצע פראַגע, וואָס דער דזשאָינט האָט פאַרגעלייגט פאַר דער אַמעריקאַני־שער עפנטלעכקייט. איך האָב דאָ אָנגעוואָרפן בלויז ראשי־פּרקים. פראַגע נאָך פראַגע, ספק נאָך ספק, פּונקט נאָך פּונקט מוז דער פּראָ־גראַם פון דעם דזשאָינט פאַרהאַנדלט ווערן. און אַזאַ פאַרהאַנדלונג פאַרלאַנג איך פון די, וואָס גייען איצט אָנפירן אַ גרויסע, ווינט־פאַר־טראַכטע פּאָליטיק פאַר די יידן אין רוסלאַנד. אויב שוין טאָן, דאַרף מען טאָן אַזוי, אַז עס זאָל האָבן אַ קיום. מען דאַרף אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם; און צו דער אויסאַרבעטונג מוזן צוגעצויגן ווערן יידן פון רוסלאַנד גופא, יידן פון אַ ל ע ריכטונגען, — קאָמוניסטן און נישט־קאָמוניסטן, — וואָס זאָלן באמת אַוועקשטעלן דעם גאַנצן רוסיש־יידישן פּראָבלעם אויף אַ נייעם פונדאַמענט. און דעמאָלט וועט אפשר נישט זיין גענוג די סומע פון 15 מיליאָן דאָלאַר; מען וועט אפשר מוזן שאַפן אַ גרויסן פּאָלקס־פאָנד, וואָס זאָל קלעקן אויף אַלצדינג — שטיצן די יידישע עמיגראַציע אין די לענדער, וואָס זענען מער אדער ווייניקער אָפן, ווי בראַזיליע, אַרגענטינע, פּאַלעסטינע און אפילו פראַנק־רייך; שטיצן די קאָאָפּעראַטיוון, שאַפן יידישע אַרטעלן פאַר קליינ־פּראָדוקציע, יידישע פאַבריקן. און אויב די יידישע קאָלאָניזאַציע וועט בכלל קענען געפינען אַ פּלאַץ אין דעמדאָזיקן פּראָגראַם, וועט זי אויך מוזן געפירט ווערן סיסטעמאַטיש, נאָך דעם טיפּ פון קאָמבי־נירטע אינדוסטריע־אַקערבוי־קאָלאָניעס.

איך ווייס נישט, צי מיר האָבן אַ רעכט צו פאָדערן וואָס נישט איז פון אונדזערע רייכע און פילאַנטראָפּישע יידן; אָבער איינס האָבן מיר יאָ אַ רעכט צו פאָדערן: זאָלן זיי כאָטש נישט זיין קיין שקלאַפן פון דער מליצה, פון דער פראזע, פון דעם ערשטן בעסטן לאָזונג,

וואָס די גאס וואַרפט ארויס, און זאָלן זיי אויך נישט וועלן האָדעווען דאָס יידישע פאָלק מיט „נחמא בנחמא”, ברויט מיט ברויט, ווי די אַלטע בבלים פלעגן טאָן. ווארים וואָס=וואָס, דער חשד, אַז זיי זע= נען „בבלאי טפשאי”, נאַרישע בבלער, איז תמיד געווען ווייט פון זיי, און עס וואָלט געווען אַ שאָד, ווען אויך דידאָזיקע אילוזיע אונדזע= רע וואָלט צעשטערט געוואָרן.

די יידישע זקנהקראַטיע.

יעדער קבוץ האָט זיך זיין „קראַטיע", וואָס איז אָמבעסטן צוגעפּאַכט צו אים, אָדער, וואָס ער האָט אין ערגסטן פּיינט. איינער האָט זיין אריסטאָקראַטיע, דער צווייטער זיין דעמאָקראַטיע; איינער קעמפט אַקעגן דער „אָרלאָקראַטיע", דער הערשאַפט פון דעם המון; דער אַנדערער — אַקעגן דער פּלוטאָקראַטיע, דער מאַכט פון געלט.

נאָך ביי גאָר אַלטע פעלקער, גאָר פּרימיטיווע קאָלעקטיוון, לעבט נאָך די גאַנץ פּאַרצייטיקע פאָרם פון דער הערשאַפט פון די „עלטערע", אָדער ווי איך וואָלט זיי אָנגערופן, „די זקנהקראַטיע". די אַלטע, די שווייגנדיקע, די פּאַרזיכטיקע, די בייזע, די פּארקניימשטע, די פאַנטאַזיעלאָזע, מיט איין וואָרט — די „זקנים". זיי זענען גאָר פּשט די קליגסטע, אפילו נישט די רייפסטע. קלוגשאַפט האָט זייער ווייניק וואָס צו טאָן מיט עלטער. פּאָליטישע דערפאַרונג, סאָציאַלער שכל ווערט נישט אָנגעזאַמלט, ווי מען זאַמלט אָן גאַנץ נוצלעכע ידיעות וועגן הויזפירונג. פאַרקערט, דער עלטערער פאַרשטייט זייער זעלטן דעם יינגערן; ער קאָן נישט פאַרשטיין די צייט, וואס איז נישט מער זיינע, ווייל ער האָט נישט קיין סימפּאַטיע מיט און פאַר איר. און פאַרשטיין איז דאָך אויך נישט מער, ווי זיך אריינלעבן, זיך אריינפילן.

ביי אַלע פעלקער ווערט די זקנהקראַטיע צוביסלעכווייז אפּגעראַמט פון דעם וועג. אפילו אין יאפּאַן, ווו די „זקנים", די „גענרא", האבן נאָך ביז גאר נישט לאַנג צוריק געפירט די גרענדע און באַהערשט דאס לאַנד, נישט קוקנדיק אויף אלע קאנסטיטוציעס און פּארלאַמענטן און מאדערניזאציעס.

בלויז ביי יידן, דעם עלטסטן קיבוץ פון אלע, איז די זקנאָקראַטיע נאָך אלץ די איינציקע פארם פון סאציאלן לעבן, דער איינ־

ציקער וועג, וואס דער קאלעקטיווער ווילן געפינט פאר זיך. מען מיינט, אז דאס איז בלויז א הערשאפט פון גבירים. עס זעט כמעט אזוי אויס. אומעטום, ווו יידן פיגורירן אלס יידן, זענען זייערע ווארטפירער און פארטרעטער די גבירים. אין דייטשלאנד, אין פראנקרייך, אין ענגלאנד און אפילו צו א געוויסן טייל אין דער פארעוואלוציאנערער רוסלאנד — דער „נדיב", דער רייכער, איז געזעסן תמיד אין מזרח, האט געהאט דעם אויבנאן. אין אייראפע איז, לכל הפחות, געווען א שטיקל קארעקטיוו: די אינטעליגענץ. אין רוסלאנד האט טאקע בראדסקי אדער גינצבורג, אדער פאליאקאוו געשפילט די ערשטע פידל, אבער ווינאווער און שליאזבערג האבן געמאכט מיט דעם דיריגענטן שטעקלע.

אין דייטשלאנד האט דער „הער פראפעסאר", דער גענעראל פון דער וויסנשאפט, אדער פון דער ליטעראטור, פון צייט צו צייט צוגעגעבן א ביסל גייסטיקייט דעם יידישן לעבן, אזוי צו זאגן, אינטעלעקטואליזירט די זקנהקראטיע. אבער אין אמעריקע, ווו עס זענען נישטא קיין ווינאווערס און שליאזבערגס, ווו די יידישע עפנטלעכקייט איז אזוי באשיידן, אזוי פול מיט פחד, ווו זיין קאנסערוואטיוו ביז צום העכסטן גראד איז א סימן פון „גוטן טאן" און ווו אינטעלעקטואליטעט האט נישט קיין שום ווערט און קיין שום פלאץ — דא, אין דעם לאנד פון דעמאקראטיע, האט די יידישע זקנהקראטיע דערגרייכט איר העכסטע מדרגה: זי איז געווארן אן אינסטיטוציע, א פונדאמענט.

עס איז, ווי געזאגט, אן אלטע יידישע קראנקהייט. מען האט זיך שוין נישט איינמאל באקלאגט אויף איר. „וואס איז דער זכות פון די זקנים?" פרעגט אמאל דער מדרש. פארוואס שטייען זיי תמיד אין פראנט? דער תירוץ, וואס ער האט געגעבן, איז געווען, ווי תמיד ביי יידן, א היסטארישער. זיי זענען געווען די ערשטע, וואס האבן געהאלפן משהן. מילא, פאר א מדרש איז דאס אפשר א גאנץ גוטער תירוץ. אבער ווען מיר שטעלן איצט אוועק די אייגענע קשיא, ווען מיר פרעגן: פארוואס תמיד די זקנים? פארוואס פארנעמט א געוויסע גרופע פון „עלטערע שטאטסמענער" אזא וויכטיקן, אזא מאנאפאליזירנדיקן פלאץ אין דעם יידיש־אמעריקאנישן לעבן? ווען מיר שטעלן די דאזיקע פראגע, קאן אונדז דער אלטער ענטפער נישט מער באפרידיקן; אפילו אויב זיי האבן געהאט היסטארישע פארדינסטן, האט שוין דאס פאלק ישראל אפגעצאלט זיי כפל כפלים — אפגעצאלט אין כבוד און אין איינפלוס און אין פרעסטיזש.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויף דער יידישער גאַס הייבט זיך שוין אָן צו רירן אַ לעבעדיקער אָדער. עס איז געבוירן געוואָרן אַ דעמאָקראַטישע באַוועגונג. זי האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם אַמעריקאַנישן יידישן קאָנגרעס. נישט אינגאַנצן געלונגען אין דער פאָרם. נישט רייף אין דער אויספירונג, אָבער אַ ווילן איז געווען און אַ שטרעבן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום איז געוואָרן בר=מצוה, האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס און האָט זיך עמאַנציפּירט פון דער הערשאַפט פון אירע פריערדיקע זקנים, פון די עטלעכע צענדליק יידן, וואָס זענען געווען אַלצדינג — די געבער, די פירער, די דעות-זאָגער, די באַראַטער און שתדלנים.

מען האָט זיך אָנגעהייבן צו פרעגן אויף דער יידישער גאַס: פאַרוואָס מוז טאַקע בלויז מר. לואי מאַרשאַל זיין דער הויפּט=זקן, דער עלטסטער? פונוואַנען קומט עס, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, איז אַלץ ער, רק ער, נאָר ער? פאַרוואָס איז מר. מאַרשאַלס מיינונג שקול כנגד כל ישראל? איך דערמאָן מר. מאַרשאַלס נאָמען טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז דער בעסטער פון די אַלע „זקנים", דער קליג=טער און דער יידישסטער פון זיי אַלע. און טאַקע ביים בעסטן מוז מען אָנהייבן.

מר. מאַרשאַל איז א גרויסע קראַפט — עס איז נישט קיין ספק; אָבער פון א גרויסער קראַפט ביז אַן איינאונאיינציקן איז נאָך אַ ווייטער וועג. מר. מאַרשאַל האָט ברייטע פּלייצעס. ער טראָגט אויף זיך די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, די רעליגיעזע דערציונג, סעמי=נאַרן, פּאָליטישע פאַרטרעטונגען, א. אז. וו. אָבער אויך ער האָט בלויז צוויי פּלייצעס, און די לאַסט פון דעם יידישן לעבן איז צו שווער פאַר זיי.

מר. מאַרשאַל איז דער פירער און פאַרקערפּערער פון א גרופּע „זקנים"; זקנים נישט אַזויפיל פון היסטאָריע וועגן, נאָר אַ דאַנק זיי=ער שווערער קאַסע. ער איז אויך דער פּאָליטיקער צווישן און פאַר די „נדיבים". אויך צו זיי וויל איך זיין גאַנץ אָביעקטיוו און גערעכט: עס פעלט מיר נישט איין צו לייקענען, אַז די אַמעריקאַנער יידישע גבירים האָבן זייער א סך געטאָן פאַר די „אָרעמע ברידער", יעדנפאַלס מער ווי די גרויסע מאַסע נייע יידישע גבירים, וואָס זענען נישט לאַנג אַרויסגעשווומען און וואָס האָבן נאָך נישט געלערנט דעם א"ב פון

געבן. זיי האבן אַ סך געשאַפן; אָבער זייער געבן און זייער העלפן האָט תמיד געהאַט אַ פיינלעכן ביי־טעם. עס האָט געשמעקט צופיל מיט צדקה. זיי האָבן זיך צופיל אָװעקגעשטעלט אין אַ זייט. דאָ זיי, די רייכע, די, וואָס גיבן צדקה. און דאָרט — די אַנדערע, די, וואָס נע־מען, די קבצנים, די מקבלים. און עס האט זיך צופעליק געמאַכט, אַז דידאזיקע „מקבלים" זענען געווען דער רוב פון דעם יידנטום, דער בעסטער טייל פון דעם יידישן פאלק.

ווער געדענקט נישט די שווערע באַשולדיקונגען אקעגן דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע? דאכט זיך, דער דזשאינט האט גע־טאָן אַזויפיל גוטס, און פונדעסטוועגן האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גאָר ווייניק־געבענטשטן נאָמען. ער האָט געגעבן — אָבער שלעכט, מיט בייזקייט, מיט גאווה. ער האָט נישט געשאַנעוועט די מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען צו אים. „ער", ד. ה. געוויסע דזשאָינט-באַאַמ־טע אין איירָאָפּע, וואָס האָבן נאכגעמאכט און מאָלפּיש איבערגעטריבן די באַציונגען פון זייערע אַמעריקאַנער באַלעבאַטים — נאך עד היום קאנען יידן פון פוילן און פון רומעניע נישט רעדן אָן כעס און אָן ביטערקייט וועגן דעם „דזשאָינט". און האָט מען זיך באַקלאָגט אין ניו-יאָרק, האָבן די רייכע און גרויסמוטיקע און ווילמיינענדיקע הערן פון דער לייטונג גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון זיי. פונקט ווי באַראָן הירש האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס האָבן געוואָלט די יידן אין מאָזעסוויל אָדער אין דער קאָלאָניע קלאַראַ אין אַרגענטינע, ווען זיי האָבן זיך באַקלאָגט איבער דער פּאַרוואַלטונג פון די אַרגענטינישע קאָלאָניעס. די יידן האָבן געשריגן: מען שלאָגט זיי, מען שמייסט זיי, מען דערנידעריקט זיי. אָבער באַראָן הירש האָט נישט געהאַט קיין גע־דולד מיט אַזעלכע יידישע סענטימענטאַליטעטן. ער האָט דאָך זיי גע־האָלפן, די שנאָרערס, וואָס ווילן זיי נאָך?

איצט זענען די זקנים, די נדיבים פון דעם אַמעריקאַנער יידנ־טום מיד געוואָרן. זיי קאָנען נישט מער, זיי ווילן נישט מער. זיי האבן אָפּגעטאָן זייער חוב. ליקווידירט דעם „דזשאָינט" און גענוג. און לאָז דאָס איירָאָפּעישע יידנטום זאָרגן פאַר זיך אַליין.

עס קאָן זיין, אַז אַזוי וואָלט באַדאַרפט זיין. עס וואָלט שוין זיכער געווען די העכסטע צייט, אַז די יידן פון מזרח־איירָאָפּע זאָלן אויפהערן ארויסקוקן אויף אמעריקע. די נדיבים זענען שוין זאט גע־

וואָרן מיט רחמנות און די מאסן — די מאסן זענען נאָך נישט דער־וואקסן צו רחמנות.

אָבער עס וואָלטן נאָך אַ סך אַנדערע זאכן באַדאַרפט זיין. פון עס דארף און זאָל — זאָגט אַ רוסיש ווערטל — וואקסן אויז אין מויל שוועמלעך. דאָס מזרח־איראָפּעישע יידנטום קאָן נאָך נישט זיין זעלבסטשטענדיק. מען לאָזט אים נישט. די קאַטאַסטראָפע איז געווען צו גרויס — די הילף צו קליין. און ווידער דערטראָגט זיך פון או־קראַינע אַ טויט־מידער זיפץ. וואָס זאָלן די יידן דאָרט פאָרט טאָן, ווען זיי זענען אריין צווישן צוויי מילשטיינער, דעם אוקראַינישן שאָ־וויניזם און דעם סאָוויעט־טעראָריזם? וואָס זאָלן זיי טאָן, ווען גראָד זיי זענען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר קרבנות? און קיינער העלפט זיי נישט.

די פּליטים־פליכטלינגס, וואָס וואַלגערן זיך אין בערלין, אין רומעניע, אין פוילן, אין אַלע האַפנשטעט, זענען אין אַ נאָך ערגערע לאַגע. איידער זיי האָבן באַקומען אַ וויזע, האָט מען פאַרמאַכט די טויערן פון אַמעריקע; האָבן זיי געהאָפט אויף קאַנאַדע — קומט די „איקא” און אַנולירט דעם פאַרטראַג מיט דער קאַנאַדער רעגירונג. נישטאָ קיין געלט, די מאסן שטיצן נישט, די זקנים ווערן מיד.

האָט מען באַשלאָסן צו שאַפן אַן „עמיגראַנטן־פאָנד” — זע־נען ווידעראַמאָל געקומען די פאַר „זקנים”, די פאַר נדיבים, ווידער מר. מארשאַל מיט זיין גרופּע, און האָבן געזאָגט: מיר פירן אָן די אַרבעט. און מען האָט זי זיי איבערגעגעבן. מען פאַרלאָזט זיך אויף זיי, אָבער זיי האָבן צייט — זיי איילן זיך נישט.

איך מאַך זיי נישט קיין פאָרוואורף. קיינער קאָן נישט שפּרינגען העכער פון זיין אייגענעם קאָפּ. און די שטאַרקסטע פּלייצעס קאָנען פאַרטראָגן נאָר אַ באַשטימטע משא. אָבער וואָס איך האָב יאָ צו זיי אַ טענה, איז זייער מאַנאָפּאָליזאַציע פון דער יידישער עפנטלעכקייט. און נאָך אַ גרעסערע טענה האָב איך צו די יידישע מאַסן פון אמע־ריקע, אַט צו די פיר מיליאָן יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זיי־ער אייגענעם ווילן, פון אייגענעם דענקען, און וואַרפן ארויף די צרות פון כלל ישראל, די פירונג פון דעם יידישן פאָלק, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם יידישן לעבן, אויף די זקנים, אויף די עטלעכע מענטשן, וואָס ווילן.

וואָלטן מיר דען באַדארפט דערלאָזן, אַז עס זאָל קומען צו אַ נייער קאַטאַסטראָפע אין מזרח־איראָפּע? האָבן מיר דען געטאָרט צו־

לאָזן, אז די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע זאָל זיך צומאַכן? זענען די זקנים מיד געוואָרן, לאָזן די יונגע אויפנעמען די ארבעט. איז איין אָרגאַניזאַציע חרוב געוואָרן, דאַרף אַן אנדערע געשאַפן ווערן אויף איר פּלאַץ. מען האָט געהאַט געמאַכט אַן אָנהייב, מען האָט געשאַפן אַ צענטער: דער יידישער קאָנגרעס. עס וואָלט געקאָנט זיך אַנטוויקלען, אויסוויַיטן זיך, אויסברייטערן זיך, אריינגעמען אין דער ספּערע פון זיין טעטיקייט אַלע געזעלשאַפטלעכע ארבעטן אויף דעם יידישן פעלד. אָבער אַזוי איז תמיד ביי יידן: אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט — אָדער אַ וועלט=קאָנגרעס, אַ יידישער פּאַרלאַמענט מיט גאָט ווייסט וואָס פאַר אַנדערע פאַנטאַזיעס, אָדער גאָרנישט. אָדער אַ סנהדרין, אָדער בלויז אַן „אָפיס” מיט אַ שרייב=מאַשין.

און דערוויַיל קערט זיך אַלצדינג צוריק צום אַלטן שטייגער. ווידער די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, נאָכאַמאָל דער איינאוּנאייינציקער מר. מאַרשאַל, און צוריק — זקנהקראַטיע.

עס איז שווער, שווער פאַר אַן אַלט פאָלק צוגעוויינען זיך צו נייע דרכים, אפילו ווען די אַלטע פירן שוין אין ערגעץ נישט.

דער רב, וואָס איז מתּיר.

די יידישע גאַס וויגט זיך. זי גייט ממש אויף רעדער. אסיפות, פּראָטעסטן — רבנים פאַרזאַמלען זיך און טראָגן אַרויס רעזאָלוציעס, פרומע ציוניסטן גייען ארום אָן קעפּ — נישט-פרומע ציטערן, אַז זיי וועלן פאַרלירן דעם קאָפּ — ווייל די רבנים און די פרומע בכלל פאָדערן פון די ציוניסטן נישט מער און נישט ווייניקער ווי — דעם קאָפּ, דעם איצטיקן, דערווייליקן, ניי=ארויפגעזעצטן.

און דאָס אלץ דערפאַר — וואָס אַ רעפאָרם=ראַבינער האָט מתּיר געווען יעזוסן.

מען קאָן זען, אַז אונדזערע אלטע, אָרטאָדאָקסישע רבנים האָבן פאַרלוירן דעם חוש פאַר הומאָר. די אמאָליקע האָבן זיך צו אַזעלכע זאַכן באַצויגן מיט מער מענטשלעכער, פּסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש. זיי האָבן געוווּסט, וואָס מען קאָן דערוואַרטן פון די „דאָקטוירים=ראַבינער" און זענען פון גאָרנישט נתפּעל געוואָרן. מען דערציילט, למשל, נאָך פון דעם ראַיעצער מגיד אַזא מין ווערטל. „עס זענען פאַראַן", פלעגט ער זאָגן, „דריי מינים דאָקטוירים: עס איז דאָ אַ „סומך נופלים" — דאָס איז אַ דאָקטאָר, וואָס היילט פון חולי-נופל. עס איז פאַראַן אַ „רופא חולים" — גלאַט אַ דאָקטאָר פאַר אלע קרענק. און עס איז דאָ אַ „מתּיר אסורים" — דאָס איז אַ דאָקטאָר-ראַבינער, וואָס איז מתּיר אַלצדינג, וואָס איז אסור".

באמת, ווען וואָלט מיט פערציק-פופציק יאָר צוריק איינגעפאַלן זיך אויפצורעגן איבער דעם, וואָס אַ דאָקטאָר-ראַבינער זאָגט אָדער דרשנט. קיין שאלות פּסקענען איז מען דאָך צו אים נישט געקומען, זיין מיינונג וועגן רעליגיעזע פראַגן האָט קיינער נישט געפרעגט. דער גאַנצער ענין רבנות זיינער איז געווען אַ קשיא און אַ וווּנדער. און דאָרטן, ווו עס איז

לכתחילה קשה, וואָס אינטערעסירט דער דעטאַל? מיר האָבן געהאַט אין אונדזער שטאָט א „ראַבינער" — אַ קאַזיאָנעם, פּאַרשטייט זיך, אַ דאָקטאָר, און דווקא טאַקע אַן אמתער רופא חולים — אַ דאָקטאָר פון מעדיצין. יעדער האָט געוווּסט, און ער אַליין האָט זיך גאָר באַרימט דערמיט, אַז ער קאָן נישט קיין עברי — ווייסט פשוט נישט קיין קמץ-אלף — מילא, ווער'מען האָט עס געאַרט? קיין שאלות-תשובות פלעגט מען דאָך צו אים סיי ווי נישט שיקן!

ווען מען וואָלט עס, למשל, אָנגעגאַנגען ביי אונדז אין דער אַלטער היים, ווען דער קאַזיאָנער רב, דער דאָקטאָר-ראַבינערוו אָלט זיך אַוועקגעשטעלט זונטיק ערגעץ אין אַ קאָנצערט־זאַל און וואָלט דערקלערט, אַז יעזוס האָט באמת געלעבט און איז געווען אַ רב, אַ תנא, אַז ער איז אַ קינד פון דעם יידישן פאָלק און אַז יידן טאָרן אים דערפאַר נישט פאַרשטויסן?

די לומדים צווישן יידן וואָלטן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשמייכלט: מאַלע, וואָס ער זאָגט! און די, וואָס זענען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דעם קריסטנטום און די באַציונגען פון דעם יידנטום צו דעם גרינדער פון דער קריסטלעכער קירך, וואָלטן נאָכמער געשמייכלט. זיי וואָלט אפשר גאָר געפעלן די נאַיוויטעט פון דעם דאָקטאָר.

און ביידע צדדים וואָלטן אפילו נישט גענומען זיך די מי צו דיסקוטירן די רעדע פון דעם ראַבינער. די פרומע — ווייל זיי זענען געווען אַזוי זיכער מיט דעם יידנטום, די פריידענקער — ווייל פאַר זיי האָט שוין גאָרנישט עקזיסטירט דער פּראָבלעם פון דעם קריסטנטום.

אָבער אין אמעריקע איז די זיכערקייט, הפנים, צושאָקלט געוואָרן. קיינער איז נישט פעסט ביי זיך, און מען דערשרעקט זיך פאַר יעדער דרשה, פאַר יעדן „סוירמאָן", פאַר אַ ליאַדע וואָרט, וואָס אַ ראַבינישער אָראַטאָר זאָגט אַרויס.

דר. סטיפען וויז האָט געהאַלטן איינע פון זיינע אומצייטיקע רעדעס, און האָט אַרויסגעזאָגט אַ געוואַלטיקן, אַ מרע'ש־צולמדיקן געדאַנק: יעזוס, זאָגט ער, האָט געלעבט, איז געווען אַווירקלעכע היסטאָרישע פיגור, און איז געווען אַ גרויסער לערער אין „איזראַעל". דאָס איז דער תמצית, דאָס איז דער עיקר; דאָס איבעריקע, אַט דאָס, וואָס צייטונגען האָבן איבערגעגעבן, זיינע כלומרשטע שלוסן, וואָס ער האָט געצויגן דערפון, און וואָס האָבן אַזוי אויפגערעגט די

רבנישע וועלט, לאָז איך איבער אין א זייט. איך האָב אַליין די רעדע נישט געהערט. ראַבאַי ווייז דערקלערט, אז מען האָט אים „מיספאַרשטאַנען". מילא, לאָז זיין אַזוי. פונוואַנען איז אָבער ווייז געקומען צו אַזאַ יעזוס־ענטוזיאַזם? ער האט איבערגעלייענט דר. קלויזנערס בוך „ישו הנוצרי" אין דער ענגלישער איבערזעצונג און איז נתפעל געוואָרן. אַ גליקלעכער מענטש. ער קאָן אַנטדעקן נייעס! מיר האָבן, דאַכט זיך, אַלע געלייענט דעם בוך פון דר. קלויזנער, און מיר, נישט ראַבאַיס, נאָר גאַנץ פשוטע יידן, האָבן נישט געוואַרט ביז עס וועט אַרויסקומען דווקא די ענגלישע איבערזעצונג, נאָר געלייענט אין דעם העברעישן אָריגינאַל מיט צוויי־דריי יאָר צוריק, און זענען גאָרנישט נתפעל געוואָרן, זענען נישט אַריינגעפאַלן אין היסטעריע.

וואָרים וואָס האָט דען אייגנטלעך דר. קלויזנער אויפגעטאָן? וואָס האָט ער „אַנטדעקט"? ער האָט מיט גרויס פלייס — און מיט זייניק קריטישן פאַרשטאַנד — קאָמפּליצירט די פאַרשידענע מיינונגען פון די אומצייליקע היסטאָריקער פון קריסטנטום. ער האָט איבערגע־חזרט צום טויזנטסטן מאָל דאָס, וואָס שווייצער און מאַייער און לוּאַזי און דאַלמאַן און אנדערע געלערנטע האָבן געזאָגט פאַר אים. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געוואָלט „באַווייזן", דהיינו, אז יעזוס איז גע־ווען אַ היסטאָרישע פיגור, אַז ער האָט באמת געלעבט און אַז דאָס יידנטום האָט פאַרצייכנט זיין געשיכטע — גראָד דאָס איז אים נישט געראָטן. ווען מען לייענט איבער מיט כוונה דעם ערשטן קאַפּיטל „המקורות העבריים" וועגן די יידישע קוועלן פון דער יעזוס־געשיכטע, איז נאָך אַלץ נישט קלאָר, צי די יידישע טראַדיציע האָט געוווּסט פון יעזוסן, צי ער האָט באמת פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער יידישער געשיכטע.

און אפילו ווען מען זאָל מסכים זיין מיט קלויזנערס אויס־טייטשונגען פון די פאַרשידענע רמזים אין תלמוד וועגן יעזוסן; אפילו ווען מען זאָל צוגעבן, אַז יעזוס איז געווען דאָס, וואָס די „יעוואַנגעליען" דערציילן וועגן אים, איז דער רעזולטאַט פונקט דער היפוך פון דעם, וואָס קלויזנער וויל אויספירן. עס שטייט אויף פאַר אונדז די פיגור פון אַ גאַנץ מיטלמעסיקן רב, אַ מין צעשוווּמע־נעם מאָראַליסט, וואָס האָט מער נישט אויפגעטאָן, ווי נאָכצוזאָגן אַל־טע, באַקאַנטע מימרות; אַ מגיד, אויב מיר ווילן אים אַזוי אָנרופן, אָן דער יידישער חריפות, אָן טיפקייט פון דענקען, אָבער מיט אויסער־

געוויינלעכע, נישט צוגעפּאַסטע אמביציעס. קלויזנער אליין באַמערקט נישט, ווי קליין ער מאַכט דעם, וואָס ער וויל דערהייבן. עס איז אויך נישט קיין ווונדער. מען קאָן פון קלויזנערן גאָרנישט דערוואַרטן קיין אנדער צוגאַנג. אַזוי איז שוין זיין וועג. ער דערהייבט איינעם ביז צום הימל און ער ציט אים אַראָפּ טיף־טיף. אין זיין יוגנט האָט ער געשריבן וועגן אחד־העמען אַזוי, אַז ער האָט אים געמאַכט כמעט לעכערלעך — אַזוי איבערטריבן, אַזוי אָן אַ מאָס. דערנאָך האָט ער דערקלערט ביאַליקן פאַר א „נביא", און האָט אַזויפיל אריינגעטייטשט אין ביאַליקס שירים, אַז ער האָט שיעור נישט אַוועקגעהרגעט ביאַליק דעם פּאָעט. איצט וויל ער „גרויס מאַכן" ביי יידן יעזוסן — און טוט אים ווידער אַ „בערישע טובה".

און עס איז אויך קלאָר, פאַרוואָס.

מיט זיין גאַנצער געלערנטקייט און זיין גאַנצער אָנגעלייענטקייט אין דער געשיכטע פון דעם קריסטנטום האָט דר. קלויזנער נישט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, וואָס יעזוסעס ראָלע אין דער געשיכטע באַטייט און וואָס דאָס מיינט קריסטנטום.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אין דער גאַנצער יעזוס־לעגענדע, אָדער געשיכטע, אָדער וואָס עס זאָל נישט זיין, איז דער עיקר נישט דער נמשל, נאָר דער משל; איז וויכטיק נישט די מאָראַל, נאָר די מיטאָלאָגיע.

נעמט אַוועק פון דעם קריסטנטום די מיטאָלאָגיע, די „גאָטס־זוּנענשאַפט", די מופתים, די קריסטוס־אידעע, בלייבט פון אים כמעט גאָרנישט.

דאָס האָבן פאַרשטאַנען זייער גוט די פאַרטרעטער פון דער קריסטלעכער קירך. און די פונדאַמענטאַליסטן אין אמעריקע האָבן באַוויזן, אַז נישט בלויז די קאַטוילן און די גריכישע קירך, נאָר אויך די פּראָטעסטאַנטישע קאָן נישט לעבן אָן דער לעגענדע פון יעזוסן אַלס דעם „גאָט־מענטש".

און דאָס האָבן אויך פאַרשטאַנען די קריסטלעכע פריידענקער און קריטיקער פון דעם קריסטנטום. דוד פרידריך שטרויס, דער באַרימטער פּראָפעסאָר פון דעם „לעבן פון יעזוס", זאָגט עס גאַנץ קלאָר אין זיין בוך „דער אַלטער און דער נייער גלויבן": „אויב יעזוס איז געווען בלויז אַ מענטש און האָט פאַרט געהאַט אַזעלכע חלומות און דערוואַרטונגען, קענען מיר זיך נישט העלפן, מוזן מיר אים האַלטן

פאַר אַ שווערמער... מען קאָן זיין אַן איידעלער, אַ גייסטפולער שווערמער, אָבער היסטאָריש ווירקט ער שעדלעך. ער פירט אונדז אויף פאַלשע וועגן, אויב מיר קאָנטראָלירן נישט זיין איינפלוס מיט דעם פאַרשטאַנד".

און, עס פאַרשטייט זיך, די קאָנזעקווענץ פון אַזאַ „קאָנטראָל" איז דאָס פולשטענדיקע באַפרייען זיך פון דעם יעזוס־איינפלוס. ווייל אויב בלויז אַ מענטש און אַ לערער, זענען דען נישט געווען און זענען דען נישטאָ קיין אַנדערע לערער, ווייניקער פאַנטאַסטישע, לערער, וואָס האָבן געבראַכט ווייניקער ליידן, ווי ער, אָדער ווי זיינע תלמידים?

און ווער דאַרף עס הייגט „רעווידירן זיין פּראָצעס"? וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט פאַר אונדז, מאָדערנע מענטשן — אַן בפרט מאָדערנע יידן — זיך גריבלען אין די מימרות פון דעם עוואַנגעליום?

מען רעדט אין דער לעצטער צייט זייער אָפט פון אַ „פאַריייניקונג פון אַלע אמונות", און מען פאַרשטייט אפילו נישט, אַז דאָס מיינט אַ צעשטערונג פון אַלע רעליגיעס. אַזאַ פאַל איז דאָך שוין געווען אין רוים, און דווקא אַ קורצע צייט איידער דאָס קריסטנטום איז אויפגעקומען. מען האָט דאָרט אויך געוואָלט פאַרשמעלצן אַלע רעליגיעס— די רוימישע, די גריכישע, די עגיפּטישע, די סירישע — יופּיטער און דיאָניס און אַדאָניס און אָזיריס — אַלע אונטער איין דאַך — און פון דעם געמישעכץ איז אַרויסגעקומען אַ מין צירק־רעליגיע.

אָבער דאָס זענען אַלץ פראַגן, וואָס פאַרלאַנגען אַ ביסל מער פאַרטיפונג, מער רעליגיעזיטעט, ווי דר. קלויזנער פאַרמאָגט, און זיכער מער ווי זיין ענטוזיאַסטישער אַנטדעקער אין אַמעריקע.

איז קלויזנער, צום ווייניקסטן, אַ היסטאָריקער, אַ שריפטשטעלער, וואָס גיט זיך אָפּ זיין גאַנץ לעבן מיט דער „חכמת ישראל" — איז דר. סטיפען ס. וויז דאָך נישט מער ווי אַ רעדנער, און אַ רעדנער פון אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן סטיל. ציצעראָן האָט אין זיין באַוווסטער אָפּהאַנדלונג „וועגן דעם אָראַטאָר" געוואָרנט פאַר דעם „אַזיאַטישן" רעדנער־סטיל. ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף איין זייט די גריכישע רעדנער — דעמאָסטענעס, עסכין: — שאַרף, קלאָר, אָן איבעריקע ווערטער, אָן מליצות, אָן בלומען — און אויף דער צווייטער — די רעדנער פון דער אַזיאַטישער שולע: רעדנער, וואָס שרייען, קלאַפּן מיט די הענט און פיס, שיטן אַרויס טייכן פון ווערטער, און רעדן נישט צום קאָפּ, נאָר צום האַרץ, צום געפיל.

אַמעריקע האָט בכלל ליב די „אַזיאַטישע" שולע פון רעדן. נישט אומזיסט האָט דאָ געגאָלטן וויליאם דזש. ברייען פאַר אַ גרויסן, אויב נישט פאַר דעם גרעסטן רעדנער. און וואָס איז דען געווען ברייענס אָראַטאָריעע קראַפט, אויב נישט די איבערטרייבונג און דער פּאַטאָס און דער ים פון ווערטער? דער אַזיאַטישער רעדנער טראַכט נישט — ער רעדט. ער וויל נישט איבערצייגן, ער וויל באַטויבן, איבערראשן. ער דערוועקט נישט אייער דענקען. פאַרקערט, ער פאַר־שלעפערט אים. און ער איז גובר דעם שלאָפנדיקן. אַ מין דלילה, וואָס פאַרשלעפערט שמשונען, כדי אים צו באַזיגן.

אַזאַ מין אַרט רעדן קאָן מען זיך נישט אויסלערנען. מען מוז זיין אַזוי. מען מוז זיך אַליין פאַרשלעפערן דעם מוח מיט ווערטער און דער מעלאָדיע פון דער אייגענער שטימע. מען טאָר נישט זיין קריטיש, נישט צו זיך און צו אַנדערע אוודאי נישט; מען טאָר נישט צו לאַנג טראַכטן איבער דעם, וואָס מען גייט זאָגן. וואָס געפּלהאַפּטער די געדאַנקען, אַלץ גרעסער און שטאַרקער די רעדע, די רעדע פון דעם „אַזיאַטישן סטיל".

אמת, אַזאַ רעדע איז אייגנטלעך מער אַ דעקלאַמאַציע. „דעקלאַמאַטאָרן זענען זיי און נישט קיין אָראַטאָרן" זאָגט דער אייגענער ציי־צעראָן וועגן אַזעלכע רעדנערס. אמת, אַזאַ מין רעדע ווירקט נישט אויף דעם קריטיש־דענקענדיקן מענטשן, פּירט צו גאָרנישט, באַווייזט גאָרנישט. אָבער דאָס איז אויך נישט איר צוועק. וויל דער דעקלאַמאַטאָר אויף דער בינע ווירקן אויף דעם גייסט? האָבן פּאָסאַרט, זאָנענטאַל אָדער מענספּיעלד גערעדט צום שכל? זיי האָבן גערעדט צום פּובליקום, זיי האָבן געוואָלט באַצויבערן, באַגייסטערן, זיי האָבן געוואָלט דערפּאָלג און אַפּלאָדיסמענטן.

לערער, גייסטיקע פּירער, מענטשן, וואָס האָבן, וואָס צו זאָגן, זענען נישט קיין אָראַטאָרן און זיכער נישט קיין רעטאָרן, רעדנער פון דעם אַזיאַטישן סטיל. יעדנפאַלס אַזוי איז געווען דער יידישער באַגריף — פון אַ לערער, און דער גרעסטער, וואָס דאָס יידנטום האָט געהאַט, איז געווען אַ „כבד־פה".

און שטורעמט נישט, רבנים און פרומע יידן — שרעקט זיך נישט פאַר דער קאַרנעגי־האַל רעטאָריק! און זוכט נישט קיין סתירות, פרעגט נישט, ווי אַזוי איז דאָס צו פאַרייניקן — ציוניזם, נאַציאָנאַ־

ליזם, יעזוס, ווילסאָניזם, קאָנגרעס, רעליף, פרייע סינאגאָגע, אמעריקאַ־ניזם און — ווער ווייסט וואָס נאָך?

עס איז נישטאָ קיין סתירה, עס איז נישטאָ וואָס זיך צו וווגדערן. געדאַנקען קאָנען זיך סותר זיין, סיסטעמען קאָנען זיך באַקעמפן. אָבער ווערטער — וואָס זענען ווערטער? „אַ בלאָז פון א ווינט און נישט מער". און אפילו, ווען דער ווינט בלאָזט דורך אַ טרומפייט אָדער דורך א פלייט, אָדער אַמאָל אויך דורך אַ סאַקסאָפאָן — ווינט איז ווינט.

דוד לובין.

אן איטאַליענישע דאַמע — אָליוויאַ ראָסעטי אגרעסטי, האָט אָנגעשריבן אַ ווונדערלעכן ראָמאַן, איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע ראָמאַנען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען פאר אַ לאַנגער צייט, אַ ראָמאַן פון אַ פוילישן יידן, געבוירן ערגעץ אין אַ וויסטן שטעטל קלאָדאָוואַ, אין גאַליציע; אין יאָר 1849 געקומען קיין אמעריקע אלס אַ קליין קינד, אויפגעוואַקסן אין דער אַמאָליקער, פאָרהיסטאָרישער איסט סייד, אַרומגעוואַלגערט זיך אין גאַנץ אמעריקע, געארבעט אין מאַסאַטשוזעטס, געוועזן אַ גאָלדזוכער אין אַריזאָנאַ, דאָרט זיך געשלאָגן מיט אינדיאַנער, געחברט זיך מיט די ווילדסטע און פארצווייפלטסטע אוואַנטוריסטן פון יענע לעגענדארישע יאָרן, ווען אַמעריקע איז צום צווייטן מאָל אַנטדעקט געוואָרן: דערנאָך געוואָרן אַ שניטקרעמער אין סאַקראמענטאָ, קאַליפאָרניעס פאָליטישע הויפטשטאָט — און פארענדיקט זיין לעבן אַלס דער גרינדער פון דעם וועלטבארימטן אינטערנאַציאָנאַלן אינסטיטוט פאַר אַגריקולטור אין רוים.

און דאָס שענסטע דערביי איז, וואָס דאָס איז גאָרנישט קיין ראָמאַן, נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר פשוט אַ ביאָגראַפיע, לעבנסבאַשרייבונג פון דוד לובין, פון „לובין, וויינשטיין און קאָ.“, אַ שניטקרעמער פון קאַליפאָרניע; פון דוד לובין, וואָס אַ סך פון אונדז האָבן נאָך פערזענלעך געקענט.

ה. ג. וועלס האָט זיך אַמאָל פאראינטערעסירט מיט לובינס פיגור, און האָט געטראַכט אָנצושרייבן אַ ראָמאַן ארום אים. עס איז אַ שאָד, וואָס ער האָט עס נאָך נישט געטאָן, און אפשר נישט. וועלס וואָלט דאָך נישט געקאָנט אָנשרייבן קיין בעסערן, קיין אמתדיקערן בוך, ווי די אומפרעטענציעזע ביאָגראַפיע, וואָס דוד לובינס סע-

קרעטאַרין, פרוי אַגרעסטי האָט אָנגעשריבן. און נאָכמער, וועלס וואָלט זיכער קאָליע געמאַכט דעם טיפּ. ער איז געווען פאר אים פרעמד, ער האָט צו אים נישט געהאט קיין נאָענטע נשמה־באַציונג. צווישן וועלס און לובין איז געשטאַנען אַ וואַנט — און דאס איז: יידנטום. וועלס האָט אַ נעגאַטיווע באַציונג צו דעם יידנטום. ער האָט אים נישט ליב — ריכטיקער, ער האָט אים פיינט. נישט דעם יידן, נאָר דאָס, וואָס איז הינטער דעם יידן, די יידישע אידעע. לובין איז אָבער געוואָרן, וואָס ער איז געוואָרן, נאָר און ווייל ער איז געווען אַ ייד.

* *
*

מען רעדט אָפט פון יידנטום און יידישן גייסט, מען וואַריאירט, די טעמע אויף אַלע סקאַלעס, און זעלטן גיט מען זיך אָפּ אַ קלאָרן דין וחשבון: וואָס איז אָט דער „יידישער גייסט", ווו ווייזט ער זיך? תורה, נביאים, מאַראַל? ווו זעט מען זייערע שפּורן — טאַקע צווישן יידן? מיט וואָס זענען די יידישע פּעדלער, קרעמער „יוניאָן־לידערס", פּאַרזיכערונגס־אַגענטן, וואָדעוויל־פּאַרפאָסער און קריטיקער — מיט וואָס רעפּרעזענטירן זיי עס אַזוי דעם גייסט פון ישעיהו און פון עמוס? מיט וואָס זענען זיי העכער, בעסער, ווי דו אומצייליקע אַנדערע, פון די טאָמס און דזשאָנס און מיכלס? וואָס איז די גאווה אַזוי גרויס? געוויס, דאָ און דאָרט באַווייזן זיך אַמאָל מערקווירדיקע פיגורן, אַ לאַסאַל, אַ מאַרקס, און טרייסלען אויף די וועלט און צינדן אָן מיט זייער וואָרט אַ פייער און פירן; אָבער שטייען נישט אַקעגן זיי אַנדערע, נישט־יידישע וועלט־אויפטרייסלער? זענען לאַסאַל און מאַרקס סוף כל סוף נישט געווען קיין תלמידים? און וואָס איז דאָס יידישע, דאָס „ספּעציפישע" אין זיי?

אָבער אָט באַווייזט זיך פאַר אונדז אַ פיגור פון אַ יידן, אַ פּשוטן קרעמער, אַ מענטש כמעט אָן עלעמענטאַרער בילדונג, אַ ייד פון דער איסט סייד, אפילו נישט קיין גרויסער גביר, און דער ייד דערפילט אין זיך דעם אַלטן ברען, אָט דעם נישט־צו־דערזעטיקנדיקן דאָרשט נאָך גערעכטיקייט, נאָך יושר, נאָך אמת־חסד, — דעם ברען און די ענערגיע, דעם ווילן צו שאַפן, צו בויען, צו אָרגאַניזירן. דוד לובין, דער שניטקרעמער פון סאַקראַמענטאָ, דוד לובין

פון „לובין און ווייַנשטיין-קאָמ.‟ ווערט דער וואָרטפירער פון דעם אַמע-ריקאַנער פאַרמער, פון די אינטערעסן פון דער אַגריקולטור, דער באַשיצער פון דער „ערד‟. און נישט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אין דער גאַנצער וועלט.

דאָס, וואָס די גרעסטע עקאָנאָמיסטן און סאָציאַל-רעפאָרמער האָבן נישט געקאָנט דורכפירן, — די אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון דער אַגריקולטור, דאָס האָט דער קלאָדאָווער-קאַליפאָרניער ייד לובין אויפגעטאָן. עס איז אויך נישט קיין וואונדער. דער ייד איז דער איינציקער, וואָס דענקט און פילט — אינטערנאַציאָנאַל. דער ייד איז דער וועלטבירגער, דער אמתער קאָסמאָפּאָליט — אין דעם בעסטן זין פון דעם וואָרט. עס איז אפשר דאָס איינציקע, וואָס דער ייד האָט אַריינגעבראַכט אין דער וועלטקולטור. נישט קיין וויסנשאפט און נישט קיין קונסט, אָבער באַציונג און ווערטן. דער ייד האָט געשאַפן דעם באַגריף „צוזאַמען‟, דעם איינהייטסוווּנטש אין דער וועלט. דער אַלטער פילון פון אַלעקסאַנדריע האָט עס שוין פאַרשטאַנען. איז דאָך זיין „גאָט‟ געווען נישט מער ווי אַ באַ-ציונג פון טעטיקייטן, ווי אַ מין געאָמעטרישער צענטער פון אַלע שטרעבונגען, דער „אָרט‟. און וווּ איז דען פאַראַן אַ בעסערער, אַ טיפערער און אַ ריינערער גאָט-באַגריף, ווי דער תּלמודישער „המקום‟?

אַ צענטער — און פון אים ציען זיך די ראַדיען, און צו אים קומען זיי צוריק. דאָס איז דער תּוך פון יידנטום — דער פילאָזאָ-פישער אויסדרוק פון דער הלל'ישער עטישער פאָרמול: זיי צום צווייטן, ווי צו זיך אַליין.

אַזאַ פונדאַמענטאַלע וועלטבאַציונג קאָן זיך נישט באַשרענקען און באַגרענעצן אין די ראַמלעך פון נאַציאָנאַל-אינטערעסן. נאַציע, פאָלק און אַלצדינג, וואָס קומט אים, גוט; אָבער אַ מיטל, נישט קיין צוועק, אַ דורכגאַנג נישט קיין פאַרענדיקונג.

זעלטן פלאַמט אויף דערדאָזיקער יידישער פונק. ער ווערט אויסגעלאָשן ביי יידן. די סביבה איז צו שטאַרק, דער אַפּעטיט איז צו גרויס. אָבער פלאַמט ער אַמאָל אויף — קאָן מען אים נישט ביישטיין, איז ער גובר. ער האָט געזיגט אין דער וועלטגעשיכטע, ער זיגט היינט אויך, ווו ער ווייזט זיך נאָר.

לובינס ביישפּיל באַווייזט עס. מען האָט אים אַ צייט געהאַלטן פאַר אַ מאָדערנעם פאַנטאַסט, פאַר אַ „קרענק‟. ווי האָט עס גע-

קאָנט זיין אנדערש? קומט אַ ייד א סוחר און הייבט אָן דרשענען איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון אגריקולטור. מען האָט געלאכט. וואָס פאר אַ שייכות האָט א ייד צו ערדאַרבעט? וואָס קער זיך אָן דער אַמעריקאַנער פאַרמער, אָדער דער רוסישער מוזשיק מיט דעם שניטקרעמער פון סאַקראַמענטאָ? לובין האָט נישט געהאַט קיין שום דיפּלאָמען און סמיכות. ער האָט אפילו נישט געקאָנט רעדן אין אַ וויסנשאַפטלעך פּאָלירטער שפּראַך. זיין ענגליש איז תמיד גע-בליבן צופיל „אַריזאָניש", אָדער ריכטיקער — אַ געמיש פון איסט סייד און אריזאָנאַ־קאָו־באָי=ענגליש, אזוי אין רעדן, ווי אין שרייבן. און זיין וויסן איז געווען אַזוי משונהדיק: אַ כאַפּ פון ספּענסער, אַ צופּ פון עמערסאָן, און דער עיקר: תנ"ך. דאָס איז געווען דאָס איינציקע בוך, וואָס ער האָט ווירקלעך געלייענט, דער קוואַל פונוואַ־נען ער האָט געשעפּט זיין גאַנצן ענטוזיאַזם. און אזוי האָט ער אויך גערעדט — מיט פּסוקים פון ישעיהו, מיט משלים פון דער תורה— צונויפגעמישט מיט אַדיזאָנער „ווײַלד=וועסט"=מעשיות. אָבער ער האָט גערעדט אַזוי ווי ער איז געווען. און דאָס האָט געווירקט.

די ביבל ווירקט איצט שוואַכער — ווייל מ'קאָן זי מער נישט לייענען, אָדער, ריכטיקער — ווייל מען לייענט זי ווי אַ בוך, ווי א שטיק ליטעראַטור. אָבער הערט מען אַמאָל איינעם פאָרלעזן א קאַפּיטל ישעיהו מיט גויבן, מיט ענטוזיאַזם, און די באַקאַנטע ווערטער באַ=קומען א נייעם, אַ היפּנאָטיזירנדיקן קלאַנג. „גערעכטיקייט", „גע־רעכטע מאָס און גערעכטע וואָג" — ווער זאָגט דאָס נישט? עס זענען דאָך אלטע, מיליאָנען מאָל איבערגעחזרטע, אָפּגעריבענע ווער=טער. אָבער ווען דוד לובין איז געקומען צום קעניג פון איטאַליע וויקטאָר עמאַנועל, צו די דיפּלאָמאַטן פון אייראָפּע, צו מיניסטאָרן און געזאַנדטע און האָט זיי געזאָגט דידאָזיקע אַזוי גוט באַקאַנטע ווער=טער — האָבן זיי, צו זייער אייגענעם גרויסן דערשטוינען, דערפילט, אַז זיי הערען עס צום ערשטן. און זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע באַשרייבונגען אין דעם בוך פון פרוי אַגרעסטי איז די באַגעגעניש פון דוד לובין מיט דעם אי=טאַליענישן מיניסטער לואיזשי לוצאַטי. דאָס איז געווען די גרויסע אַנטשיידונג אין לובינס לעבן. ווען נישט לוצאַטי, וואָלט לובין קיינ־מאָל נישט דורכגעפירט זיין פּראָיעקט. און איך קאָן זיך אויסמאָלן דאָס וווּנדערבאַרע בילד, ווי די צוויי יידן, דער פּויליש-אַמעריקאַני־

שער און דער איטאַליענישער האָבן זיך באַגעגנט — ווי די ביידע האָבן דערפילט זייער נאָנטקייט, זייער געמיינשאַפטלעכקייט. לוצאַטי ווערט דאָרט אָנגערופן אין איטאַליע דער „נביא". זיי שמייכלען דאָך אויך, די שטאָלצע, רעאַליסטישע, מאַכט־דורשטיקע רוימער איבער דעם נאַיוון, גלויביקן, נביאישן אידעאַליזם פון דעם אַלטן לוצאַטי. געוויס, לוצאטי איז אויסערלעך גאַנץ „קאָרעקט". אַן עקאָנאָמיסט, אַ פּראָפעסאָר, אַ וווּנדערבאַרער פינאַנסיסט, אַ קלוגער און געמעסיקטער פּאָליטיקער, דורך און דורך קולטורמענטש, לעבנסלעגנלעכער שטאַטסראַט. צוויי מאָל פּרעמיער, אַ גלענצנדיקער רעדנער, אָבער — אונטער דעם אַלעמען שטעקט דער ייד. זיין פּאָליטיק איז אַ יידישע, אינטערנאַציאָנאַל-אָריענטירט: גערעכטיקייט, יושר, גלייכקייט און עטישע וועלט-באַציונג. לוצאַטי האָט פאַרשטאַנען זיין ברודער פון סאַקראַמענטאָ. און די צוויי יידן האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַל פאַר די, וואָס באַאַרבעטן די ערד. לוצאַטי האָט רעקאָמענדירט לובינען צום קעניג פון איטאַליע — און דער אינסטיטוט פאַר אַגריקולטור, דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרזוך פון קאָנסטרוקטיווער וועלט=פּאָליטיק איז געשאפן געוואָרן.

איך געדענק נאָך, ווי איך פלעג אין רוים אָפט באַוווּנדערן דעמדאָזיקן אינסטיטוט. ווייט ווי ער איז געווען פון מיינע אינטערעסן, אומפאַרשטענדלעך ווי עס איז מיר געווען זיין טעכנישע פירונג — האָב איך אָבער געפילט, אַז אין דערדאָזיקער שיינער געביידע אין דעם טראַסטעווערע — אין דעם נייערן טייל פון רוים, פון יענער זייט טיבער, ווערט געשאַפן וועלט=פּאָליטיק, וויכטיקער פון אַלע „פּאָליטיקן", וואָס ווערן אַזוי הייס דיסקוטירט אין דער זשורנאַליסטן-קאַפּע אַראַניאָ, אָדער אפילו אין דעם מאָנטעטשיטאָריאָ, דעם פּאַרלאַמענט פון איטאַליע. איך האָב בלויז דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט, אַז דאָסדאָזיקע ווערק פון דוד לובין איז געשאַפן געוואָרן, כדי „צו פאַרענטפערן דאָס יידנטום". דאָס האָט מיר לובינס ביאָגראַפיע געוויזן. דאָס איז געווען דער איינציקער מאָטיוו פון זיין לעבן. „דאָס לעבן פון דעם פאָלק ישראל, די לערע פון די נביאים האָבן געדינט, דינען און וועלן נאָך ווייטער דינען דערצו, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן צווישן די פעלקער יושר און גערעכטיקייט. מען רופט עס געוויינלעך אָן — דעמאָקראַטיע. אָבער אַלע כוחות פון דער דעמאָקראַטיע זענען: „ישראל". און דער זיג וועט קומען. אויב נישט אין אונדזערע טעג, אָבער אין די טעג-

וואָס וועלן קומען. מיר גלויבן אין דעם, ווי מיר גלויבן, אַז גאָט איז דער גאָט פון גערעכטיקייט". דאָס האָט געשריבן דוד לובין אין אַ בריוו, אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט — אין דעם יאָר 1918, און דאָס איז זיין גייסטיקע צוואה. דאָס איז די שטים פון דעם אלטן, אוראַלטן, אומגלויבלעך אַלטן ישראל, אַ שטים, וואָס איז שוין, דאַכט זיך, דערשטיקט, אָבער וואָס ברעכט זיך פּלוצלונג דורך פון די טיפענישן מיט אַזאַ סטיכישער קראַפט, מיט אַזאַ אימפעט, אַז די מויערן פון יריחו פאַלן פאַר איר.

אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָס איז אַזוי טיף נאַציאָנאַל, אַ וועלט-פאַרבריידערער, וואָס שטאָלצירט מיט זיין שורש, אַ פּויערים-פאַרזאָרגער, וואָס ארגומענטירט מיט מיניסטאָרן און פאַרמער אינמיטן אַ שמועס איבער ווייץ און קאָרן און פּרייזן און טרעסטן — מיט אַ ראיה פון רמב"ם! עס איז נישט קיין ווונדער, וואָס די צוהערער, ווער זיי זאָלן נישט זיין, די פאַרמערס פון טענעסי אָדער דער רוסישער מיניסטער קאָקאָווצעוו, זענען נשתומם געוואָרן. זיי האָבן זיכער יעדער פון זיי געזען יידן אויף זייער לעבן; אָבער אַזאַ יידן — האָבן זיי נאָך קיינ-מאָל נישט געזען. זיי האָבן זיך אים אַפילו נישט געקאָנט פאָרשטעלן. זיי זענען צום ערשטן מאָל געקומען אין בארירונג מיט דעם הייסן יידישן קוואַל — און ער האָט זיי דערוואָרעמט.

„איך בין אוועקגעגאַנגען פון אים מיט דער איבערצייגונג, אַז איך האָב צוויי שעה זיך צוגעהערט צו אַ יידישן נביא", — אַזוי רע-זומירט דער איינדרוק, וואָס לובין האָט אויף אים געמאַכט, דער באַ-ווּסטער אמעריקאַנער היסטאָריקער וויליאַם ראָסקאָ טהעיער, אין דער איינליייטונג צו דער לובין-ביאָגראַפיע.

אַ יידישער „נביא", וואָס האָט גערעדט צו דער וועלט. אָבער חוּ איז דער יידישער נביא, וואָס זאָל רעדן צום יידן? אַז „ישראל" איז אַ וועלטקראַפט, אַז זיין גרויסער טאָג וועט נאָך קומען, אין דעם גלויב איך אויך; אָבער אויב ישראל איז דער אינסטרומענט פון דער געשיכטע — מוז דער אינסטרומענט געריייניקט און געשליפן ווערן, איבערגעלייטערט און צוגעפּאַסט צו דער נייער אַרבעט. אַ ריזיקע אַר-בעט: יושר אין דער וועלט — און עס איז כדאי.

די איינזאַמע שפּראַך.

מען האָט ביז אהער געמיינט, אַז עס זענען בלויז פאַראַן צוויי איינזאַמע שפּראַכן אויף דער וועלט—איינע איז באַסקיש, די צווייטע אַלבאַניש. אַלע אַנדערע האָבן מיט עמעצן אַ שייכות, האָבן ברידער, פעטערס, קרובים. אַפילו אונגאַריש, וואָס האָט זיך אַ לאַנגע צייט געהאַלטן פאַר אַ פאַריתומטער שפּראַך, האָט באַקומען לייבלעכע קרובים. עס זענען געקומען צו לעבן — ד. ה. עס זענען אַרויף אויף דער וועלט-בינע אָט די קליינע שפּראַכלעך, די פינישע, די טורקיש-טאָטערישע, און אונגאַריש האָט דערקענט דאָ און דאָרט נאָענטקייט.

בלויז באַסקיש — אין די פירענייען — שטייט אַליין, ווי אַ פעלז, און האָט קיינעם נישט און ווייסט נישט פונוואַנען זי קומט, ווער אירע עלטערן זענען געווען, האָט נישט קיין ברידער. און אַזוי אויך די אַלבאַנישע שפּראַך, וואָס עס האָט אַמאָל גערעדט—ווי מען מיינט—אַלעקסאַנדער מוקדון, די שפּראַך פון אַכילעס. אַ שפּראַך, וואָס ווייסט ווער איר זיידע איז געווען, אָבער דער טאַטע איז איר פרעמד. אָבער ביידע — אי באַסקיש אי אַלבאַניש — פילן גאָרנישט, אַז זיי זענען יתומים. זיי לעבן, זיי זענען, און עס איז זיי גוט. די מענטשן, וואָס האָבן דידאָזיקע שפּראַכן, האָבן זיי ליב, לייגן אויף זיי כבוד, און די אַלטע קלאַנגען ווערן מיט יעדן דור, וואָס קומט, אַלץ ייִנגער, פרישער, לעבעדיקער. זיי זענען איינזאַם — פילאָלאָגיש — און עס אַרט זיי גאָרנישט.

און אָט אַ פּאַראַדאָקס. אָט איז אַ שפּראַך, וואָס איז, לויט אַלע באַגריפן און נאָך אַלע דעות, סיי ווּיסנשאַפטלעך, סיי פּאָליטיש-סאָציאָלאָגיש, גאָרנישט איינזאַם. פאַרקערט, שטייט אינמיטן פון דער גרויסער שפּראַך-פאַמיליע, ווייסט גאַנץ גוט פונוואַנען זי קומט, ווער

זי איז, ווי אירע קוואַלן זענען. און נאָכמער — עס איז נישט די שפּראַך פון אַ באַרג־פאָלק, ווי די אַלבאַנישע אָדער די באַסקישע, פון אַ פאַרשפּאַרט פאָלק. פאַרקערט — עס איז די שפּראַך פון אַ פאַר־שפּרייט — צו פאַרשפּרייט — און איינגעשפּאַרט פאָלק. ווו הערט מען זי נישט? ווו רעדט מען זי נישט? אירע קלאַנגען ציטערן אויף די סטעפּעס פון אוקראַינע און אויף די „פּאַמפּאַס" פון אַרגענטינע, אין דער הייסער בראַזיליע און אין דער קאַלטער סיביר, אין דרום־אַפריקע און אין צפון־אַמעריקע, אומעטום, ווו עס איז דאָ אַ ישוב, הערט מען זי.

אַ קינד פון אַ מזרח־טאַטן און אַ מערב־מאַמען, אַ בריק צווישן סעמיטישער און „אינדאָ־גערמאַנישער" קולטור.

העברעיש, דייטש, סלאַוויש — אַלע פאָרמען, אַלע וואָרטבילדער צונויפגעמישט אין אַ נייעם אינהאַלט. און דערפאַר איינע פון די צענטראַלסטע, איינע פון די מאָדערנסטע שפּראַכן. און ווייטער: איינע פון די ווייניקע שפּראַכן אין דער וועלט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט יסורים, וואָס האָט אַ רעגיסטער פון זיפצן, פון בין־השמשותדיקייט.

ווי דאָס פאָלק — ווי דער טראָגער פון דער שפּראַך.

ווי יידן — אַזוי יידיש.

דאָס פאַרשפּרייטסטע, דאָס טומלדיקסטע פאָלק — און דאָס איינ־זאַמסטע.

אומעטום דאָ—און אין ערגעץ נישט פאַרוואָרצלט. מיט אַלעמען—און קיינמאָל נישט מיט זיך אַליין.

ווייל כבוד פון אַנדערע — יאָגט זיך נאָך אַ ברעקל אָנערקענונג, פרייט זיך, ווי אַ קינד, ווען מען זאָגט אַ גוט וואָרט אויף אים, מאַכט זיך נאַריש, חנפעט — צוליב אַ גלעט אין באַק — אָט דאָס אַלטע, דאָס דערפאַרענע, דאָס ציניש־קלוגע יידישע פאָלק — און ביי זיך, צווישן זיך — אַ ביטול, וואָס דערגייט צו פאַראַכטונג. „עט, אַ ייד!" — „אויך מיר אַ מצאָצע!"

און דער ייד, דער איינזאַמסטער צווישן אַלע מענטשן, וואָס קאָן נישט זיין מיט זיך אַליין. און די איינזאַמסטע פון אַלע שפּראַכן,— די, וואָס באַטראַכט זיך אַליין פאַר אַ צופאַל, פאַר אַן איבעריקן באַלאַסט, וואָס מען דאַרף אַראָפּוואַרפן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

קאָנט איר זיך אויסמאָלן אַן איטאַליענער אָדער אַ דייטש, וואָס זאָל זאָגן: „איך קען נישט די שפּראַך פון מיין פאָלק"? עס

איז גאָר אַן אומפאַרשטעלבאַרע זאַך. און טרעפט זיך אַמאָל, אַז איינער האָט באמת — צוליב צופעליקע, אויסנווייניקסטע סיבות — פאַרגעסן אָדער קיינמאָל נישט געלערנט זיין שפּראַך, שעמט ער זיך דערמיט, באַמיט ער זיך צו פאַרדעקן און אַנטשולדיקן זיין פעלער.

אָבער ווער פון אונדז איז זיך נישט צונויפגעקומען מיט יידן, וואָס שטאָלצירן דערמיט, וואָס זיי קאָנען נישט רעדן, וואָס פאַרשטייען אַפילו נישט קיין יידיש? איך טרעף די טעג איינעם אַ באַוווסטן אייראָפּעישן יידישן כלל-טוער, אַליין אַ וויטעבסקער, און דווקא פון „עמך" — פון די פאָלקסמאַסן. זיין פאָטער, מיר דוכט זיך, אַ בעל-מלאכה, געהאַט דאָס גליק צו ענדיקן — עס איז געווען זיכער פיר וואָכן פאַר וואַרשע—אַ „טשטעראָך-קלאַסנע אוטשילישטשע"— גאַנצע פיר קלאַסן פאָלקסשול אינדערהיים, אויסגעלערנט זיך דאָרט אַ ביסל רוסיש, וויטעבסקער רוסיש—און איז פון דעמאָלט אַ „רוסאַק". וווינט שוין אַ יאָר פינף און צוואַנציק, דרייסיק ווייט פון רוסלאַנד, באַשעפטיקט זיך אַלץ מיט יידישע ענינים—אויסשליסלעך און איבערצייגט — און פונדעסטוועגן: „ווי וויעד זנאַיעטי, יאַ ניע גאָוואָריו נאַ זשאַרגאָניע" — „איר ווייסט דאָך, איך קאָן נישט רעדן קיין זשאַרגאָן".

אמת, ער וויל מען זאָל שרייבן וועגן אים אין יידישע צייטונגען, מען וואָלט אַפילו געקאָנט פועלן ביי אים, ער זאָל שרייבן פאַר יידישע צייטונגען — בפרט אין אַמעריקע, ווו מען צאָלט מיט דאָלאַרס — אָבער אויסלערנען זיך יידיש—דאָס נישט. עס איז אונטער זיין כבוד.

איך טרעף אַן אַנדערן, אַן אָדעסער, אַ פאַרטרעטער פון אַ יידישער צייטונג-אונטערנעמונג. מיר זענען ביי אַ זיצונג. ער נעמט דאָס וואָרט — צופעליק פאַרשטייט די מערהייט דאָרט נישט קיין רוסיש, רעדט ער אַ מין געבראָכענעם מאָלדאַוואַנקאַזירטן דייטש. „איר ווייסט דאָך, איך קאָן נישט קיין יידיש" — איז ער זיך מודה און שמייכלט דערביי צופרידן: איר זעט, וואָס פאַר אַן אינטעליגענט איך בין.

און אויב אין אייראָפּע אַזוי — וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון אַמעריקע? דאָ שעמט זיך יעדער „באַי" און יעדע „גורל", וואָס זייערע עלטערן האָלטן „יידישע פּייפּערס". אַ מיידל, וואָס שטאַמט פון ראַכמיסטריווקע און וווינט אויף פּיטקין עוועניו, ווערט אַזש רויט פאַר בושה, ווען איר חברטע, אַ מיידל פון מיכאַיליסקע און וווינט

„אין דער בראָנקס", דערפֿאַר וואָס בײַ איר אין הויז קלינגען נאָך יידישע טענער, וואַרפֿן זיך אין די אויגן „יידישע אותיות" — אָט די אותיות, וואָס זענען „פֿול מיט טרערן", טרערן פֿון דורות.

פֿון שעמען זיך ביז פֿיינט האָבן איז אַ שפּאַן. און אָפֿט, זייער אָפֿט, איז דער שפּאַן שוין געמאַכט. עס איז באמת אַן איינציקע דערשיינונג אין דער וועלט: אַ פֿאָלק, וואָס האָט פֿיינט זיין שפּראַך.

דוכט זיך, אַזאַ פּשוטע, אַזאַ פֿאַרשטענדלעכע זאַך: עס ווערט געגרינדעט אין ירושלים אַן אוניווערזיטעט. דערווייל נאָך אַ טשוואָק פֿאַר אַ הענגלייכטער, ווייטער גאָרנישט. ווייל דער „טאָג" צום טשוואָק צוגעבן אַ שטיקל הענגלייכטער. און עס ווערט באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ יידישע קאַטעדרע, אַ סעמינאַר, אַ פּראָפֿעסור פֿאַר דער יידישער שפּראַך. אַלצדינג אין אָרדענונג — אַלצדינג באַזאָרגט: די שפּראַך פֿון לימוד וועט זיין העברעאיש, מען זאָל, חלילה, נישט פֿאַרווונדן דעם איידעלן און דינעם אַקוסטישן נערוו פֿון דעם פּאַלעסטינע-ישוב, עס זאָל זיך-פֿאַר קיין שום יידן נישט געדאַכט — נישט דערהערן אין די געהייליקטע ווענט אַזאַ פּראָפֿאַנער קלאַנג, ווי דער קלאַנג פֿון דער שפּראַך, וואָס דער בעל-שם האָט גערעדט, וואָס ר׳ נחמן בראַצ-לאַווער האָט איינגעשפּונען אין זיינע חלומות, די שפּראַך פֿון יידישע ליידן און הונדערטער יאָרן פֿון טראַכטן און שאַפֿן.

אָבער דאָס איז נישט גענוג. עס איז אַלץ נאָך נישט כשר. און מר. נאָרמאַן בענטוויטש און הער אוסישקין מיט די הערן יעלין און קלויזנער—זיי פּראָטעסטירן. וואָס אַרט עס זיי? און ווען, צ. ב., עס זאָל איינפֿאַלן היינט אַ יידן פֿון פּערסיע צו גרינדן אין ירושלים אַ קאַדעטרע פֿאַר פּערסישער פֿילאָלאָגיע, און דערצו נאָך געבן דערויף הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָלטן נישט מר. בענטוויטש און הער או-סישקין און דער „יהדות ואנשות"דיקער דר. אָדער פּראָפֿ. קלויזנער, דער בר-פּלוגתא פֿון ווילהעלם דעם צווייטן אין דער יעזוס-פֿראַגע — זיך ממש אויסגעצויגן פֿאַר דאַנקבאַרקייט און געזאָגט: „תורה רבה"— אַפֿילו אויף פּערסיש?

און עס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך. וואָס איז אַן אוניווערזיטעט אָן קאַטעדרעס, אָן סטודענטן, אָן למודים, אָן פּראָפֿעסאָרן, אָן אַ פּראָגראַם און אָן געלט?

אָבער — עס קומט צו „יידיש" — דער שפּראַך פֿון דעם רוב פֿון יידישן פֿאָלק — און זיי פֿאַרשטעלן זיך — דער ענגלענדער מר.

בענטוויטש, דער האלב-ספרדישער מר. יעלין און די אָדעסער או-סישקין און קלויזנער, דאָס פּנים פאַר בזיון און שרייען: „ניין — לא מעוקצך ולא מדובשך". יידיש! אַ חילול השם! יידיש — ירושלים וועט צום דריטן מאָל ווערן אַ חילול פאַר דעם הר הצופים!

קלויזנער געדענקט נאָך אַלץ „שפּחה" — די דינסט, וואָס דער-וועגט זיך אַקעגן דער באַלעבאָסטע, דער האַרין, דער העברעישער שפּראַך. ער פאַרגעסט נאָר, אַז די צייט פון „שפּחהדיקייט" איז שוין פאַרביי, סאָציאַל, פּאָליטיש און קולטורעל. ער פאַרגעסט, אַז די וועלט פון 1927 איז אַן אַנדערע ווי אין 1900. אַנדערע צייטן — אַנדערע פייגעלעך, אַנדערע לידער. אַ ליד פון פרייהייט פאַר יעדער קולטור-פּערזענלעכקייט. און אויך פאַר דער יידישער.

איך וויל דאָ גאָרנישט אַריינגיין אין דעם עצם פון דער פראַגע: יידיש אָדער העברעיש אין פּאַלעסטינע. איך גלויב, אַז סוף כל סוף איז דאָס נישט אונדזער עסק. לאָז זיך פּאַלעסטינע אַליין פאַרנעמען מיט דעם פּראָבלעם. אַזוי וואָלט עס באַדאַרפט זיין אויף אַלע געביטן, אַפילו אויף דעם עקאָנאָמישן. „פּאַלעסטינע פאַרא דאָ סע". זי וועט זיך אַליין מוזן אַרויסדראַפּען פון אירע שווערע פּענטעס, און אויך פון די, וואָס די קנאים פון יעדער ריכטונג האָבן אויף איר אַרויפ-געלייגט. און פּאַלעסטינע וועט אויך, פריער אָדער שפּעטער, מוזן קומען צו דער גלייכער פאַרשטענדעניש פון דער צייט. מען קאָן נישט אַרומגיין גאַנצע טעג, אַלע 365 טעג אין יאָר מיט אַ קדושה-שיין אויפן קאָפּ, אָדער, ווי דאָס אַלטע יידישע בילד איז—מיט תפילין און טלית. נישט אין ווערטער איז הייליקייט און נישט אין אותיות.

און בנאמנות — אין דעם העברעיש פון איתמר בן אבי אָדער פון דעם „דואר-היום" איז דאָ ווייניקער המשך פון דורות, ווי אין דעם יידיש פון מענדעלע מוכר ספרים אָדער פון פּרץ.

גוט — ווילן די קנאים פון ארץ-ישראל האָבן אומבאַדינגט אַ שפּראַכקאַמף, אַ קולטורקאַמף — ווילן זיי אים האָבן, ווילן זיי אָפּ-רייסן לחלוטין דעם יונגן ישוב פון דעם גרויסן יידנטום, פון כלל-ישראל, ווילן זיי איזאָלירן פּאַלעסטינע און דערמיט די יידישע מאַסן אין אַלע איבעריקע לענדער, זאָלן זיי עס פּרובירן. און ווילן זיי ריזיקירן די צוקונפט פון פּאַלעסטינע פאַר זייערע חובב-ציונדיקע, אַלטמאָדישע, שפּראַך-פאַנאַטישע פּראַזן — וועלן מיר דאָס נישט דער-לאָזן. זיי זענען דערווייל נאָך נישט די באַלעבאַטים פון ארץ-ישראל.

דערווייל האָבן מיר נאָך אַ שטיקל דעה — און עס וועט זיין אַ טרויעריקער טאָג פאַר דעם יידישן פאָלק — און נאָכמער פאַר ארץ-ישראל — ווען עס וועט צעריסן און צעשניטן ווערן די פאַפירענע בריק צווישן יידן און דעם לאַנד פאַר יידן.

• • •

אָבער זענען זיי טאַקע איינגאַנצן שולדיק? ליגט נישט אַ גרויסער טייל פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף דער יידישער אינטעליגענץ גופא? איז זי בעסער? איז איר באַציונג צו זיך אַליין, צו איר אייגענער אַרבעט אַ ווירדיקערע?

אַ קליינער, אַ שטעכענדיקער ביישפיל. געווען די טעג אַ „הזכרת נשמות" פאַר ה. ד. נאָמבערג, פון די ערשטע יידישע שרייבער, איינער פון די בעסטע, די פאָרנעמסטע, די קלוגסטע, די פירנדיקסטע, איינער.

געשטאָרבן אַ פריען טויט, געשטאָרבן פאַר דער צייט. אַ שווערע וווּנד פאַר דער יידישער ליטעראַטור. און ווי האָט די יידישע „אינטעליגענץ", די יידישע שרייבער-וועלט, די יידישע פרעסע-גיבורים, ווי האָבן זיי זיך באַצויגן צו דעם פאַקט?

אַ פאָר אַרטיקלען אין די צייטונגען. אַרטיקלען — אַך, גאָט, ווען איך דערמאָן זיך אָן איינעם פון די אַרטיקלען, וואָס איך האָב געליינט — פלאַמט מיר דאָס פנים פאַר צאָרן און פאַר בושה. איך מיין דעם אַרטיקל פון אַב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס". אַב. קאַהאַן דערציילט, ווי ער האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק זיך געטראָפן מיט נאָמבערגן אין בערלין און זיך דורכגערעדט מיט אים וועגן זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „פאָרווערטס".

און מיט דער צעפלאַכטענער נאַיוויטעט, וואָס איז זיין סטיל און זיין אייגנאַרט, דערציילט דער „אַמעריקאַנישער רעדאַקטאָר," אַז ער האָט געזאָגט צו נאָמבערגן אָט אַזוי, מיט די דבורים: „איך

האָב געלייענט אַ פּאָר אייערע אַרטיקלען אין „מאָמענט" און האָב דערזען, אַז איר האָט מיינונגען (!) וועגן ליטעראַטור"...

איך קאָן זיך אויסמאָלן דעם איראָנישן שמייכל אויף נאָמבערגס פּנים, ווען ער האָט דערהערט אַזעלכע „לויב-ווערטער". און איך קאָן זיך אויך אויסמאָלן זיין געפיל פון פאַרביטערונג.

וואָלט אַ פּוילישער רעדאַקטאָר געוואָגט אַזוי צו רעדן צו סטאַניסלאַוו דזשאַדאָווסקי — דעם קריטיקער? וואָלט אַן אַמעריקאַנישער רעדאַקטאָר געהאַט די העזה צו „לויבן" אַזוי מר. מענקען, אָדער אַפילו אַ קלענערן, ווי מר. הייוואוד ברון?

אַזוי רעדט מען דאָך מיט א יינגל, מיט אַן אָנהייבער, נישט מיט אַ שריפטשטעלער, וואָס שטייט אין דער ערשטער ריי פון דער יידישער ליטעראַטור, מיט אַ מענטשן, וואָס האָט היסטאָרישע פאַר־דינסטן פאַר דער יידישער קולטור-אַרבעט!

אַב. קאַהאַן שעמט זיך גאָרנישט מיט דעם פאַקט, וואָס ער — דער אַזויפיל און אַזויפיל-יאָריקער רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צײַ־טונג — האָט קיינמאָל נישט געלייענט נאָמבערגס שריפטן. ער האָט אַזוי ווייניק דרך-ארץ פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַז עס פאַלט אים גאָרנישט איין דער חשד, אפשר איז זיין אומוויסנקייט טאַקע אַ נישט צו דולדנדיקע עם-הארצות.

ביי אַנדערע פעלקער איז דער שרייבער די מאַכט — דער רע־דאַקטאָר בלויז אַ פאַרמיטלער צווישן דעם שאַפנדיקן און דעם לעזער; ביי יידן, אויף דער יידישער גאַס, קאָן אַ רעדאַקטאַר — און דערצו אַ רעדאַקטאָר, וואָס שרייבט פאַר דעם יידישן עולם (אין איינעם פון זיינע „רוסישע בריוו"): „אויפן פענסטער, דאָס הייסט ווינדאָו" — ווייל „פענסטער" איז דאָך אַזאַ שווער, אויסטערליש פון תרגום שטאַמענדיקער וואָרט, מוז מען עס פאַרטייטשן אויף פליין-יידיש! — ביי אונדז, זאָג איך, קאָן אַ רעדאַקטאָר זיך נעמען דאָס רעכט נישט צו לייענען, נישט צו קענען, צו איגנאָרירן און מבטל זיין די פירער פון דעם יידישן גייסט. און עס איז ניחא, און אַלע נעמען עס אָן פאַר אַ נאָרמאַלער דערשיינונג.

אַלע? ווער — אַלע?

די שרייבער? — אָט איז געווען די „הזכרת נשמה" — אַ מע־מאָריאַל-מיטינג. איך האָב דערוואַרט, אַלע האָבן דערוואַרט, אַז אויב דער ברייטער עולם וועט נישט שטורעמען דעם זאַל — די שרייבער,

צום וויניקסטן, ווען קומען. אַן אייגענער, אַן אונדזעריקער, אַ קעמ־פער פאַר דער יידישער שפּראַך איז געשטאָרבן — ווער דאַרף אים אָפּגעבן כבוד מער פון די יידישע שרייבער, די יידישיסטן, די קולטור־טרעגער?

„ער ציילט די קעפּ פון זיינע טייערע" — און זע: קוים אַ מנין האָט זיך פאַרזאַמלט. אויף איין באַנק האָבן זיי זיך אויסגעזעצט, די קלעגן פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

אַ הייפעלע, אַ „קומץ"...

און איר ווייסט, קיין „קומץ" קאָן נישט אָנהאַדעווען דעם לייב.

זענען די שרייבער אַליין אַזוי אָפּגעטאָן פון יידישע באַציונגען, האָבן זיי אַליין נישט קיין רעספּעקט צו און פאַר זיך, זענען זיי זיך אַליין מבטל — ווער זאָל העלפן, ווער זאָל פאָלגן, ווער זאָל ליב האָבן דאָס איינזאַמע יידישע וואָרט?

איינזאַם — דאָס אָרעמע, עס וואָגלט אַרום אין דער וועלט — און וואָס ווייטער, וואָס ברייטער דער שטח פון איר וואַנדערונג — אַלץ שוואַכער ווערט איר ווידערקול, און באַלד — ווער ווייסט — באַלד בלויז אַ זיפץ אין דער נאַכט־ווי אַ ווינט איבער אַ הערבסט־פעלד.

אויף דעם רמב"ם'ס קבר.

אין טבריה, אין דער „הייליקער שטאָט", אויף דעם אַלטן בית-עלמין, שטייט אַן אַלטער, אַלטער קבר. שטייט שוין זיבן הונדערט און ניינצן יאָר. אויף דעם קבר אַן אַלטע מצבה, און אויף איר זענען אייגעקריצט די ווערטער: „פה טמון רבנו משה מבחר האנושי" — „דאָ איז באַהאַלטן רבי משה, דער אויסגעקליבענער צווישן די מענטשן".

און יידן און אַראַבער — פרומע יידן, פרומע אַראַבער — גייען אויף דעם קבר פון „רבנו משה" פון „אבו-עמראן מוסא בן מימון עובייד אלה". זיי זענען עולה רגל צו דעם אַלטן קבר, ווי מען איז עולה רגל צו דעם קבר פון ר' שמעון בן יוחאי; צו אַנדערע, מער אָדער ווייניקער היסטאָרישע, מער אָדער ווייניקער לעגענדאַרישע קברים און מצבות פון אַמאָל.

ווייסן די פרומע, די נאַיִווע נשמות צוליב וואָס זיי גייען צו דעם אַלטן קבר פון דעם גרעסטן יידישן דענקער און לערער, ר' משה בן מימון? ווייסן זיי, פאַרוואָס זיי שטרעקן זיך אויס אויפן אַלט אָריענטאַלישן אופן אויף דעם קבר פון דעם רמב"ם? וואָס ווילן זיי דאָרט? וואָס בעטן זיי דאָרט?

עס איז זיכער די גרעסטע איראָניע פון דער געשיכטע, אַן איראָניע, וואָס איז מעגלעך בלויז אין דעם מזרח, אין ארץ-ישראל, ווו אַלצדינג איז מעגלעך, אין דעם לאַנד, וואָס האָט אַ פּאַטענט אויף נסים און אויף אוממעגלעכקייטן. קען מען זיך אויסמאָלן, אַז דייטשן קומען עולה רגל זיין צו דעם קבר פון עמנואל קאַנט אין קעניגסבערג? קומען און בעטן ביים פילאָזאָף, ביים אויסדענקער פון דער „קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט" — קינדער און פרנסה און רעגן? קען מען זיך אויסמאָלן האָלענדער, אָדער יידן, אָדער גלאַט דענקנדיקע

מענטשן, קומען קיין אַמסטערדאַם צו דעם מאָנומענט פון שפּינאָזע אויף דער פּרינצן-גראַכט און דאַוונען פאַר אים?

אָבער אין פּאַלעסטינע איז דאָס מעגלעך. און עס איז אויך שיין. זיי ווייסן נישט, פאַרוואָס זיי גייען צום קבר פון דעם רמב״ם, אַט די אַלטע יידן אין ווייסע זשופּעצעס, אַט די בעדואינען אין ווייסע בורנוסן און אין טורבאַנען, — אָבער זיי פילן דרך-ארץ; זיי פילן אינסטינקטיוו, אַז דאָס איז „הייליקע ערד", וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך גייסט. און וואָס דער גייסט זאָל נישט זיין — יעדער גייסט איז הייליק.

• •
•

עס איז זיכער, אַז דער רמב״ם אַליין וואָלט פּראָטעסטירט, ווען ער וואָלט געוווסט, וואָס עס וועט זיך טאָן אַרום זיין קבר. ער האָט עס זיך אוודאי נישט אויסגעמאָלט. ער האָט אפשר גאָר געוואַרט אויף אַן אַנדער גורל. איז ער דען נישט געווען אייגנטלעך אַן „אפּיקורס"? איינער פון די, וואָס האָבן צעשטערט פונדאַמענטן?

זיינע צייט-חברים—און דער דור, וואָס איז געקומען באַלד נאָך אים— זיי האָבן עס געוווסט. זיי האָבן געפילט, אַז דער קאָרדאָוועער-קאַירער רב און דאָקטאָר איז געווען מער, ווי אַ גאָטפּאָרכטיקער געלערנטער, אַ דערקלערער, אַ מפורש. זיי האָבן געוווסט און געפילט, אַז ער איז געווען אַ גייסטיקער פירער, און דערפאַר אויך אַ רעוואָלוציאָנער. מען האָט פאַרברענט זיינע ספרים אין מאָנפּעליע, מען האָט געראַדפט זיין שיטה אין די אַלטע און אין די נייע צענטערס פון דעם יידישן קיבוץ.

אמת, ער האָט סוף כל סוף געזיגט. אָבער בלויז ער. בלויז זיין נאָמען, זיין פּערזענלעכקייט. אמת, דאָס פאָלק האָט אים אַריינגענומען צווישן די ווייניקע גאָר גרויסע, צווישן די זיילן פון דעם יידנטום, געמאַכט פאַר אים אַ פּלאַץ לעבן משה רבינו. „ממשה ועד משה לא

קם כמשה", — „פון משה ביז משה איז נישט געווען אזא משה". פון משה בן עמרם ביז משה בן מימון.

אָבער האָט דער „מורה נבוכים געזיגט? איז די שיטה פון דעם רמב"ם אַריין אין דעם באַוווסטזיין פון די גרויסע מאַסן פונם יידישן פאָלק? האַלט שוין היינט דאָס יידנטום, דאָס שטרענג-רעליגיעזע, דאָס אַלט-טראַדיציאָנעלע, ביי דער מדרגה פונם „מורה-נבוכים"?

און איז שוין באמת געקומען די צייט צו שטעלן אַ מאָנומענט אויף דעם קבר אין טבריה, ווי די ספרדישע יידן האָבן עס פּלוצלונג פאַרטראַכט? מאָנומענטן שטעלט מען אַ זיגער, אָבער נישט קיין שעפער, נישט קיין דענקער, נישט קיין דיכטער. עס איז נישטאָ קיין גרעסערע טראַגיק, ווי, צום ביישפּיל, דער מאָנומענט פון שפּינאָזאַ אין אַמסטערדאַם, אָדער דער מאָנומענט פון היינע אין די בראָנקס. שטייט אַ שטיין, אויף דעם שטיין אַ בראָנזענע געשטאַלט מיט אַ נאָמען. אַ גרויסן נאָמען, אַ באַרימטן נאָמען. אָבער מחנות מענטשן גייען פאַרביי און קוקן זיך אפילו נישט אום. און אפילו ווען זיי שטעלן זיך אָפּ, אפילו ווען זיי לייענען איבער דעם נאָמען — וואָס זאָגט ער זיי? וואָס איז ער פאַר זיי? און די, וואָס ווייסן, די, וואָס בויגן דעם קאָפּ אין הכנעה און יראת-הכבוד פאַר דעם גרויסן נאָמען, זיי דאַרפן נישט האָבן דעם מאָנומענט. זייער מאָנומענט פאַר זייער לערער, פאַר זייער באַגייסטערער — איז זיין אַרבעט, איז זיין לערע, איז זייער לעבן. פאַר זיי איז ער נאָך נישט טויט.

עס קומט אַמאָל אַ צייט, ווען אַ מאָנומענט ווערט נייטיק. און דאָס איז די צייט, ווען אַלע זענען מסכים, ווען דער געדאַנק פון דעם דענקער, די וויזיע פון דעם דיכטער ווערט אַ רעאַליטעט, גייט אַריין אינעם לעבן פון די מענטשן און ווערט א שעפערישער פאַקט. און ווערט פאַרשטיינערט.

יעדער מאָנומענט שטייט אויף אַ קבר — פון דעם לעבעדיקן גייסט.

איז דער רמב"ם שוין טויט? האָט ער שוין געזיגט? איז זיין אַרבעט שוין געוואָרן דער אויסגאַנגפּונקט פאַר אַ נייעם יידנטום? איז זיין קבר שוין באמת אַ קבר? — אַ פאַרמאַכטער, אַ פאַרזיגלטער?

געוויס, היסטאָריש איז דער רמב"ם טויט. און זיין ווערק מיט אים. זיין גאַנצע פילאָזאָפיע איז פאַרעלטערט. זיין אָריענטאַציע אויף אַריסטאָטעלעס, זיין מי צו בויען אַ בריק צווישן אַריסטאָטעלעס און

יידנטום איז פונקט אזוי פרוכטלאָז, ווי דער פאַרזוך פון פילון צו פּלאַטאָניזירן דאָס יידנטום, אָדער פון יהודה הלוי צו שאַפן אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן דעם יידישן ראַציאָנאַליזם און דער מיסטיק.

נישט אַריסטאָטעלעס און נישט פּלאַטאָן, נישט די אַראַבישע פילאָזאָפן און נישט די אַלעקסאַנדריינישע אויסטייטשער פון אַריסטאָטעלעס — אַלכּסנדר און פּאָרפּיריוס — נישט זיי האָבן איצט אַ לעבנסווערט פאַר אונדז. נישט נאָר אונדזער וויסן איז אַנדערש, ברייטער, גרעסער, טיפער, נאָר אַפילו אונדזערע פּראָבלעמען, אַזוי צו זאָגן, די צוגאַנגען צום לעבן זענען פאַרשידן.

אָבער דאָס איז אויך נישט געווען דער עיקר פונם רמב"מס ווערק. ער האָט אויך בלויז גערעדט אין דער שפּראַך פון זיין צייט, אין דער טערמינאָלאָגיע פון זיין סביבה. און די טערמינאָלאָגיע איז געווען נישט אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו דעם גרונטגעדאַנק, פּונקט ווי שפּינאָזאַס טיפסטער אינהאַלט איז געווען מער פּערדעקט, ווי אַנטפּלעקט פון דער אומגעלומפּערטער דעקאַרטישער טערמינאָלאָגיע, וואָס ער באַנוצט, געמוזט באַנוצן, ווייל אַ מענטש רעדט תּמיד אין דער שפּראַך פון זיין צייט.

דער גרונטגעדאַנק פון דעם רמב"ם, זיין צענטראַלע אידעע, איז געווען פיל טיפער, ווי בלויז אַ דערקלערונג פון דער תּורה, אומפילאָזאָפירונג פון דעם יידנטום — נאָך איין שיטה, צי נאָך אַן אַנדערער.

„השכל השופע עלינו הוא הדבוק בינינו ובין הש"י („מורה-נבוכים"), אין דעם שעפערישן פאַרשטאַנד איז די פאַרבינדונג: צווישן אונדז און גאָט, ווייל גאָט איז שכל, ווייל די וועלט איז שכל, און שכל איז דער מענטש. „שכל הפועל" דער אַקטיווער פאַרשטאַנד, דאָס הייסט נישט בלויז דער פאַרשטאַנד, וואָס נעמט אויף איינדרוקן פון דער אויסנוועלט און פאַרבייט זיי, נעמט זיי אויף פּאַסיוו, גיט זיך אונטער צו זיי, נאָר דער אַקטיווער, דער שאַפנדיקער, וואָס צעשטערט און שאַפט, שאַפט און צעשטערט אויפסניי. דער שכל, וואָס איז „חכמה"; „חכמה", וואָס איז דער לעצטער יסוד פון דער וועלט. מען מען האָט עס אפשר גאָרנישט באַמערקט, אַז צווישן דעם רמב"ם, דעם אַזויגערופענעם ראַציאָנאַליסט, און דער קבלה, דער אַזויגערופענער מיסטיק, איז גאָרנישט אַזאַ טיפער, פּרינציפּיעלער אונטערשיד, ווי מען מיינט. דער אונטערשיד איז אין די ווערטער, אין דער

פאָרם: דער אונטערשייד—ווי צווישן אַרכיטעקטור און מוזיק; אָבער אין עצם איז דאָס דער אייגענער געדאַנק, דער אייגענער דראַנג פון דעם יידישן גייסט צוצוקומען אַלץ טיפער צו די וואָרצלען פון יעדן זיין, צו די פונדאַמענטן פון דעם לעבן.

און ביי ביידע איז דער לייטמאָטיוו: „חכמה", נישט ליבע, ווי ביי קריסטן; נישט גלויבן, ווי ביים איסלאַם: נישט איינס זיין מיט גאָט-וועלט, ווי ביי בודאַ, נאָר „חכמה" — פאַרשטיין, חכמה — אידעע, חכמה — דער סינטעז פון אַלצדינג, און דער אַנאַליז פון זיך אַליין.

און עס איז נישט אומזיסט, וואָס דער רמב"ם — און פילון אין זיין צייט — האָבן געזוכט אַ דערנענטערונג מיט דעם גריכישן דענקען. ביי די ברעגן פון דעם מיטללענדישן ים, אויף ביידע ברעגן, האָט זיך אויסגעאַרבעט אַן אייגנאַרטיקער געדאַנק, שווער צו פאַסן אין זיין טיפקייט, אָפגרונטלעך אין זיין קלאָרקייט און שעפעריש אין זיין פשטות: גאָט איז שכל.

אַרום דעמדאָזיקן העכסטן געדאַנק דרייט זיך די גרויסע גייסטיקע אַרבעט פון דער גאַנצער גריכיש-יידישער וועלט. בלויז די גריכן האָבן אים געגעבן אַ צו סקולפּטוראַל-וויסנשאַפטלעכע ווענדונג, די יידן — אַ מוזיקאַליש-מאָראַלישע. ביי די גריכן איז דאָס געוואָרן אַ טעאָרעטישע אידעע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט דעם מענטשן און זיין לעבן. ביי דעם יידן — אַ ריין מאָראַלישער מאָטיוו, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט בלויז אויף דעם מענטשן, און האָט זיך אָפּגעשלאָסן — בכיוון — פון דער גאַנצער איבעריקער, אָביעקטיווער, אויסער-מענטשלעכער וועלט.

דער רמב"ם איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרבונדן די ביידע עלעמענטן. ער איז געווען דער ערשטער אַרכיטעקטאָר פון דעם יידישן געדאַנק.

קיינער פאַר אים, קיינער נאָך אים האָט נישט דערגרייכט זיין אַרכיטעקטאָרישן סטיל; קיינער ביז אים און קיינער נאָך אים האָט נישט געקאָנט בויען פון די פאַרשידענע עלעמענטן אין דעם יידנטום און דעם גריכנטום איין גרויסן, פעסטן געבוי. און אויב אַרכיטעקטור איז, ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן, געפרוירענע מוזיק, איז די פילאָזאָפיע, דער סיסטעם פון דעם רמב"ם, די פאַרפרוירענע מוזיק פון דעם יידנטום, אַ פאַראייניקטע פאַרפעקטיקט פון די איינצלנע, מוזיקאַלישע מאָטיוון פון דעם יידישן דענקען.

פֿאַרפֿרוירן – געוויס, ווי יעדער סיסטעם, אָבער פֿאַרפֿרוירן בלויז פֿאַר דעם, וואָס קאָן נישט דערגיין צום לעצטן מאָטיוו, צום גרונטגעדאַנק. קומט מען אָבער צו אים, ווערט דער מאָטיוו באַוועגלעך, באַקומט ער נייע ענערגיע, ווערט ער ווידער שעפֿעריש.

דער רמב"ם האָט געוווסט, אַז ער שאַפֿט אַ בנין פֿאַר דורות, אַ מאָנומענט פֿון דעם יידישן גייסט. „צריך אדם שיהיה מכת מי שיצייר האמת וישיגהו", דער מענטש, דאָס הייסט דער מענטש, צו וועמען דער רמב"ם האָט גערעדט, וועמען ער האָט געהאַט אין אויג, באַדאַרף זיין פֿון דער גרופּע מענטשן, וואָס באַגרייפֿן דעם אמת, פֿאַרשטייען אים, מאַכן אים פֿאַר דער אידעע פֿון זייער לעבן און זיין אינהאַלט, מענטשן פֿון שעפֿערישן דענקען. ער האָט גערעדט צום „אדם השלם", צום פֿולקאָמענעם מענטשן, וואָס פֿאַרייניקט לעבן און דענקען אין איין נייער און העכערער האַרמאָניע; דעם מענטשן, וואָס ד ע נ ק ט און לעבט נאָך דעם אייגענעם געזעץ פֿון זיין דענקען. ווייל דער געזעץ פֿון דעם מענטשלעכן דענקען איז דער געזעץ פֿון דער וועלט.

און דאָס איז געווען די האָפֿענונג און די דערוואַרטונג פֿון דעם רמב"ם, אַז אַמאָל, באחרית הימים, „אין משיחס צייטן", וועלן אַלע יידן ווערן חכמים, וועט דער יידישער גייסט דערגרייכן די העכסטע פֿולקאָמענהייט. און דעמאָלט – דעמאָלט וועט דאָס אַלטע יידנטום גאָרנישט דאַרפֿן פֿאַרענטפֿערט און פֿאַראַריסטאָליזירט און אויסגעטייטשט ווערן. דאָס אַלטע יידנטום איז געווען – און דאָס איז דעם רמבמ"ס טיפֿסטער, הגם נישט אָפֿן אויסגעשפּראָכענער געדאַנק – בלויז אַ קלייד פֿאַר אַ געדאַנק; אַ קלייד, וואָס פּאַסט פֿאַר אַ געוויסער צייט פֿון דער אַנטוויקלונג און פֿאַר אַ באַשטימטן גייסטיקן וווקס.

דער „אדם השלם", דער מענטש פֿון דעם הויכן שכל, וועט זיך נישט נייטיקן מער, נישט אין דעם אַלטן לבוש און נישט אין דער היסטאָרישער טראַדיציע. ווייל אַלצדינג איז בלויז אַן אַנטוויקלונג און אַ טרעפּן-גאַנג פֿון איין מדרגה צו דער צווייטער, ביז צו דער העכסטער. דער לעצטער: חכמה. און דאָרט איז דער צענטער פֿון אַלע שטראַלונגען. דאָרט איז דער אמת.

„אין משיחס צייטן"! האַלטן מיר שוין דערביי? איז דאָס יידנטום שוין דערגאַנגען צום רמב"מישן אויסגאַנגס-פּונקט? אָדער

איז זיין געדאַנק פאַרשאָטן געוואָרן פון דער צייט? מ'האָט אים גע־מאַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלער פיגור, מען גייט דאַוונען אויף זיין קבר, מען גייט שטעלן אים אַ מאָנומענט — אָבער דעם תוך האָט מען פאַרגעסן. דער געדאַנק פון דעם רמב"ם דאַרף האָבן זיין תיקון. ער האָט אָנגעהייבן צו בליען, און מען האָט אים תיכף פאַרשאָטן מיט ערד — ערד פון קדושה, פון פרומקייט. און מען טרעט טיפער, טיפער איין די ערד אויף זיין קבר. און מען וויל אים נאָך מער צודריקן — מיט אַ שטיין אָדער מיט אַ בראָנזע, און דער געדאַנק בעט זיך: ער איז נאָך נישט טויט, ער דאַרף נאָך נישט קיין מאָנומענטן, ער וויל נאָך לעבן — ביז זיין שליחות וועט פאַרענדיקט ווערן. אויף דעם קבר פון דעם רמב"ם הייבט אָן צו בליען אַ נייער בוים, דער בוים פון דעם פריי־ווערנדיקן יידישן געדאַנק, וואָס האָט נישט מורא פאַר קיין שום קאָנזעקווענצן, וואָס וויל נאָר איינס — דעם אמת, אַזוי ווייט, ווי מען קאָן אים משיג זיין.

דער בוים מוז זיך צעבליען. אָדער, פאַרוויאַנעט ער אויפסניי, פאַרוויאַנעט דאָס גאַנצע יידנטום מיט אים: ווייל ער איז דער זאַפט און דער תמצית פון דעם יידישן גייסט. ער איז דער זיין און דער צוועק פון דעם יידנטום.

די יונגע.

זיי האָבן זיך צעטיילט נאָך דער נאַטירלעכער ליניע: רעכטס די יידן מיט די בערד, מיט יאַרמולקעס, מיט פליכעס, יידן מיט רויִקע פנימער און שטומע אויגן; לינקס—די יונגע, די אויפגערעגטע, די ליידנשאַפטלעכע, שוואַרץ-האָריקע, פול-לאָקיקע, מיט אויגן, וואָס פרעגן און זוכן און ברענען. און איז צווישן די אויף דער רעכטער זייט געזעסן אַ יונגער — איז דאָס געווען איינער, וואָס איז שוין אין דער וויג געווען אַ פאַרקנייטשטער. און האָט זיך צווישן די לינקע געוואָרפן אין די אויגן אַ ווייסער קאָפּ, אַן אַלטער, איינגעבויגענער רוקן — האָט ער באַלאַנגט צו איינעם פון די אַלטע, וואָס האָבן גאָר-נישט אויפגעפּאַסט אויף דער צייט, איינער פון די, צו וועמען דער עלטער האָט זיך אַריינגעגנבעט און ער האָט נישט באַמערקט.

און דאָס איז דאָך איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין דעם פּאָליטישן לעבן פון יעדן פאָלק, אין יעדן לאַנד. טראַכט מען וועגן סאָציאַלע פראַגן בכלל, אין קאַבינעט מיט זיך אַליין, מיטן בוך אָדער מיט דער פען אין דער האַנט — דעמאָלט זעט מען אַלע שוואַכקייטן פון די לינקע, אַלע זייערע פעלערן, איז מען מיט זיי נישט מסכּים — ווייל זיי זענען דאָגמאַטיקער, געבונדן צו טעאָריע, פאַנאַטיקער פון אַ שיטה. און דעמאָלט מאָלט מען זיך די „מיטעלע" אויס אין אַן אידעאַליסטישן ליכט: דאָס זענען די „פרייע", די נישט-געפּענטעטע, די אומאָפּהענגיקע. ביי די לינקע: די גרויע טע-אָריע. ביי די מיטעלע — די ליבעראַלע: דאָס „גרינע לעבן".

אָבער איר גייט אַרויס פון דעם קאַבינעט און גייט אַריין אין דעם פאַרזאַמלונגס-זאַל — צווישן לעבעדיקע מענטשן, אין דער ווירק-לעכקייט — און דאָס בילד בייט זיך. די „אומפרייע" לינקע גלאַנצן

אויף פּאָר אייך מיט דער גאַנצער פּראַכט פון יוגנט און פרישקייט און ענטוזיאַזם — און די „פרייע", די אַנדערע — עס בלאָזט פון זיי אַ מין ריח פון געפאַלענע בלעטער, בלעטער אין שפּעט־הערבסט.

און מען דאַרף באמת זיין פאַרפאַנצערט אין „פּרינציפּן" אום נישט צו טאָן, ווי דער פּאָעט דיאַנונציאָ האָט אַמאָל געטאָן, ווען מען האָט אים מיט פינף און צוואַנציק אָדער דרייסיק יאָר צוריק אויס־געקליבן אין דעם איטאַליענישן פּאַרלאַמענט — אַוועקגעזעצט זיך אויף דעם פּלאַץ, וואָס האָט באַלאַנגט צו אים, לויט זיין פּאַרטיי, צווישן די רעכטע: אַרומגעקוקט זיך, איינגעהערט זיך אין די רעדעס פון זיינע פּאַרטיי־גענאָסן און פון דער לינקער אָפּאָזיציע — און תיכף אַריבערגעגאַנגען אויף דער עקסטרעם לינקער זייט.

און איך בין מודה — איך האָב עס שיער אַליין נישט געוואָלט טאָן — איצט אויף דעם קאָנגרעס. אַזוי אָפט האָט עס מיך געריסן פון אָרט — צווישן די „געמעסיקטע" — און דער שכנות פון די „רעכטע" — אַהין, צו יענע בענק, וווּ די יוגנט איז געזעסן — די יוגנט, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שענסטן חותם, וואָס קאָן נאָר זיין — פון ליידן, פון יסורים, פון שעפערישער ליידנשאַפט, ווייל זיי, די יונגע, ווייל זיי, לינקע, זענען די, וואָס טראָגן ארץ־ישראל נישט נאָר אויף זייערע ליפּן, אַפילו נישט בלויז אין זייער האַרצן, נאָר אויף זייערע פּלייצעס, אויף זייערע הענט. זיי זענען — די אַרבעטער פון ארץ־ישראל.

איך האָב אַ סך פון זיי שוין געקענט פון יאָרן און יאָרן, זיך געטראָפן מיט זיי אויף קאָנגרעסן, אויף פאַרזאַמלונגען, — אַלט באַ־קאַנטע פּנימער. אויך זייער גוט באַקאַנטע יידן. אָבער קיינמאָל האָב איך זיי נישט געזען אַזוי ערנסט, אַזוי טראַגיש און צום ערשטן מאָל — אַזוי דורכגעשטראַלט פון אַ מערקווירדיקער שיינקייט, ווי דאָסמאָל.

ווייל צו דעם געפיל פון גערעכטיקייט, פון אינטעלעקטועלער באַנצקייט איז געקומען אַ געפיל פון אחריות, ווייל דאָסמאָל זענען זיי געווען — די יצחקס, וואָס זענען גרייט צו דער עקידה. „דו ווילסט אונדזער קרבן — דו אַלט לאַנד, דו גרויזאַם לאַנד, דו ערד, וואָס עסט אויף אירע באַוווינער — דו האָסט גענומען אונדזער כוח, אונדזער יוגנט — דו ווילסט אויך אונדזער ווילן, גוט — דיין ווילן זאָל געשען — פּאַר דיר, צוליב דיר. דיר צום קרבן".

זיי זענען געקומען — באַזיגט צו ווערן. ווייל ארץ־ישראל האָט

דאָס געפאָדערט, ווייל די, וואָס וואָלטן באַדאַרפט בויען די יידישע צוקונפט — שטעלן דעם תנאי.

די אַמעריקאַנער זענען געקומען און פאַרלאַנגען אין סאַלאָמע-סטיל דעם „קאָפ" פון יוחנן — דעם קאָפ פון ווילדן מדבר-נביא, וואָס האַלט אין איין מאָנען און שטראָפן און וועקן. אַזוי האָט זיך באַשאַפן אַ לעגענדע — און ווי אין יעדער לעגענדע, איז אין איר אויך געווען אַ קערן היסטאָרישער אמת. זיי ווילן דעם קאָפ — און זאָגן דערפאַר צו אַ זילבערנעם טעלער.

זיי האָבן אים פאַרלאַנגט פון הורדוס-ווייצמאַן — און זייער פאָדערונג איז דערפילט געוואָרן. בלויז דער יוחנן פון דעם קאָנגרעס האָט לכתחילה באַשלאָסן אויסצושטרעקן זיין קאָפ, אַבי דער זילבערנער טעלער.

און אפשר איז דאָס טאַקע געווען דער טעם, פאַרוואָס איך האָב פאָרט נישט געפאָלגט מיין אימפּולס, זיך נישט געלאָזט מיטרייסן פון דעם געפיל, פון דער סימפּאַטיע. קאַמף ציט צו, יאוש האַלט צוריק. און ווייל די אַרבעטער, די לינקע פון ארץ-ישראל, האָבן נאָך פאַר דעם קאַמף זיך מתיאש געווען, ווייל אין זייער ראַנגלען זיך איז געווען מער פאַרצווייפלונג, ווי מוט — דערפאַר בין איך געבליבן אויף מיין פּלאַץ, אָדער, ריכטיקער, דערפאַר האָב איך בכלל זיך אויסגעוואָרצלט — נישט געפינענדיק קיין פּלאַץ צווישן קיין איינציקער פון די גרופּן און פּאַרטייען פון דעם קאָנגרעס.

איך האָב מורא — דער מזרח האָט אויף זיי געווירקט, — אויף די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד, אויף די סאָציאַליסטן, וואָס פירן איצט דעם קאַמף אין ארץ-ישראל. דער מזרח-פאַטאַליזם האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זייער נשמה. און עס האָט געקלונגען אין זייערע רייד דער אָריענטאַלישער: „קיסמעט" — מילא, וואָס קאָן מען טאָן, דאָס, וואָס מוז זיין, וועט זיין!

אָדער איז דאָס די ווירקלעכקייט, די האַרטע, אומדערבאַרעמדיקע ממשות פון דעם לעבן, וואָס האָט זיי צוגעבונדן צו דער ערד? ווי גרינג איז דאָס געווען אַמאָל—אין די צייטן פון דעם טעאָרעטישן ציוניזם — צו פירן הייסע קאַמפן פאַר אידעען! עס זענען געווען מאָלערישע שלאַכטן, אָבער ווי אין דער באַרימטער שלאַכט, וואָס לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט געמאָלן — איז דאָרט קיין איין סאָלדאַט נישט געפאַלן. אַ טורניר — נישט קיין קאַמף.

איצט אָבער העלפן נישט קיין אידעען-זיגן און קיין וואָרט-גבורה. די האַרטע, די הייסע ערד פון ארץ-ישראל דאַרף האָבן וואַסער און נישט קיין סיסטעמען. די אַרבעטער אין פּאַלעסטינע נייטיקן זיך אין אַרבעט און נישט אין טעאָריעס. און דער טרוקענער שטיין איז גובר די „לעבעדיקע וואַסערן” פון דער שענסטער שיטה.

די אַרבעטער-פירער פילן עס, זייערע פּריינט און קעגנער ווייסן עס. און דערפאַר איז דער קאַמף צווישן רעכטס און לינקס אַזאַ אומגלייכער, און דעריבער זענען די לינקע אַליין אַזוי אומעטיק-אונטערגיביק, אַזוי גרייט צו יעדן קאָמפּראָמיס, אַפילו ווען זיי ווייסן, אַז עס וועט זיי שעדיקן.

די פראַגע איז דאָך געווען זייער פּשוט. וואָלטן די לינקע געקומען מיט זייער גאַנצן אָפּאָזיציאָנעלן פּראָגראַם און אָנגעהייבן מיט דעם, ווי יעדע אָפּאָזיציע הייבט אָן — מיט אַ מיסטרויען צו דער לייטונג — ד. ה. צו דר. ווייצמאַן, וואָלט די גאַנצע לאַגע געווען אַ קלאָרע. אַ שווערע, דאָס איז נישט קיין ספק, אפשר אַ קאַטאַסטראָפאַלע — אפשר, איך ווייס עס נישט — אָבער יעדנפאַלס אַ פּשוטע און אַן אָפענע. ווייצמאַן וואָלט זיך נישט געקאָנט האַלטן קיין איין רגע — די לייטונג וואָלט געפאַלן. עס וואָלט געקומען צו אַן אַנדערער, אַ נייער אָריענטירונג פון די כוחות—די אַרבעטער וואָלטן אויף זיך געמוזט נעמען די אחריות פאַר דעם ציוניזם, פּונקט ווי זיי האָבן אויף זיך אויפגעלאָדן די אחריות פאַר ארץ-ישראל.

אָבער דערפאַר האָבן זיך די אַרבעטער געשראָקן. דאָ איז געקומען דער „דיוקנו של מארקס”, זייער סאָציאַליסטישע דאָקטרין, און האָט זיי געוואָרנט: פּאָליטיק ווערט נישט געמאַכט פון אָדער דורך מענטשן, נאָר דורך קלאַסן, דורך אינטערעסן. מאַכט איז בלויז אַן אויסדרוק פון סאָציאַלע פאַרהעלטעענישן. און ווייטער איז געקומען די פּאַלעסטינער דערפאַרונג און האָט זיי געלערנט: נאָך איז נישט די צייט ראוי, נאָך איז דער שניט נישט פאַרטיק.

זיי האָבן נישט געוואָלט איבערנעמען די מאַכט, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ נוצלאָזער זשעסט. און ווייל אַזוי — האָבן זיי געשטיצט ווייצמאַנס פּאָליטיק.

„שניידט מען אָפּ דעם קאָפּ — וויינט מען נאָך די האָר”—אָבער ווען דער קאָפּ בלייבט און בלויז די האָר פאַלן אַראָפּ? און מען קאָן מיטפאַרשטיין דעם אינטעלעקטועלן טראַגיזם, מיטהעלפן דעם

ווייטיק פון די אַרבעטער, ווען זיי האָבן געמוזט אָננעמען ווייצמאַנס פּירערשאַפט — מיט דעם נייעם פּראָגראַם, וואָס אַמעריקע און די רעכטע האָבן ווייצמאַנען אַרויפגעצוווּנגען — און ער האָט זיך אַזוי גרינג געלאָזט באַצווינגען! — דעם פּראָגראַם פון אַרבעטער-דערוויי-טערונג. עס איז געווען אַ מין פּאָליטישע „סגופים”,—און זיי האָבן דאָס אויף זיך גענומען.

די פירער האָבן גערעדט — אויף דער טריבונע פון דעם קאָנ-גרעס, אין די קאָמיטעס, אין די קולואַרן. די פירער פון דער „אחדות העבודה” — די פועלי-ציון מיט אַזויפיל פּאַטאָס און פייער, מיט דעם גאַנצן רוסיש-יידישן אינטעלעקטואַליזם, מיט דער גאַנצער האַרציקער שיינקייט פון אונדזער אַמאָליקער, ליידנדיקער, קעמפנדיקער אינ-טעליגענץ.

עס האָבן גערעדט די פירער פון דער התאחדות — שפּיציקלעך, פּלפּוליסטישער, טרוקענער, מיט אַ שמאָלערן פאַרנעם און אַן ענגערן האָריזאָנט.

די פירער האָבן גערעדט — „דעקלאַרירט”, אָפט אַמאָל אויך דעקלאַמירט. יעדעס מאָל אין די דעבאַטן איז אויפגעשפּרונגען דער איינער אָדער דער אַנדערער פירער מיט אַ „צור געשעפטס-אָרדענונג”, מיט אַן „אַנטראַג” אָדער אַן „אַמענדמענט”, אָדער עפּעס אַן אַנדער פּאַרלאַמענטאַריש דריידל.

אָבער די געפּירטע האָבן נישט גערעדט, — ווי איין מענטש זענען זיי געזעסן, די עטלעכע און פופציק אַרבעטער-פאַרטרעטער, ווי איין מענטש געזיפצט און שווער געאָטעמט, ווי איין פּאָר אויגן גע-שטראַלט, ווידער געשטראַלט צום צער פון ארץ-ישראל. און וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרער מענטש איז אָט דערדאָזיקער „איין” מענטש געווען. ער האָט זיך פאַר מיר צענויפגעקנייטשט אין איין פיגור — אין איין מערקווירדיקן מענטשן-עקזעמפּלאַר — און זיין נאָמען איז: יבניאלי.

ווער ער איז, וואָס ער איז, ווייסט מען נישט. איך האָב בלויז געזען אַ מענטשן מיט אַ כמעט סלאַווישן פּנים, אין אַ רוסישער בלוזע, אַ קורץ געשוירענער קאָפּ, שטרענג פאַרשלאָסענע ליפּן און אַ ווייך-פאַרחלומטע פּאָר אויגן. איך האָב זיך גאָרנישט געוואָלט נאָכ-פרעגן, ווער ער איז — איך ווייס נאָר, ער איז דער בויער פון ארץ-ישראל. איך ווייס נאָר, אָט דער מן-הסתם אַמאָליקער רוסישער סטו-דענט, וואָס האָט — ווי איך האָב געהערט — זיך פאַרשטעלט פאַר אַ

ספרדישן רב און געפאָרן צו די תימנער – קיין תימן – רופן זיי קיין ארץ־ישראל; נישט דער אייגנאַרטיקער מענטש, וואָס איז דער המשך פון דורות, דער בריק צווישן די מקובלים פון צפת און די אינטע־לעקטועלן פון אייראָפּע, – ער אויף איין וואָג און אַלע ציוניסטישע פּאָליטיקער און עקאָנאָמיקער אויף דער צווייטער – ווי איז די וואָג, וואָס זאָל געבן אים די אויבערגעוויכט?

ווו? איך זע זי נישט. אָבער זיי—פון רעכטס, פון דעם צענטער— זיי זעען זי, זיי זעגען די וואָג. אָדער אפשר איז פּאַלעסטינע אליין די וואָג! אפשר האָבן מיר תמיד אַ טעות געהאַט, אַריבערגע־טראָגן אויף פּאַלעסטינע גייסטיקע ווערטן, וואָס זענען געווען מיט איר פאַרבונדן בלויז היסטאָריש, נישט אָרגאַניש.

דערווייל וויל איך אין דעם נישט גלויבן. דערווייל איז מיין וואָג פאַר מיר די ריכטיקע און אויך פאַר יבניאלין. און אַזוי לאַנג ווי די וואָג איז נאָך פאַראַן – וואָס פאַר אַ ממשות האָט עס, צי די פּאַרטיי זיגט, אָדער אַן אַנדערע? אַנדערע אמתן האָבן געבויט דאָס יידנטום, ווי דער אמת פון דעם עקאָנאָמישן געזעץ – און עס וועט ווייטער אַזוי זיין. געזעץ פון גייסט אַקעגן געזעץ פון אַדאַם סמיט— און דער גייסט איז גובר.

די דריי און דרייסיק וואָרוויקס.

אויף קאָנגרעס-לשון, אין דער קוריאָזער קאָנגרעס-טערמינאָלאָגיע, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פון דעם אַלטן עסטרייכישן פּאַרלאַמענט — דעם קאָנגרעס צו לאַנגע יאָרן — הייסט ער: „דער פּערמאַנענץ-אויסשוס”. און דאָס מיינט — דער פּערמאַנענטער קאָמיטעט, דער קאָמיטעט פון קאָמיטעטן, דער צענטראַל-פּונקט פון דעם גאַנצן קאָנגרעס.

לויט דער טעאָריע און נאָך דעם פּאַרלאַמענטאַרישן קאָדעקס, איז דאָס די קאָמיטע, וואָס באַשטימט אַלצדינג, וואָס רעגולירט אַלץ, וואָס איז דער שליסל צו דער גאַנצער אַרבעט פון דעם קאָנגרעס. קיין שום קאָמיטע איז פאַר איר נישט זיכער, איז פון איר נישט פּטור. אין איר מאַכט ליגט עס צו רעווידירן די באַשלוסן פון אַלע קאָמיסיעס: פאַרגלעטן דאָרט, וווּ עס איז דאָ עפּעס אַ שאַרפער קאָנטראַסט: אויסגלייכן די ווידערשפּרוכן, רעדאַקטירן די רעזאָלוציעס און מאַכן זיי — אויב נישט סאַלאָן- און דרוק-פעיק, אָבער יעדנפאַלס קאָנגרעס-פעיק.

אָט דאָס אַלץ ליגט אין דער קאָמפּעטענץ פון דעם „פּערמאַנענץ-אויסשוס”. דאָס און נאָכמער: אין זיין האַנט ליגט אויך דער גורל פון דער „רעגירונג”. ער איז די אינסטאַנץ, וואָס דאַרף באַשטימען, ווער עס זאָל זיין די לייטונג, וואָס פאַר מענטשן עס זאָלן אין איר אַריינגיין. צו אים קומען די קאַנדידאַטן מיט זייערע פּראָגראַמען. און ער פּרוּווט זיי, ער זיפּט זיי דורך און גיט אַרויס זיין גזר-דין.

אַזוי אין דער טעאָריע. און דאָס איז זיכער דער טעם, פאַר וואָס דער „פּערמאַנענץ-אויסשוס” ווערט נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר דעם וויכטיקסטן, בכבודסטן טייל פון דער קאָנגרעס-מאַשין. „איר זייט אין

דעם פּערמאַנענץ? — או־וואַ!״ דער נאַיִווער דעלעגאַט, וואָס האָט מיר אויסגעדריקט זיין באַוווּנדערונג אויף דעמדאָזיקן אופן—קורץ, זשעסטנדיק און פּרימיטיוו — האָט עס געמיינט אָן שום איראָניע. פֿאַר אים איז דער „פּערמאַנענץ״ באמת געווען מער ווי קאָמיסיע; עס איז געווען ד ע ר קאָנגרעס; עס איז געווען דער קוואַל, פֿונוואַנען ס׳דאַרף אַרויסשפּרודלען די „מאַכט״. ווייל מיר — די דריי און דרייסיק פּערמאַנענץ־אויסשיסער — זענען געווען דער ראַט פֿון „קעניגמאַכער״. מיר האָבן באַדאַרפֿט און געזאָלט מ אַ כ ן די עקזעקוטיווע.

דריי און דרייסיק וואָרוויקס, דרייסיק און דריי קעניגמאַכער און טראָן־בויערס. און אָט האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט, אַלע דריי און דרייסיק. יעדער אין דעם פֿולן באַוווּסטזיין פֿון זיין „אחריות״. פֿון אונדז העננגט דאָך, רחמנא לצלן, אָפּ דער גורל פֿון ארץ־ישראל, און דאָס מיינט — פֿון דעם יידישן פֿאָלק. און מיינט דאָס נישט סוף כּל סוף די וועלטגעשיכטע, מחמת דאָס איז דאָך לכל ידוע, אַז פּאַלעסטינע מוז ווערן אַ פֿאַקטאָר אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט, ד ע ר פֿאַקטאָר, א. אַז. וו. — ווער ווייסט עס נישט?

בדחילא ורחימא צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, ד. ה. לכתחילה אויסגעקליבן דעם „פּרעזידיום״. מען דערציילט, אַז פֿאַרצייטנס איז שוין דער טייל פֿון דער אַרבעט אַליין געווען אַ גאַנצע „שטאַטס־אַקציאָן״, אַ מין פּאַראַד פֿון די „כּוחות״. די זקנים דערציילן גאַנצע בערג פֿון נסים און לעגענדעס וועגן דעם פּערמאַנענץ־אויסשוס פֿון „אַמאָל״, פֿון די העראָישע צייטן, ווען אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק איז געווען פֿאָרזיצער פֿון דעם „אויסשוס״, אָדער „פּרעזידענט״. אין אייראָפּע און בפֿרט ביי ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט מען זייער ליב דעם טיטל „פּרעזידענט״. קוים זיצט איינער אויף אַ בענקל ביי אַ טיש און אַרום אים אַ פּאָר אַנדערע בענקלעך, איז מען אים שוין מכבד מיט דער „פּרעזידענטשאַפֿט״ — און קיינער שמייכלט נישט דערביי.

מען דערציילט אויך ווייטער נפֿלאות פֿון דער צייט, ווען ע ר אַליין איז געווען „נאָך״ פּרעזידענט פֿון דעם פּערמאַנענץ־אויסשוס. „ער״ — דאָס איז, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ד״ר ווייצמאַן. און עס איז געווען אויך אַ פּעריאָד מאָצקין. אַלץ מילשטיינער אויף דעם וועג פֿון דער קאָנגרעס־געשיכטע. און איך בין זיכער, אַז איינער פֿון די קאָנגרעס־היסטאָריקער שאַרפֿט שוין די פּען און קנייטשט שוין דעם

שטערן און שרייבט אַ בוך, באַטיטלט אויף דייטש: „די געשיכטע און די אַנטוויקלונג פון דעם פּערמאַנענץ־אויסשוס".

איך ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס איז, אָבער איך האָב שוין, הפנים, אַזאַ מזל — איך פאַרשפּעטיק אַלע היסטאָרישע מאָמענטן. אַפילו דאָסמאָל האָב איך אים אויך פאַרזאַמט. איך האָב מיט אומגעדולט געוואַרט — ווען וועט זיך שוין אָנהייבן די גרויסע סצענע, און האָב זיך נישט דערוואַרט.

אויסגעקליבן דעם „פּרעזידיום" אַזוי פּשוט, אַזוי וואָכעדיק, כמעט ווי אין אַמעריקע. דער „פּרעזידענט" אַ דייטשער ציוניסט, אַ גרויסער, שווערער, ניינציק־קילאָדיקער, וואָס האָט תמיד געהאַלטן אין איין זיפּצן. איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן דער „פאָרזיפּצנדיקער". בלויז דער פּערמאַנענץ־אויסשוס איז געווען צו ערנסט פאַר אַזעלכע וויצן. לעבן אים, רעכטס, דער „רעכטער", דער „מזרחי", ד. ה. דער אמתער מזרחי, איז געזעסן אין דעם קאָנגרעס־זאַל, אין קאָנגרעס־פּרעזידיום, מיט דער יאַרמולקע אויף די קאַצאַפּיש־צעשויבערטע האָר, דער מזרחי מיט דעם פּנים פון אַן עכט־מאָסקווער „לאַבאַזניק" — דעם קרעמער פון דער סוכאַרעווקע.

און דער מזרחי איז געווען שוין אַן „אייראָפּעיזירטער", אָן אַ יאַרמולקע, גאָרנישט פאַרשידן פון אַן אַנדער בשר־ודם, אַפילו נישט אין זיין צוגאַנג צו פראַגן, אַפילו נישט אין זיין „פּאָליטיק". דער איינציקער אונטערשייד איז געווען אפשר, וואָס זיין פּאָליטיק איז געווען קליגער, אָדער „פוקסיקער" פון דער פּאָליטיק פון זיינע שכנים. ער האָט געוווסט, וואָס ער האָט געוואָלט — און די אַנדערע נישט.

און ווען ער האָט מיט זיין דינער, אַ ביסל קרייענדיקער שטימע גערעדט אויף קאָנגרעס־דייטש, געמישט מיט פּויליש־יידיש — דער „מזרחי" האָט יאָ „וועלט־אָנשויונג" — האָבן זיינע אויגן איראָניש צוגעווונקען, און אַרום די ליפּן האָט געשפּילט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: „מיר זענען דאָך דאָ אַלע פעלדשערס און מאַכן אונדז נישט קיין אילוזיעס וועגן דעם דופק; אָבער וואָס זאָל מען טאָן, הרב מאיר בערלין הייסט האָבן אַ וועלטאָנשויונג, האָבן מיר זי!"

לינקס — דער „לינקער", ד. ה. זייער לינק איז ער גאָרנישט. אַזוי זאָגן די אמתע לינקע, די פּועלי־ציון. און מיר דאַכט זיך, אַז דער פאַרטרעטער, אָדער פירער, פון דער „התאחדות" איז גאָרנישט

זייער לינק. די גאַנצע פּאַרטיי איז צו יידישלעך, צו געמעסיקט, צו אומטעאָרעטיש. זי האָט באמת נישט קיין „וועלטאַנשויונג". און ווען איר נייער טעאָרעטיקער, דר. אַרלאָזאַראָוו, באַמיט זיך פון צייט צו צייט פאַרשפּינען זי אין אַ געוועב פון טעאָריעס, איז דאָס אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַזוי דייטש-פּלפּוליסטיש, אַזוי בערלינעריש מיט דער „הברה הספרדית", אַז מען דאַרף האָבן דעם באַרימטן אריאדני-פאָדעם, כדי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון דעמדאָזיקן טעאָרעטישן וואָרט-געוועב-לאַבירינט.

אפשר איז טאַקע גערעכט דאָס אַלטע פילאָזאָפישע וואָרט: וואָס איז פּשוט, דאָס איז אמת? איך האָב נישט געהאַט קיין אמונה אין אים, ווייל איך ווייס, ווי קאָמפּליצירט עס איז גראָד דאָס „פּשוטע"; אָבער אַז דאָס פאַרקניפּטע און פאַרדרייטע איז נישט אינגאַנצן אמת און אויך נישט צו טיף — אָט צו דעם נעגאַטיוון טייל פון דעם פילאָזאָפישן מאמר האָב איך זיך שוין דורכגעראַנגלט.

ביי דער זייט — אַזוי צו זאָגן, צווישן די דריי ריכטונגען, רעכטס, לינקס און צענטער („לינקער צענטער" רופט זיך די משונה-דיקע פּאַרטיי, וואָס האָט אונדז געשענקט דעם פּאַרזיצער. אַזאַ קאָמבינאַציע פון ווערטער, ווי לינק און צענטער, איז באמת נאָר מעגלעך ביי דייטשע ציוניסטן. ווו באַגריפן פעלן, שטעלט זיך דאָס וואָרט אַוועק אין רעכטער צייט!). נישט אַהין און נישט אַהער, ווי אַ מין זייטיקער, אָדער קאָנטראַליאָר, זיצט דער „אַמעריקאַנער". ער זיצט ביי אַן עק טיש, אָבער אַלעמענס אויגן ווענדן זיך צו אים. אין דער טעאָריע איז ער בלויז אַ „וויצע-פּרעזידענט", אין דערווירקלעכקייט איז ער די צענטראַלע פיגור, ווייל ער איז ד ע ר אַמעריקאַנער. און דער אַמעריקאַנער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק אַליין געווען איינער פון די אייראָפּעער, מוז אָפּט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ. די משא פון אַמעריקע איז צו שווער פאַר אים.

דער פּרעזידיום איז אויסגעקליבן. מען גרייט זיך צו דער אַרבעט. מען פאַרקאַטשעט די אַרבל — נו, וואָס ווייטער?

און מערקווירדיק, אַלצדינג איז גרייט, אַלע כּלי-מכשירים זענען אָנגעגרייט, בלויז איינס פעלט — די אַרבעט. אין אַ פּאָר שעה נאָך דער „קאָנסטיטויִרונג" געפינט מען אויס, צו דער גרויסער פאַרוווּנדערונג פון אַלע, אַפילו פון די פּערמאַנענץ-אויסשיסנדיקע וועטעראַנען, אַז מיר האָבן נישט וואָס צו טאָן.

דער „פּאָרזיפּצנדער" זיפּצט, דער מזרחי וועלט-אנשויט, דער לינקער שפּינט, דער אמעריקאַנער „דעקלאַרירט" — די אָפּאָזיציע רעדט — און קיין שטאָך אַרבעט איז פּאָרט נישטאָ.

און אזוי אַכט—צען טעג נאָכאַנאַנד. פון ניין אינדערפרי ביז אָפּט איינס, צוויי ביינאַכט—דריי און דרייסיק וואָרוויקס, די קעניגמאַכער פּאַרשפּאַרט אין דעם געהיימנישפולן קאַבינעט — און אַלע רעדן.

אַ טייערע זאַך דער פּאַרלאַמענטאַריזם! נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט קיין בעסער מיטל — אַ חוץ קאָרטן — צו פּאַרטרייבן די צייט, אָבער אזוי פּאַרטרייבן, אַז זי זאָל לויפן, ווי אַ האָז. דאַכט זיך, גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן — אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט מען באַדאַרפט אָדער זיך צעגיין, אָדער זיצן און חקירהן איבער דעם, צי עס איז דאָ אַ השגחה פּרטית, אָדער ווען וועט קומען די נייע מלחמה.

אָבער דאָ קומט דער פּאַרלאַמענטאַריזם און העלפט אַרויס. דער פּאָרזיצנדער קלאַפּט מיט דעם האַמער, עמעצער נעמט דאָס וואָרט צו דער טאָג-אָרדענונג, אַן אַנדערער שפּרינגט אויף „צו דער געשעפטס-אָרדענונג", דער דריטער וויל רעדן „צו דער זאַך"—עס ווערט אַ ליאַרם, מען רעדט, מען היצט זיך, יעדער אַנטוויקלט דערביי אַ גאַנצן פּראָגראַם, האַלט רעדעס, וואָס וואָלטן נישט פּאַרשעמט דעם בריטישן פּאַרלאַמענט, צאַפּט חכמה, רעדט הויך — דייטש, אָדער הויך — יידיש, אַמאָל אויך הויז-העברעיִש, ד. ה. דעם נייעם פּאַ-לעסטינער העברעיִש, וואָס איז כמעט ווי תרגום.

עס איז לעבעדיק, פריילעך, און קוים איז מען פאַרטיק מיט דער דעבאַטע איבער דער טאָג-אָרדענונג און דער געשעפטס-אָרדענונג, איז דער טאָג שוין פּאַרביי. אַ, דער געשעפט איז נאָך נישט גע-אָרדנט — מילא, רוים איז אויך נישט געבויט געוואָרן אין איין טאָג!

אונדזער „געשעפט" איז: אויסקלויבן אַן עקזעקוטיווע, צונויפ-שטעלן אַ קאַבינעט.

דאַכט זיך, אַ זייער וויכטיקע, אַ זייער ערנסטע זאַך, אָבער די ציוניסטישע פּאָליטיק האָט געפונען אַ וועג אַפילו פון אַזאַ ענין מאַכן אַ מין פּלפּול אין דער וועלט אַריין.

מען האָט אונדז געזאָגט: קלויבט אַן עקזעקוטיווע, שטעלט צונויף אַ רעגירונג — אָבער דעם קאָפּ רירט נישט אָן. ער מוז שטיין אויף דעם אייגענעם אָרט, ער מוז בלייבן.

א פּאַראַדאָקסאַלע אויפגאַבע: אַ פּאַרטיקער קאָפּ, וואָס מוז צו־געשטוקעוועט ווערן אָדער צוגעפּאַסט ווערן צו אַ גוף, און דער עיקר, צו אַ גוף, וואָס דער קאָפּ אַליין וויל נישט.

קומט צו אונדז דער קאָפּ — דר. ווייצמאַן — און זאָגט: „איך האָב אַ גוף, איך האָב זיך געפּילט גוט מיט אים — דער גוף איז די קאָאַליציע. איך האָב ליב די לינקע, בין מיט זיי אויסגעוואַקסן, בין מיט זיי אָרגאַניש פאַרבונדן, זיי פאַרשטייען מיך, איך פאַרשטיי זיי. איך וויל זיך מיט דעם גוף נישט שיידן, אָבער די אַמעריקאַנער צווינגען מיך: זיי ווילן מיר געבן אַן אַנדער גוף, אַ האַרטן, אַן אייזערנעם, אַן אומבויגיקן. עס טוט מיר וויי, אָבער איך מוז אָנ־נעמען דעם ביטערן תּנאי אויך".

אַזוי טענהט דער קאָפּ.

עס זיצן די לינקע און שווייגן. עס זיצן די רעכטע און קנייטשן די שטערנס — דער לינק־צענטרישער „פּאָרזיפּצער" זיפּצט הויך, איך און אַלע קוקן ווידער אויף דעם אַמעריקאַנישן טיראַן, וואָס וויל צע־שניידן אַ גוף מיט אַ קאָפּ, אַ גוף מיט אַ נשמה.

דר. ווייצמאַן קומט, דר. ווייצמאַן גייט, איין דערקלערונג פאָלגט נאָך דער צווייטער, מען רופט די קאַנדידאַטן, מען הערט זיי אויס. דערנאָך אַן אומענדלעכע דיסקוסיע וועגן אַלערליי „אָרדענונגען"—און ביי יעדן באַוווסטזיין פון איבעריקקייט, אויב נישט פּאַסיקייט, פון דעם גאַנצן שפּיל.

וואָרים סוף כּל סוף, נישט זיי, נישט צווישן די דריי און דרייסיק, ווערט באַשטימט דער גורל פון דער עקזעקוטיווע, נאָר אין די חדרים פון דעם האָטעל „טרוא רוא", אָדער „טרא־רא", ווי מען פלעגט אים רופן אין שפּאַס—דאָרט אין די פאַרהאַנדלונגען צווישן די גרופּן־פירער, און אפשר — אפשר דאָרט אויך נישט.

נישט מיר, נישט זיי, די גויט פון פּאַלעסטינע איז די הילפלאָזיקייט פון די אַמעריקאַנער, וואָס שטעלן אָן אַ פּנים פון דעספּאָטן און האָבן אין אמתן מורא פאַר די „באַלעבאַטים" אינדערהיים, פאַר די קרן־היסוד־מנדבים,—זיי אנטשיידן איבער דער צוזאַמענזעצונג פון קאָפּ און גוף.

מיר, די דריי און דרייסיק ווארוויקס, רעדן בלויז: מיר זענען די סטאַטיסטן, וואָס שרייען „רהאַבארבער, רהאַבארבער!" כּדי דער עולם זאָל מיינען, אַז דאָס טומלט אַ גרויסער עולם און אַז עס גייט

אָן אַ שלאַכט. אָבער דאָס אייביקע שושקען זיך, דאָס איינרוימען אַ סוד איינער דעם צווייטן: האָט איר שוין געהערט?" און ווידער — „ווייצמאַן, סאקער, וואן־פריזלאַנד, קיש" א. אַ. וו.

און עס לאָזט זיך אויס, אַז דער סוד איז קיין סוד נישט, און אַז עס איז גאָר נישטאָ וואָס צו הערן.

אַזוי האָבן מיר „געוואַרוויקט" צען טעג, געמאַכט פּאָליטיק, געדינגען זיך מיט פּאַרטייען—היינט געגאַנגען רעדן מיט די מזרחים— דער גאַנצער פּרעזידיום — צו יידן מיט ווייסע בערד, מיט ציגענע בערדלעך, מיט זשופּיצעס, מיט רעקלעך, מיט צילינדערס און מיט באַראַשקענע היטלען, פון דעם „הפועל המזרחי". יעדער פון דעם פּרעזידיום האָט גערעדט מיט די מזרחי אויף זיין שטייגער—מיט פּאָליטיק אויף הויכדייטש, מיט ווערטאנשויונג אויף העברעיש, מיט יידיש־לעכקייט אויף פּראָסט יידיש. מען האָט זיך געבעטן ביי רבנים און מאַקיאוועליס מיט די יאַרמולקעס „צו זיין גוט צו יידן", מוחל זיין וואן־פריזלאנדן זיין נישט גאַנץ כשרן גט.—„פקוח נפש און דאָך דוחה שבת"—טענהט איינער פון פּרעזידיום צו די רבנים — און איינער פון זיי ענטפערט מיט בליץ־גיכקייט: אָבער ער צווינגט נישט חתונה האָבן פאַר אַן אשת־איש."

מען איז געגאַנגען צו די לינקע, דאָרט געטענהט וועגן דער „אַרבעטער־פיינטלעכקייט פון סאקער — און ווידער אַ שאַרפער וויץ פאַר אַן ענטפער. און די טענות זיינע פאַרשטייפט געוואָרן, ביז אַלע האָבן זיך דערדונגען. די אַרבעטער האָבן „נאָכגעגעבן" — זיי האָבן נישט געשטימט קעגן. די מזרחי האָבן באַקומען זייער „קאָפּ" — דעם קאָפּ פון וואן־פריזלאנדן, אָבער זיי האָבן געוואָלט מער, און נישט באַקומען.

„דאָס צוואנציקסטע יאָרהונדערט קאָן נישט גיין אינאיינעם מיט דעם פופּצעטן"—ווייצמאַן האָט געגעבן דעם ענטפער אויף די פאָדע־רונגען פון מזרחי, פאָדערונגען צו קלעריקאַליזירן דעם ישוב, און די מזרחי האָבן געשטימט: ניין.

און סוף כל סוף — פאַרטאָג, אַרום זעקס אַ זייגער „האבעמוס פּאַבאַם" — די עקזעקוטיווע איז געוויילט, דער קאָנגרעס האָט זיין אַרבעט אָפּגעטאָן, און מיר, די דריי און דרייסיק וואַרוויקס — אויך. דער פּערמאַנענץ־אויסשוס האָט זיך אויפגעלייזט, נישט ווייל ער האָט געוואָלט, נאָר ווייל ער האָט געמוזט. אַ, ווען ער וואָלט געקאָנט

באמת זיין פערמאַנענט! אָט אַזוי–טאָג־אויס, טאָג־איין, ביז צום לעצטן טאָג פון דער וועלט. „הער פּאָרזיצנדער צור געשעפטסאָרדנונג." „טוט מיר לייד, אַבער איך קאָן ניכט, דער הער מעסיאַס וואַרטעט פאַר דער טיר!"

„זאָל ער וואַרטען, איך האָב צו מאַכן אַ פּונקט!" און דער פּאָרזיצנדער טוט אַ זיפץ – און גיט דעם רעדנער דאָס וואָרט. און משיח מוז וואַרטן.

די הענאַכס פון ציון.

צוויי חברים — יונג ביידע, ביידע קלויזניקעס, בטלנים — ביידע. חנן און הענאָך. חנן — טראַגיש, פאַרחלומט, פאַנטאַסטיש; חנן — גע־ראַנגלט זיך מיט דער וועלט, ליב געהאַט ביז צום שטאַרבן, און גע־שטאָרבן פון ליבע. הענאָך — בנימוסדוק, באַלעבאַטיש, שכלדיק, אָפּ־געמאָסטן און אָפּגעוווֹיגן.

חנן — די אַוואַנטורע פון דער אייביקער יוגנט, פון דער יוגנט, וואָס וויל דאָס אומגליקלעכע; פון דער יוגנט, וואָס זינגט, ווי דער פראַנצויזישער פּאָעט, ווערלע-גריפּען זאָגט:

איך זינג אין מיין נשמה אַלע משוגענע זאַכן —
איך זינג מיידלעך און פריידן...

הענאָך — הענאָך איז גאָרנישט יונג. ער איז בלויז אַ נאָך נישט דערוואַקסענער, ער איז דער סטאַטעטשנער, ערד-געבונדענער, ווי־מען-קאָן-וועלנדיקער, וואָס איז נאָך צופעליק נישט קיין אַלטער.

הענאָך — חנוך, וואָס איז געווען, ווי אַן אַלט און קלוג וואָרט זאָגט אונז: „חנוך חנף היה: פעמים צדיק, פעמים רשע". גלאַט און צופּאַסונג-פעיִק, אַמאָל אַ צדיק, ווען עס איז נישט שווער, און אַ רשע, ווען מען דאַרף זיך נישט יאָגן נאָך דער עבירה. און זיין אייגציקער וועג איז געווען: פאַרשווינדן, נישט ווערן — און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי. צערונען ווערן אין דער לופט — אָן אַ שפּור.

אין באַזעל, אויף דעם קאָנגרעס, איז מיר דאָס בילד געקומען. דאָרט, צווישן די שערבעלעך פון יונגע חלומות, האָב איך אים דער־זען. אַלצדינג, וואָס איז געווען יונג און פאַרמאָסטן, אַוועקגעראַמט. אַראָפּ דער פּאַטאָס, אָפּגעווישט דער גלאַנץ, דער פּערלען-טוי-גלאַנץ

פון אַ זומער־פרימאָרגן. האַרבע האַרבסט־ווירקלעכקייט. גרויע פּראָזע, וואָכעדיקייט, אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע בייטלדיקייט.

און איך האָב זיך צוגעקוקט צו די „יונגע”. עס זענען גע־שטאַנען אויף דער טריבונע די פּועלי־ציון. זיי האָבן פּראָטעסטירט, זיי האָבן געמאָנט, זיי האָבן געשטורעמט. ווי קעמפער ביי אַ פאַר־לוירענער פּאָזיציע, ביים ריקצוג. צוריקגעצויגן זיך מיט פלאַטערנדיקע פאָנען, און מיט מאַרש־מוזיק.

אָבער אַט שטייען אויף דער טריבונע די פאַרטרעטער פון דער „התאחדות”, פון די „צעירי־ציון”. זיי זענען אויך נישט מסכים מיט דעם זיגנדיקן בירגערטום, מיט דעם „טריומפירנדיקן בעביט”. אָבער ווי שוואַך, ווי געלערנט, ווי פּראָזאַיש, ווי פרי אַלט איז זייער פּראָטעסט!

הענאָך — חנוך. גרייט צום קאָמפּראָמיס מיט יעדן צד, און אָן פלאַמענדיקער ליידנשאַפט צו קיינעם פון זיי.

דאָס בילד איז ביי מיר געבליבן. און אָפטמאָל, ווען איך טרעף זיי, ווען איך הער זיי, ווען איך לייען זייער ליטעראַטור, שטייט ער פאַר מיר תּמיד, דער הענאָך פון דעם „דיבוק”, דער חנוך פון דער לעגענדע — ער אַנטקעגן חננען, און איך זע, ווי ער אַנטלויפט מיט דער גמרא אונטער דער פּאַכווע, אַ דערשראָקענער. דער מוט פון חננען, זיין שטורעם, האָט אים צעטומלט, צעשראָקן, פאַרטריבן. און אָט זע איך אים ווייטער, ווי ער לויפט אין זיין קאַפּאָטקעלע, מיט דער גמרא אין דער האַנט, צו דעם גביר אין שטוב אַריין, עסן דאָרט אַ „טאָג”. דאָרט איז אים גוט, דאָרט איז אַלצדינג האַרט ביי דער ערד, דאָרט פאָדערט מען פון דעם מענטשן נישט קיין עלית־נשמה, און אַפילו די נייטיקע ירידה איז אויך אַ לאַנגזאַמע, אויף אַ סאַמעטענעם קישעלע.

וואָס פאַר אַן אַלט, גרוי פאָלק מוזן מיר זיין, ווען די „צעירי־ציון” זענען שוין אונדזערע יונגע! ווי שווער מוז שוין זיין די אַר־טעריאָ־סקלעראָזע, אַז אַפילו דער מידער, שווערער, שוואַכער גאַנג פון דער „התאחדות” גילט שוין ביי אונדז פאַר דעם טריט פון די יונגע, די יונגע פון ציון!

איך ווייס, עס איז נישט זייער שולד. איך ווייס, דער, וואָס האָט זיי אַרויסגערופן צום לעבן, דער, וואָס האָט זיי געבוירן, איז געווען אַ טיפער, אַ פאַרטיפנדיקער מענטש. אַסקעט און עסטעט אין

...ר אייגענער צייט, אַ מאָראַלישער פּאָדערער און אַ פּעדערער. אָבער ער איז געווען אַלט, עלטער אַפילו ווי זיינע יאָרן, אַלט און אומעטיק. ער איז געווען, אויף זיין אופן, אַן אַנטוישטער, אַ מידער, אַט דער וווּנדערבאַרער מענטש, וואָס האָט געהייסן גאָרדאָן און וואָס איז דער גייסטיקער פּאָטער פון די „צעירי-ציון". אַ רוסישער „נאַראָדניק" מיט יידיש-פּאַלעסטינישער עצבות. אַ ריינע נשמה, אָבער דורך ליידן געלייטערט און פון ליידן אויסגעשעפּט. און דער עיקר — אָן אַ פירנדיקער, לייטנדיקער, פּאַנאַטישער אידעע. און וואָס איז דען די גאַנצע קראַפט פון די סאָציאַליסטן? אין דעם, וואָס זיי האָבן אַ פונדאַמענטאַלן „מוז". אַט אַזוי און אַזוי מוז זיין די געזעלשאַפט — האָט מאַרקס געלערנט מיט זיי. און אין דעם „מוז" איז זייער כוח.

דער אַנטי-מאַרקסיסט האָט תמיד אַ שווערן קאַמף. ער מוז זוכן אַ נייעם מוז פאַר זיך, און זיי געפינען זיך נישט אַזוי גרינג, אַט די „מוזן".

און דערפאַר איז אַ שטרענג-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, מיט אַ פּאַרטיקער, אין איין-געקאָוועטער אידעאָלאָגיע, מיט דער מאַרקסיסטישער, אויב נישט פילאָזאָפיע, אָבער דאָך דער אויסגעאַרבעטער טערמינאָלאָגיע, תמיד שטאַרקער, קאָנצענטרירטער און דיסציפּלינירטער, ווי אַ „דעמאָקראַטיש-פּאָלקסטימלעכע" פּאַרטיי. דערפאַר איז די פּאַרטיי, למשל, פון די פּועלי-ציון, מיט איר גאַנצער טעאָרעטישער נישט-ביז-צום-סוף-דערטראַכטקייט, און איר פּראַקטישער נישט צוגעפּאַסטקייט צו די רעאַלע באַדינגונגען און דעם לעבן פון ארץ-ישראל — פּאָרט איינגעוואָרצלטער און פּאַרזאַנקערטער, ווי די פּאַרטיי, וואָס „שטרעבט צו שאַפן אַ פרייע יידישע אַרבעטנדיקע געזעלשאַפט אין ארץ-ישראל, און צו באַנייען דאָס פּאָלקס-לעבן אין גלות אויף די יסודות פון זעלבסטאַרבעט און פון דער העברעיִשער קולטור". אַ ברייטער, און דערפאַר זייער אומבאַשטימטער, זייער ווייט-פאַרנעמיקער, און דערפאַר ווייניק-פּערספּעקטיקטער, פּראָגראַם. וואָס הייסט דאָס „אַרבעטנדיקע געזעלשאַפט"? און וואָס מיינט עס דער „פּאָלקסמענטש" — אָט דער באַגריף, וואָס די צעירי-ציון-פּאַרטיי באַנוצט אַזוי אָפט? מען דאַרף נישט זיין דווקא קיין מאַרקסיסט און נישט גלויבן אין דער שטרענגער קלאַסן-צעטיילונג, אין דעם סאָציאָלאָגישן זין פון דעם וואָרט, אָבער איינס מוז מען מודה זיין, אַז די קלאַסן-טעאָריע איז אַ זייער גוטע אַרבעטס-היפּאָטעזע און אַ זייער נוצלעכע פאָרמולע. מען קאָן זיך

כמעט נישט באַגיין אָן איר. מען מוז אַרויסשיילן פון דער גאַנצער אַמאָרפער, אומאָרגאַניזירטער, צעשוומענער מאַסע אַ גרופּע, וואָס האָט אַ געוויסע אייגנהייטלעכקייט פון אינטערעסן און פון באַדערפע־נישן. און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער גרעסטער פעלער פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי אַלס אַזעלכע, וואָס זי איז צופיל — אויב נישט כמעט אויסשליסלעך — די פּאַרטיי פון אַלעמען, די פּאַרטיי פון אַ ל ע יידן, און דאָס מיינט הויפּטזעכלעך פון דעם גלאַט אַזוי מענטשן, פון דעם, וואָס האָט נישט קיין שום האַטשעקעס, ווו ער זאָל זיך קאָנען פאַרהאַקן; פאַר דעם דורכשניט־מיטלמעסיקן מיטל־מענטשן, וואָס האָט זייער ווייניק, אַ חוץ מיטל.

קומען איצט די צעירי־ציון און ווענדן זיך מיט זייער אידעאָ־לאָגיע צו די אייגענע יידן — די אייגענע מיטלמעסיקע, צו דער איי־גענער גרויער, אומדיפערענצירטער מאַסע. מיט וואָס־זשע אונטערשיידן זיי זיך פון די אַלגעמיינע ציוניסטן? מיט וואָס זענען זיי עס די „יונגע" און די אַלגעמיינע — די אַלטע?

וואָס איז געווען זייער ראָלע ביז אַהער אין דער באַוועגונג? זיי זענען געווען לאָיאַל, ווי עס קאָן גאָרנישט זיין מער, צו דער פירונג אין לאָנדאָן. די „איידזשענסי" ? די צעירי־ציון האָבן זי גע־שטיצט. און וואָס־וואָס—פּראָגרעסיוו, דעמאָקראַטיש און פאָלקסטימלעך קאָן די „איידזשענסי" דאָך קיינמאָל נישט ווערן. מען קאָן נישט דער־וואַרטן פון דעם צווייטן שותף, דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע, אַז זי זאָל אויפבויען אַ דעמאָקראַטיש־פאָלקסטימלעכן ישוב, דערצו נאָך מיט אַ סאָציאַליסטישן ניואַנס.

אויף דעם לעצטן קאָנגרעס האָט די „התאחדות" געקעמפט קעגן דעם „אַמעריקאַניש־דייטשן פּלאַן" פון רעאָרגאַניזירן די אַדמיניסטראַציע. אָבער איר קאַמף איז געווען אַ קילער, אַ טאַקטישער, נישט קיין ליידנשאַפטלעך־נשמהדיקער, ווי די פּועלי־ציון האָבן אים געפירט. אָדער דאָ, אויף דעם אָרט — אין אַמעריקע. וואָס האָבן די צעירי־ציון געטאָן, כדי צו דעמאָקראַטיזירן די באַוועגונג, צו פאַרשפּרייטן זי צווישן די מאַסן? זיי זענען צו שוואַך, צו יונג! אָבער פאַרוואָס? איינס פון די צוויי: אָדער זיי זענען אַ בירגערלעכע אָרגאַניזאַציע— האָבן זיי דאָך אַ פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי און האָבן אַ חוב אין איר מיטצואַרבעטן, אַריינפירן אין איר נייע כוחות, יוגנט, באַגייסטערונג און פאָלקסטימלעכקייט. אָדער זיי זענען אַן אַרבעטער־

אָ׳גאַניזאַציע — איז דאָך די איינציקע לאָגישע קאָנזעקווענץ אַ פאַ־רייניקונג, אָדער, לכל הפחות, אַ פעדעריירונג מיט די פועלי־ציון, כדי צו שאַפן אַ שטאַרקע ציוניסטיש־אָריענטירטע אַרבעטער־באַוועגונג.

די צעירי־ציון זענען אָבער אויך דאָ געבליבן טרייזאַם צום הענגאַך־חנופיזם. זיי האָבן תמיד געהאַט צוויי וועגן, עס האָט זיי גע־צויגן אי צו דער אַרבעטער־וועלט, איז צו דער גלאַטינקער יידישער בורזשואַזיע, און קלערנדיק וואָסער וועג איז דער בעסערער, זענען זיי בכלל געשטאַנען אויף איין אָרט.

זיי האָבן אַזוי לאַנג געזוכט אַ פּאָזיציע, ביז זיי האָבן פאַרלאָרן דעם שאַנס צו ווערן אַפילו אַן אָפּאָזיציע.

און דאָס איז דאָך די שווערסטע קראַנקהייט פון דעם אַמערי־קאַנישן ציוניזם: עס איז אַ באַוועגונג אָן אַן אָפּאָזיציע. נישט קיין אָפּאָזיציע פון מענטשן צו מענטשן, פון דעם, וואָס וויל זיך זעצן אויף דעם בענקל, צו דעם, וואָס זיצט שוין אויף אים — די איינציקע אָפּאָזיציע, וואָס איז בכלל דאָ פאַראַן — נאָר אַן אָפּאָזיציע, אַ קעג־נערשאַפט פון אידעען, פון מעטאָדן, פון וועגן און צוגאַנגען.

אָן אַן אייגענער אידעאָלאָגיע, אָן פירער, האָט די אָרגאַניזאַציע פון די צעירי־ציון געמוזט ווערן וואָס זי איז — אַ מין קליינער אויף־איסט בראָדוויי; אַ באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעהייבן מיט העבּרעיזם און פאַרענדיקט מיט יידישיזם; אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אַמאָל אַ סאָציאַלן פּאַטאָס און איז געוואָרן סאָציאַל־אַפּאַטיש.

געוויס, גאָרדאָן איז אַ ליכטיקע דערשיינונג; איינער פון די וויי־ניקע, וואָס האָבן די פּאַלעסטינע־אידעע דערהייבן פון איר ענג־נאַ־ציאָנאַליסטישער, ריין־נעגאַטיוויסטישער נידערונג — דערהייבן זי צו דער מדרגה פון אַ דערלייזונג פון דעם יידישן מענטשן.

אָבער גאָרדאָן איז געבליבן אָן יורשים. די, וואָס זענען גע־קומען נאָך אים, די פירער און טעאָרעטיקער פון דער אָרגאַניזאַציע, האָבן אפשר אַ ברייטע בילדונג, קענען פּאָליטישע עקאָנאָמיע און אַגראַר־פּאָליטיק, ווייסן דעם אונטערשייד צווישן אוסטראַלישער און פּאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציע, זענען אפשר אויך נישט קיין שלעכטע פּאָליטיקער אויף קאָנגרעסן, בפרט נאָך, ווען מען דאַרף שטיצן; אָבער דער גאָרדאָנישער פונק, זיין מיסטישע בענקשאַפט, זיין אַלטע, „נאַראָדניקישע״, פון רוסלאַנד אַריבערגעבראַכטע יראת־הכבוד פאַר פּשטות — דאָס האָבן זיי נישט, און דאָס פעלט אויך דער גאַנצער

באוועגונג. זי איז יונג — געוויס, אפשר נישט אזוי יונג, ווי מען מיינט, נישט אזוי יונג, ווי די וועטעראנען פון דער ציוניסטישער פארטיי — אָט די זקנים, וואָס גייען אראָפּ איינער נאָך דעם אנדערן פון דער בינע; אָבער, ווי זאָגט מען: אין דעם קעניגרייך פון בלינדע איז דער איינאויגיקער — קעניג. אין פארגלייך צו די אלגעמיינע אמעריקאנער ציוניסטן זענען די ציעירי-ציון זייער יונג.

אָבער יונג אליין איז נאָך נישט גענוג. העניאך איז אויך יונג. און וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון העניאכן?

און עס איז צייט, אַז די פאַרטיי פון די „יונגע פון ציון" זאָל זיך אָפּגעבן דין-וחשבון: גייט זי צו העניאכן אָדער צו חנגען? וויל זי — האַרט ביי דער ערדיקייט, טרוקנקייט, וויל זי זיין א פינפטער ראָד אין וואָגן פון דעם באלעבאַטישן ציוניזם, אָדער וויל זי ווערן די חנן-פאַרטיי, די פאַרטיי פון מיסטישן וועלן, פון „שיר-השירים-דיקער" ליבע, פון דער גרויסער עליה, די פאַרטיי פון דעם אייביקן יידישן פאַטאָס און פון „הזיה" — פאַנטאַזיע, כימערע?

„גליקלעך, הער עס איז געוועזן יונג אין דער יוגנט" — איר געדענקט דאָס וואונדערבאַרע ליד פון פושקינען? יוגנט פון ציון — און שוין אזוי אלט! יוגנט פון א כימערישער און דערפאַר שיינער און דערפאַר שעפערישער אידעע — און שיין אזוי העניאכיש-פּראָזאַיש!

צייט אָפּצושטעלן דעם פרי-עלטער-פּראָצעס, אָדער די גאַנצע פאַרטיי פאַרלירט איר עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג, צום ווייניקסטן דאָ אין אַמעריקע.

א ראַדיקאלע ענדערונג מוז פאָרגענומען ווערן. אַן ענדערונג צום ראַדיקאַלן. די ציעירי-ציון מוזן זיך אַנטשיידן — צו וועמען זי באַלאַנגען: צו די באַלעבאַטישע אָדער צו די אַרבעטנדיקע יידן? און לויט דער אַנטשיידונג מוז אויך זיין די איינשטעלונג.

און עס איז פאַר מיר נישט קיין ספק, אַז פאַר זיי איז פאַראַן בלויז איין איינשטעלונג: די פעדערירונג מיט די פועלי-ציון, די שאַפונג פון אַן אַלגעמיינעם ציוניסטישן אַרבעטער-בונד.

מעגלעך, אַז מיט דער צייט וועט דערפון אַרויסקומען א פאַרשמעלצונג, אַ צונויפגיסונג, אָדער אַן אָרגאַנישע צונויפוואַקסונג פון ביידע וועלטאַנשויונגען — דער ריין-מאַרקסיסטישער פון די פועלי-ציון און דער אידעאַליסטישער „נאַראָדניקשער" פון דער התאחדות.

די פֿאַלשמעלצונג וועט פריער אָדער שפּעטער מוזן קומען אין ארץ-ישׂראל, אונטער דעם טעאָרעטישן און פּראַקטישן דרוק פֿון דער דאָרטיקער ווירקלעכקייט.

אָבער דערווייל מוז געשאַפֿן ווערן אַן איינהייטלעכער פּראָגראַם פֿאַר דער אַרבעט אין אַמעריקע, פֿאַר דער געווינונג פֿון די ברייטע יידישע מאַסן פֿאַר דער ציון-אידעע, און נישט בלויז אין „זאַמלען פֿאָנדן", נאָר אין זאַמלונג פֿון נשמות, אין אַריבערציען דעם יידישן יחיד, שאַפֿן אַ נייע גייסטיקע אַטמאָספֿערע אין דעם אַמעריקאַנער יידנטום.

די אַלטע קאָנען דאָס נישט מער. נישט זיי זענען מסוגל צו ווירקן, נישט די קרייזן, וואָס זיי דערגרייכן, קאָנען אויפֿנעמען די השפּעה. צו שפּעט, צו גרויס די מי.

אָבער יוגנט צו יוגנט, יוגנט פֿאַר יוגנט—דאָס איז נאָך מעגלעך. אָבער נישט העננאַך קאָן משפּיע זיין, און נישט אויף הענאַכס וועגן.

סער אַלפרעד מאָנד און הערבערט סעמועל.

אַ סאָנאַטע ביי „לבנה-ליכט". אַ סאָנאַטע פון ליבע און פון בענקשאַפט, פון לבנה-שטראַלן און בלייך-ליכט-חלומות. אַ סאָנאַטע פון אילוזיעס, וואָס ווערן קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט. און עס איז אַזוי זיס—צו הערן די ווונדערבאַרע „לבנה-מוזיק", די „מאָנד-סאָנאַטע" פון דעם איינציקן בעטהאָווען.

מוזיק, זאָגט מען, איז „געפרוירענע אַרכיטעקטור", אַרכיטעקטור איז צייט-גייסט אין שטיין. דער שפּיציקער, שאַרף-קאַנטיקער מיטלאַלטער, — אונטן דער ברייטער סאָציאַלער באַזיס פון די דינענדיקע מאַסן, — און דערנאָך זיך פאַרשמעלערנדיק, ביז צום לעצטן שפּיץ — דעם „הערשער", דעם באַלעבאָס איבער דעם לאַנד.

דערנאָך — דער רענעסאַנס-סטיל. ברייטער, קיילעכדיקער, האַרמאָנישער — דער סטיל פון דער איטאַליענישער דעמאָקראַטיע. און ווייטער—איז אַנדערש. און וואָס איז היינט דער סטיל? אין דער אַרכיטעקטור, ווי אין דער מוזיק, אין קלאַנג, פאָרם און געשטאַלט פון דער געזעלשאַפט, אַ צעמישונג פון אַלע סטילן, אַן אומרו. נישטאָ מער קיין זיכערקייט און קיין גלויבן אין זיך, אין דעם אייגענעם אמת. די צייטן זענען שוין פאַרגאַנגען, ווען עס זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן שאַרף אָפּגעטיילטע סאָציאַלע שיטות: עקאָנאָמישער ליבעראַליזם און סאָציאַליזם. ליבעראַליזם פון אַדאַם סמיט און דעם פראַנצויזישן ענטוזיאַסט באסטיאַ און די דייטשע טיפזיניקע טעאָרעטיקער, דער ליבעראַליזם — אויף דעם עקאָנאָמישן, ווי אויף דעם פּאָליטישן געביט — האָט פאַרלוירן דעם אימפּעט. ער איז מיד — און גרייט צו קאָמפּראָמיסן.

אָבער אויך דער סאָציאַליזם האָט נישט מער די יוגנטקראַפט. עס פעלן אים די פליגלען פון אַמאָל. אויך מיד. עס זענען נישט מער די שיינע צייטן, ווען די פירער פון סאָציאַליזם האָבן געשוווירן ביי יעדן וואָרט פון מאַרקס, ווען זיי האָבן געגלויבט מיט זייער גאַנצער קראַפט, אַז „עס וועט קומען די צייט, ווען די עקספּראָפּריאירטע וועלן עקספּראָפּריאירן די עקספּראָפּריאַטאָרס", אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז, לויט אַן אייזערנעם געשיכטלעכן געזעץ, ווערן די הערשנדיקע מאַכט.

דער קאָמוניזם האָט אָפּגעשוואַכט דעם סאָציאַליזם — און דיווירקלעכקייט שוואַכט אָפּ דעם קאָמוניזם. עס איז נישט קיין וווּנדער דערפאַר וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטן פון דער גאַנצער וועלט זוכן נייע פאָרמולעס פאַר זייער פּאָליטיק. די עסטרייכער, די דייטשן — אָטאָ באַוער, קריספּיען און די איבעריקע פירער פון דער קלאַסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע — האָבן אָנגעהייבן רעווידירן זייער פּראָגראַם. עס בלייבט דער אַלטער אַפּאַראַט פון ווערטער און פאָרמולעס, עס בלייבט די גרונט-אידעע, אָבער עס ענדערט זיך דער אינהאַלט. דער באַגריף פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אונטער זייערע הענט פאַרברייטערט. ער נעמט שוין אַרום נישט בלויז די לוין-אַרבעטער, דעם אינדוסטריע-אַרבעטער, נאָר אויך דעם פּויער, דעם אָנגעשטעלטן, דעם קליין-קרעמער, דעם קליינבירגער. אַזוי איז תּמיד דער גורל פון אַלע טעאָריעס און שיטות. זיי ווערן גרוי, זיי ווערן אַלט — און קעמפן ביז צום לעצטן מאָמענט פאַר זייער עקזיסטענץ. זיי ווילן קיינמאָל נישט צוגעבן, אַז זיי דעקן צו אַן אינהאַלט, וואָס איז אין עצם פרעמד צו זיי.

אין דעם אייגענעם וועג גייט אויך דער ליבעראַליזם. ווען מען וואָלט די אַלטע ליבעראַלן, די מאַנטשעסטער-נביאים, די טעאָ-רעטיקער פון דעם עקאָנאָמישן אינדיווידואַליזם, דערציילט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען עס וועט כּמעט נישט זיין קיין אונטערשייד צווישן ליבעראַליזם און שטאַטס-סאָציאַליזם, וואָלטן זיי רויט געוואָרן פאַר כּעס. די לעצטע פאַר האָר אויף זייערע פּליכעס וואָלטן זיך אויפגעשטעלט.

אָבער עס איז אַזוי. עס זענען שוין גאָרנישטאָ מער קיין ליבעראַלן, פּונקט ווי דער אַלטער מין קאָנסערוואַטיזם איז שוין פאַרשווּנדן געוואָרן. מען מוז שוין גיין אין די היסטאָרישע מוזייען — כּדי צו זען די אַמאָליקע סאָציאַלע טיפּן. קאָבדען אָדער בראַיט שטייען

דאָרט לעבן די געפּאַנצערטע ריטער פון אַמאָל. מאָנומענטן — נישט מער. און צו קאָבדען און בראַיט — קומט באַלד צו אַ נייער מאָנומענט: אַסקוויט, אָדער אפשר אויך לאָיד דזשאָרדזש, און זיכער סער הערבערט סעמועל.

איך קען פאַרשטיין וועלסעס כעס אַקעגן סער הערבערט סעמועל. ביז נישט לאַנג האָט מען אין ענגלאַנד געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אַסקוויטס „יורש". מען האָט געמיינט, אַז ער וועט ווערן דער פירער, דער ניי-אָריענטירער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, און אַז ער וועט שאַפן אַ נייעם באַזיס פאַר דעם בריטישן ליבעראַליזם. דאָס, וואָס אַסקוויט האָט נישט געקענט טאָן, דאָס, וואָס לאָיד דזשאָרדזש האָט פאַרדאָרבן — וועט סעמועל אויספירן און אויסבעסערן. און וואָס איז געווען דער גרויסער, דער פונדאַמענטאַלער פעלער פון דעם אַסקוויט-ליבעראַליזם? ער איז געווען פּאָליטיש, נישט סאָציאַל. ער איז געווען דאָגמאַטיש און נישט בויגיק. אַזוי איז געווען דער ליבעראַליזם פון גלאַדסטאָן, נאָכמער פון קעמפּבעל-באַנערמאַן, פון „קיי בי", ווי מען האָט אים גערופן אין ענגלאַנד. אַזוי איז ער געבליבן אונטער אַסקוויטס לאַנג-יאָריקער פירונג.

די סטרוקטור פון דער ענגלישער געזעלשאַפט האָט זיך געביטן, אַ גרויסע אַרבעטער-פּאַרטיי איז אַרויסגעוואַקסן, די „טאָריס" זענען געוואָרן אַנדערע, ווי זיי זענען געווען אין דער אידיילישער צייט פון די אַכציקער אָדער ניינציקער יאָרן, אָבער דער ליבעראַליזם איז געבליבן אויף איין אָרט. לאָיד דזשאָרדזש האָט זיך געפּרוווט אַריינברענגען ניי בלוט, נייע אידעען אין דער ליבעראַלער פּאָליטיק, אָבער אויך זיינע אידעען זענען געווען מער פּאָליטיש, ווי עקאָנאָמיש. ער האָט מער וויץ, ווי טיפקייט, מער איינפאַלן, ווי אידעען, ער איז אַ קעמפער, אָבער נישט קיין בויער.

און זיין אויפטו איז געווען — אַ קאָאַליציע צווישן ליבעראַלן און קאָנסערוואַטיוון, אַ בונד, וואָס האָט זיך נישט געקענט האַלטן.

מען האָט געמיינט אין ענגלאַנד, אַז עס איז שוין געקומען די צייט פאַר אַ נייער קאָאַליציע — פאַר אַ בונד צווישן דעם ליבעראַליזם און דעם סאָציאַליזם, אָדער דעם סאָציאַליזם אין דער לייבאָר-פּאַרטיי-פאָרם. ווער זאָל מאַכן דעם שידוך? לאָיד דזשאָרדזש? ער וואָלט אפשר מסכים געווען — אָבער ער האָט נישט דעם צוטרוי פון די ליבעראַלן — און אויך נישט פון די אַרבעטער. מען גלויבט אים

נישט. מען הערט אים מיט פאַרגעניגן, מען לאַכט איבער זיינע וויצן, מען באַוואונדערט זיין בויגיקע פּערזענלעכקייט, אָבער מען האָט נישט קיין אמונה אין אים. אַ פירער אין קאַמף — יאָ; אַ פירער פון אַ פּאַרטיי — דערצו איז ער צו גרינגוואָגיק.

און אַלע אויגן האָבן זיך געקערט צו סער הערבערט סעמועל. זיין באַריכט פון דער לאַגע אין דער קוילן-אינדוסטריע אין ענגלאַנד האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אַרויסגעוויזן מער זאַך-פאַרשטענדעניש, מער וויסן און ערנסט, ווי אַלע אַנדערע ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע שטאַטסמענער. און די באַלוינונג איז באַלד געקומען. סער הערבערט איז געוואָרן ד ע ר פירער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי.

אָבער עס איז נישט גענוג צו וויסן, צו פאַרשטיין, צו קענען אַלע „בלויע ביכער” אויף אויסווייניק, צו באַהערשן דעם גאַנצן ציפער-מאַטעריאַל. אַ שטאַטסמאַן איז אויך אַ מין פּאָעט. מיט די בעסטע קענטענישן פון גראַמאַטיק, רעטאָריק, ליטעראַטור-געשיכטע און מעטריק קען מען נאָך נישט ווערן קיין פּאָעט. מען קען העכסטנס זיין אַ געלערנטער און ליטעראַטור-פּראָפעסאָר, אָדער — און דאָס אויך נישט תמיד — אַ קריטיקער.

און סער הערבערט האָט נאָכאַמאָל באַוויזן, אַז ערנסט, ערלעכקייט און געטריישאַפט אַליין זענען נאָך נישט גענוג פאַר אַ פירער אין אַ קריטישער צייט. ער האָט דאָס שוין איינמאָל באַוויזן, ווען ער איז געווען דער הייקאָמישאָנער אין ארץ-ישראל. ער האָט געהאַט אַ גרויסע געלעגנהייט, אַ היסטאָרישע, איינמאָל אין אַ לעבן, איינמאָל אין אַ יאָרהונדערט פאָרקומענדן שאַנס — און האָט אים פאַרשפּילט. ער האָט געקענט ווערן — דער נחמיה פון דעם נייעם אויפבוי — און איז געבליבן בלויז אַ גוטער בריטישער באַאַמטער. דער באַוואוסטער ענגלישער פּובליציסט גאַרדינער האָט שוין מיט אַ יאָר פופצן צוריק וועגן אים געזאָגט: „נישט קיין פירער, אָבער אַ שטאַטסמאַן, וועמען מען קען גלויבן”.

סער הערבערט האָט תיכף באַוויזן, אַז ער איז נישט געשאַפן צו זיין אַ פירער פון אַ פּאַרטיי, בפרט אַ פּאַרטיי, וואָס איז שוואַך און דאַרף זיך אומאָריענטירן. מען האָט דערוואַרט, אַז ער וועט דאָס זיין דער, וואָס וועט לייגן אַ בריק צווישן דעם ליבעראַליזם און

„לייבאָר", אַז ער וועט מאַכן דעם שידוך צווישן די צוויי עלעמענטן אין לאַנד: קליין-בורזשואַזיע און אַרבעטער.

אָבער דערצו האָט ער נישט געהאַט די נייטיקע פאַנטאַזיע, דעם שווונג און דעם מוט. ער האָט אויך דאָסמאָל פאַרלוירן אַ שאַנס.

און אַן אַנדערער, זיין קאָנקורענט אין דער בריטישער פּאָ-ליטיק — סער אַלפרעד מאָנד — האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט.

הערבערט סעמועל און אַלפרעד מאָנד זענען די צוויי אַיאַקסן פון ענגלאַנד, די „ויקהל-פקודי" פון דער בריטישער אימפעריע. מען האָט זיי תמיד צונויפגעפּאָרט. ביידע אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי, ביידע רייך, פון דעם אייגענעם סאָציאַלן קלאַס. ביידע יידן, ביידע אפילו ציוניסטן און דערפאַר אויך — אין אַ שטענדיקן קעגנזאַץ איינער צום צווייטן.

עס איז מעגלעך, אַז אַט די שטענדיקע פאַרקייטלונג פון די ביידע האָט געצווונגען איינעם פון זיי, סער אַלפרעד מאָנדן, אָפּצו-רייסן זיך מיט געוואַלט — און אָן שום אויסערן מאָטיוו — פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי און אַריבערגיין צו די קאָנסערוואַטיוון. זיי האָבן ביידע פּרעטענדירט אויף דער פירנדיקער ראָלע אין זייער פּאַרטיי — אָבער פאַר ביידע איז נישט געווען גענוג פּלאַץ אויף איין בענקל. סער אַלפרעד איז צו גרויס, צו פעט, כדי צו טייקן איין פּלאַץ מיט סער הערבערט.

עס זענען זיכער געווען נאָך אַנדערע מאָטיוון, טיפערע, סאָ-ציאַל-דיקטירטע. סער הערבערט באַלאַנגט צו דעם קלאַס פון סוחרים, סער אַלפרעד איז אַן אינדוסטריעלער, רעפּראָדוצירנדער, און ער האָט דערפאַר נישט געקענט זיך אונטערשרייבן אונטער דער פאַרשטייער-טער עקאָנאָמישער דאָקטרין פון דעם ליבעראַליזם. ער האָט געזוכט נייע וועגן — און האָט זיי, אויף זיין אופן, געפונען.

סער אַלפרעד מאָנד האָט פאַרטראַכט אַ גרויסאַרטיקן פּלאַן. ער האָט געזאַמלט אַרום זיך די פירער פון דער בריטישער אינדוסטריע, די מאַגנאַטן פון קוילן, אייזן, כעמישע פּראָדוקטן א. אַז. וו. און געשאַפן אַ מין טראַסט פון עקאָנאָמישער פירונג, אַ טראַסט, וואָס פאַרטרעט פינף ביליאָן דאָלאַר. באַוואָפנט מיט אַזאַ מאַכט, האָט ער אַרויסגעשיקט אַן איינלאַדונג צו די אַרבעטער פון ענגלאַנד. דער

קאַפּיטאַל האָט גערופן די אַרבעטער צו אַ קאָנפערענץ—און די אַרבע־טער זענען געגאַנגען.

דער פּראָגראַם איז אַ רייכער, אַ ברייטער, און זיין קערן איז: די אַרבעטער ווערן שותפים מיט די אייגנטימער, באַקומען אַ פינאַנציעלן אינטערעס אין דעם געשעפט, האָבן זייער פאַרטרעטער אין דעם אויפזיכטס־ראַט. דאָס מיינט: דער אַרבעטער הערט אויף צו זיין בלויז אַ האַנט, אַ געדונגענער. ער איז אַ מיטבאַטייליקטער, אַ מיט־אייגנטימער, אַ מיטבאַלעבאָס.

עס איז געוויס נישט קיין נייער פּלאַן. טעאָרעטיש אַ פאָדע־רונג פון בריטישן גילד־סאָציאַליזם, פּראַקטיש, אין אַ געוויסן זין, אויסגעפּירט אין דייטשלאַנד און איטאַליע — אין דער צייט, ווען דזשיאָליטי האָט געפּרוווט ראַטעווען די איטאַליענישע דעמאָקראַטיע פון דעם קאָמוניזם און פון דעם פאַשיזם.

אָבער עס איז אויך אַ שריט ווייטער. אין דעם דייטשן און אין דעם איטאַליענישן סיסטעם איז דער אַרבעטער געווען בלויז פאַר־אינטערעסירט אין דער ל י י ט ו נ ג, געהאַט אַ שטים און אַ וועטאָ — אָבער נישט קיין מיטאייגנטום. לויט דעם פּלאַן פון סער אַלפרעד מאָנד, איז די באַטייליקונג פון דעם אַרבעטער אין דער פירונג אַ רעזולטאַט פון זיין באַטייליקונג אין דער אונטערנעמונג. און דאָס איז נישט בלויז אַ פאָרמעלער, נאָר אויך אַן אינהאַלטלעכער אונטערשייד. דאָס הייסט — אַוועקשטעלן די גאַנצע אַרבעטער־פראַגע אויף נייע יסודות.

עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די „לינקע" האָבן זיך דער־שראָקן. קוק, דער באַוווּסטער „עמפּעראָר" קוק, דער לינקער אַרבע־טער־פירער אין ענגלאַנד, האָט פּראָטעסטירט אַקעגן דעם באַשלוס פון די ענגלישע געווערקשאַפטן צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפע־רענץ מיט די קאַפּיטאַליסטן. „עס איז דער שווערסטער קלאַפּ פאַר דער בריטישער אַרבעטערשאַפט" — האָט קוק דערקלערט. פאַר דער אַרבעטערשאַפט?

ווי זאָגט פלאָריאַן, דער פאַבל־דיכטער? עס טרינקט זיך אַ פוקסל — און שרייט: די וועלט גייט אונטער! „ניין, — ענטפערט אים אַ מענטש אויף דער בריק, — בלויז אַ פוקסל טרינקט זיך".

די קאָנפערענץ האָט זיך נאָך נישט אָנגעהייבן. און ווער ווייסט, ווי אַזוי זי וועט זיך ענדיקן. עס איז מעגלעך, אַז די נייע מאָנד־

שיין־סאָנאַטאַ — וועט אויך נישט ברענגען מער ווי די אַלטע שיינע חלומות, אילוזיעס, וואָס צערינען, שטראַלן, וואָס פלעכטן זיך צונויף און צעשווימען.

מעגלעך. אָבער אַלץ בעסער ווי דער אייביקער שאַבלאָן, ווי דאָס שטענדיקע אַרומטרעטן אויף איין אָרט — אָן פּאַטאָס, אָן פאַנטאַזיע; בעסער ווי די גרויע פּראָזע פון דעם אַלטן ליבעראַליזם און פון דעם פאַרעלטערטן, כמעט שוין אַרטעריאָ־סקלעראָזישן סאָציאַליזם.

מען האָט געפּרוּווט אין רוסלאַנד דורכצוברעכן דעם שאַבלאָן. עס איז נישט געראָטן. יעדנפאַלס נישט אַזוי ווי די צעברעכער האָבן געוואָלט און געגלויבט. אָבער אויך דאָרט — עפּעס וועט בלייבן. אַ פולשטענדיקער אומקער צום אַלטן איז נישט מעגלעך.

איצט פּרוּווט ענגלאַנד — אויף אַן אַנדער וועג — אויפצולעבן די אַלטע אָרדענונג, אַריינברענגען אַ נייעם מאָטיוו אין דעם סאָציאַלן לעבן.

און איר ווייסט דאָך — די היפּוכים באַרירן זיך. אַלץ בעסער, ווי דאָס אייביק מיטעלע, מיטלמעסיקע, ווי דער „טויטער פּונקט".

גאָטיק אָדער באַזיליקאַ — אַלץ בעסער, ווי דער „פּסעוודאָ־קלאַסיציזם".

בעטהאָווען אָדער דזשאַז—נאָר נישט קיין זיסלעכע, סענטימענטאַלע, לויט אַלע געזעצן ריכטיקע און אַזוי ניכטער׳ע מיטלמעסיקע סאַלאָן־ און אונטערהאַלטונגס־מוזיק.

אומגעדולדיק שטייט דאָס לעבן הינטער די פּלייצעס און שטופּט און דרענגט און מאָנט: ווייטער — ווייטער — און העכער.

אַ בודאַפּעשטער דרייפוסיאַדע.

„האַטוואַני לאַיאָש, באַראָן!‟ — דער ריכטער אין בודאַפּעשט לייענט דעם באַשולדיקונגס-אַקט. אויף דער אָנקלאַגע-באַנק זיצט אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק אָדער צווישן פערציק און פופציק, בלייך און נערוועז, מיט אַ פיינעם, דורכגייסטיקטן פנים, אַן „אינטעלעקטועלער‟, אַן אַריסטאָקראַט. אַן אונגאַרישער אַריסטאָקראַט. געבוירן אין עשירות. דער פאָטער שוין אַ באַראָן פון דער „הייליקער סטעפאַנס-קראָנע‟, אַ מיטגליד פון דעם אַלט-אונגאַרישן מאַגנאַטן-הויז. ער אַליין, האַטוואַני לאַיאָש, ווי זיי זאָגן אין אונגאַרן, אָדער לודוויק באַראָן פאָן האַטוואַני, ווי מען האָט אים גערופן אין ווין און בערלין, אַ געלערנטער, אַ שאַרפער קריטיקער, אַן ערשטקלאַסישער סטיליסט. מיט יאָרן צוריק — עס זענען שוין איבער צוואַנציק יאָר — איז די דייטשע ליטעראַרישע וועלט איבערראַשט געוואָרן פון אַ בוך, וואָס האָט געטראָגן אַ מערקווירדיקן נאָמען: „די וויסנשאַפט פון דעם, וואָס איז נישט כדאי געוווּסט צו ווערן‟. א בוך, וואָס פירט צום לאָגישן סוף די געדאַנקען פון ניצשע, אַ בוך פון שאַרפער און איינדרינגנדיקער קריטיק, אַ בוך, ווי אַ מעסער, וואָס האָט צעשניטן דאָס גייסטיקע לעבן פון דער אייראָפּעישער קולטור-וועלט און אויפגעוויזן זיינע גרונט-פעלערן.

ווין, בערלין האָבן זיך צוגעהערט צום קול פון דעם נייעם „אונגאַר‟. און באַלד זענען געקומען נייע ביכער פון זיין פען. עסייס, אַרטיקלען, אין דייטש און אונגאַריש, געשריבן אין דעם מערקווירדיק רייכן, פאַרביקן סטיל פון בודאַפּעשט, ווייל בודאַפּעשט האָט אַן אייגענעם סטיל. „איר מיינט, אַז איר שרייבט דייטש‟ — האָט אַמאָל

איינער אַ דייטשער שריפטשטעלער געזאָגט צו דר. הערצל, — „איר האָט אַ טעות. איר שרייבט ווינער־בודאַפּעשטער פּראָווינציזיש".

מעגלעך. אָבער אָט דער אייגענער דיאַלעקט איז געווען אַזאַ שיינער, קלינגנדיקער און קולטור־זאַטער, אַז גאַנץ דייטשלאַנד איז פאַרגאַפּט געוואָרן. הערצלס, נאָרדויס, לודוויק העוועשיס, אַלפרעד פּאָלגאַרס — לויטער דייטשע שרייבער, וואָס קומען פון בודאַפּעשט און האָבן מיטגעבראַכט אין דער דייטשער ליטעראַטור זייער אונגאַריש־יידישע אייגנאַרט — אָט דערדאָזיקער ווייכער, מילדער, סקעפּטיש־סענטימענטאַלער און, דער עיקר, קלוגער סטיל האָט באַקומען בירגער־רעכט אין דייטשלאַנד.

און דאָס טאַקע, ווייל די אַלע זענען געווען — יידן. אונגאַרישע יידן פון דייטשער קולטור, און דערפאַר קאָסמאָפּאָליטן, און דעריבער פאַרשמעלצער פון פאַרשידענע לעבנסמאָטיוון, און פאַר דעם טעם אַזוי קאָמפּליצירט, ראַפינירט און שיין.

אַ מערקווירדיק לאַנד — אונגאַרן. אַ לאַנד פון מאַגנאַטן מיט דער אולטראַ־אייראָפּעישער שטאָט. אַ לאַנד פון פּויערים, וואָס זענען נאָך פּונקט אַזוי פּרימיטיוו, ווי זייערע זיידעס, די הונען, וואָס זענען געקומען מיט אַרפּאַד אויף קליינע פערדלעך, מיט פייל און בויגן, מיט אכזריות און בלוט־דורשט אין זייערע קאָפּע אייגעלעך, מענטשן, וואָס האָבן געגעסן רוי פערדיש פלייש, וואָס זיי האָבן געוואַרעמט אונטערן זאָטל. צווישן דעם אמתן „מאַדיאַר" און זיין שוועסטערקינד אין סיביר, דעם אָסטיאַק, דעם בוריאַט, דעם געצנדינער, דעם געלן ווילדן מאָנגאָל, איז אַ קנאַפּער אונטערשייד. אָבער זיי זענען די „הערשער".

און זיי האָבן איינגעשפּאַנט פרעמדע פעלקער, אייראָפּעישע פעלקער אין זייער יאָך און האָבן זיי געצוווּנגען צו שאַפן פאַר זיי — קולטור.

דער סלאָוואַק קאָשוט האָט פאַר זיי געמאַכט אַ רעוואָלוציע. דער סערב פּעטעפי — אָדער ווי ער האָט מיט זיין אמתן נאָמען גע־הייסן פּעטראָוויטש — האָט זיי געגעבן זייער בעסטע ליריק. דער סלאָוואַק קאָלאָמאַן מיקסאַט האָט פאַר זיי געשאַפן דעם ראָמאַן, א. אַז. וו.

אָבער מער פון אַלע, געטרייער פון אַלע אַנדערע, האָבן זיי געדינט די יידן. פּרעסע, פינאַנצן, ליטעראַטור — אַלצדינג האָבן זיי די יידן צוגעשטעלט. רעדט מען אין דער וועלט פון אונגאַרישער

דראַמאַטורגיע — וועמעס נעמען הערט מען? — פראַנץ מאָלנאַר און לענדיעל,—און ביידע יידן. גרויסט זיך אונגאַרן מיט אירע מאָלער — איז עס ווידעראַמאָל לאַסלאָ — דער אונגאַרישער ייד, וואָס שטייט אין שפּיץ.

זיי פאַרשטעלן זיך, זיי בייטן די נעמען. פון „קליין" ווערט „קיש" און פון „גאָלד" ווערט „אַראַני", פון פּאָליאַק ווערט לענדיעל און פון באַמבערגער ווערט וואַמבערי. יעדער האָט אַמאָל אַנדערש געהייסן, אָבער יעדער פון זיי האָט מקריב געווען פאַר דעם „מאַדיאַרנ-טום" זיין נאָמען, זיין פּערזענלעכקייט, זיינע וואָרצלען, אַוועק-געשאָנקען זיך צו אונגאַרן. און די הונען האָבן מיט זייער טאָטערשן שמייכל צוגענומען די מתנות און געענטפערט, ווי די טאָטערשע כאַ-נען אַמאָל, ווען די „גאָלדענע אָרדע" האָט געהערשט איבער גאַנץ מזרח-אייראָפּע: געענטפערט מיט אַ בייטש...

„האַטוואַני לאַיאָש, באַראָן", — אונטערברעכט די שטים פון דעם ריכטער די געדאַנקען פון דעם אָנגעקלאָגטן — „איז דאָס אמת, אַז איר האָט מיט זיבן יאָר צוריק אַטאַקירט אין אַ בוך, אין אַן אַרטיקל, דעם באַשטייענדיקן רעזשים, די רעגירונג פון דעם רעגענט אַדמיראַל האָרטי?"

האַטוואַני שאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, איך האָב אַטאַקירט, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע אונגאַרישע פּאַטריאָטן האָבן עס געטאָן. איך האָב געקעמפט פאַר פרייהייט, פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר די אידעאַלן פון לודוויק קאָשוט און פראַנץ דעאַק, די גרויסע פירער פון אונגאַרנס באַפרייונג. אָבער איך האָב אויך געשריבן אַ בוך, „דאָס פאַרווונדעטע לאַנד", ווו איך האַב אָנגעקלאָגט אייראָפּע פאַר דער עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן בנוגע צו אונגאַרן, פאַר דער גזילה פון די פּראָ-ווינצן, פאַר דער אומגערעכטיקייט פון דעם פרידנס-טראַקטאַט. איך האָב געפאָדערט אַ רעוויזיע פון דעם שלום-אָפּמאַך, גערופן דאָס גע-וויסן פון אייראָפּע גוטצומאַכן דעם פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אונגאַרן".

„יאָ, יאָ, — פאַרוואָס זענט איר צוריקגעקומען פרייוויליק קיין בודאַפּעשט, פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזן ווין און געקומען זיך שטעלן פאַר דעם אונגאַרישן געריכט?"

„פאַרוואָס? איך בין דאָך אַן אונגאַר! געבוירן דאָ, דאָ דער-צויגן, מיין פאָטער אַן אונגאַרישער מאַגנאַט, מיין שפּראַך אונגאַריש,

מיין ערד — די ערד פון די מאַדיאַרן. איך גלויב אין דעם אונגאַרישן פאָלק, אין זיין גערעכטיקייט. אמת, מיינע פריינט, אָסקאַר יאַסי און די אַנדערע עמיגראַנטן האָבן מיך געוואָרנט. אָבער די פאַרטרויונגס-מענער פון גראַף בעטלען, דעם פרעמיער, האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז דאָס אונגאַרישע געריכט וועט זיין צו מיר ווייניקסטנס אַזוי מילד, ווי צו דעם געלט-פעלשער פירשט ווינדישגרעץ, ווי צו די מערדער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען „די דערוואַכנדיקע מאַדיאַרן". איך האָב זיי געגלויבט, די פּאָליטיקער און וואָרטפירער פון מיין פאָטערלאַנד, און איך האָב זיך פאַרבענקט אינדערפרעמד. איך קען נישט לעבן אָן אונגאַרישער לופט. איז דען נישט די אַלטע אונגאַרישע מאָטאָ: „עקסטראַ אונגאַריאַם נאָן עסט וויטאַ, סי עסט וויטאַ, נאָן עסט איטאַ?" — „אויסער אונגאַרן איז גאָר נישטאָ קיין לעבן, און אויב עס איז דאָ אַ לעבן, איז דאָס נישט אַזוי".

דער ריכטער האָט צוגעהערט מיט אַ האַלבן אויער, געשטעלט נאָך אַ פּאָר פראַגן — און דערנאָך אַוועקגעשטעלט די לעצטע, די אַנטשיידענע פראַגע: „האַטוואַני לאַיאָש, באַראָן! איר זאָגט, אַז איר זענט אַן אונגאַר, אַ „מאַדיאַר עמבער" — גוט. אָבער איז דאָס נישט קיין פאַקט, אַז איר זענט — אַ „זשידאָ", אַ ייד?"

דער אָנגעקלאָגטער איז בלייך געוואָרן, נאָך בלייכער ווי ער איז געווען, און האָט אָנגעהייבן צו פּלאָנטערן: „יאָ, געוויס, דאָס הייסט, איך קום פון אַ יידישער פאַמיליע — אָבער וואָס איז דער חילוק? איך האָב גאָרנישט וואָס צו טאָן מיטן יידנטום, און בכלל — אַ ייד איז דאָך אַ מאַדיאַר..."

דער ריכטער האָט אים איבערגעהאַקט: „גענוג, מיט זשידאָס דיסקוטירט מען נישט. איך וויל נישט, אַז אַ „זשידאָ" זאָל מיר דאָ האַלטן רעדעס. און איך גיב מיין אורטייל: זיבן יאָר טורמע מיט שווערער אַרבעט און פינף הונדערט טויזנט דאָלאַר שטראָף. און — עס זאָל לעבן די אונגאַרישע גערעכטיקייט — עליען, עליען!"

די זיצונג האָט זיך געשלאָסן, דער אָנגעקלאָגטער איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין טורמע — און די אונגאַרישע „גערעכטיקייט" האָט טריומפירט.

האָרטי, דער דיקטאַטאָר, שמייכלט צופרידן, גראַף בעטלען רייבט זיך די הענט: דער שטאַט האָט באַקומען אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר יידיש געלט, געפונען געלט.

צ״, זיי שרייען, די אינטעליגענטן אין ווין און בערלין, די איינשטיינס, די הויפטמאַנס, די פראַנצויזן, די האָלענדער, אַז דאָס איז אַ יוסטיץ־מאָרד? ווער האָט ערט עס! ווער הערט היינט פּראָטעסטן? האָט נישט די גאַנצע וועלט פּראָטעסטירט אַקעגן דעם סאַקאָ־וואַנזעטי־פּראָצעס, און אַמעריקע האָט אַלעמען געהערט ווי די קאַץ?

אַ נייער דרייפוס־פּראָצעס? נו, וואָס איז? ווער שרעקט זיך איבער פּאַר ווערטער? די צייטן זענען שוין פאַרגאַנגען, ווען דאָס וואָרט פון זאָלאַ אָדער אַנאַטאָל פראַנס האָט געקענט האָבן אַ ווירקונג.

מענטשן־רעכט, יידישע רעכט? — באַ, פראַזן. מיר לעבן אין אַ וועלט פון „נאַקעט־קולטור”. אָט אַזוי זענען מיר, מאַדיאַרן, ווי מיר זענען: אַנטיסעמיטן, רעכט־צעטרעטער, באַרבאַרן — נו, טוט אונדז עפּעס! זענען מיר עס — און מיר פייפן אויף דער וועלט. וואָס איז— מען וועט אונדז אין ענגלאַנד אָדער אין אַמעריקע נישט געבן קיין הלוואות? מען וועט געבן — פּאַר גוטע גאַראַנטיעס און הויכע פּראָצענטן, אפילו ווען מיר זאָלן אַלע יידן פאַרשפּאַרן אין טורמעס, אָדער אַפילו אויסקוילען — קיין האָר וועט נישט געקרימט ווערן אויף אונדזער קאָפּ.

„ער האָט געהאָפּט, דער נאַרישער זשידאָ, אויף מיין, גראַף בעטלענס, גרויסמוט, — ווער איז אים שולדיק, וואָס ער, דער ייד, האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר ווירקלעכקייט? נו, זאָגט מען דאָך ביי די אַנגלאָ־זאַקסן: „אין ליבע און אין געשעפט איז אַלצדינג דער־לויבט”, בפרט נאָך אין האַס — וואָס איז געשעפט! די אונגאַרישע ליבעראַלע פּרעסע איז אומצופרידן. זי שרייבט, אַז דער פּראָצעס פון האַטוואַני איז אַ „פּראָצעס פון ראַסן־האַס און דערפּרעסונג”. לאָזן זיי שרייבן, די יידישע זשורנאַליסטן, לאָזן זיי בילן, מיר וועלן שוין צו זיי אויך געפינען אַ מיטל. אַ דאַנק דעם הייליקן סטעפאַן, עס זענען נאָך דאָ שופטים אין אונגאַרן!”

בעטלען צעלאַכט זיך איבער זיין לעצטער פראַזע. און דאָס עכאָ קלינגט: עס זענען נאָך דאָ שופטים אין אונגאַרן.

בלויז איינער איז פאַרווונדערט, בלויז איינער איז פאַרוווּנ־דעט: דער יידישער אינטעליגענט האַטוואַני.

און אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן קומט אים אַרויף דער געדאַנק, אַז עס זענען אויך פאַראַן „ליבעס פון דעם, וואָס איז

נישט ווערט געליבט צו ווערן". אין דער טונקעלער קאַמער פון זיין טורמע לייכט אים אויף דער אמת, דער אמת פון אַנטיסטענעס דעם ציניקער: „וואָס איז דאָ זיך אַזוי צו גרויסן מיטן פאָטערלאַנד? די מוראַשקע איז אויך אַן איינגעבוירענע, און דאָס ווערעמל איז אויך באָדנשטענדיק".

דער אלטער יידישער געדאַנק בליצט אויף — אפשר — אין זיין מוח: מען טאָר נישט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן מיט געדאַנקען, מען טאָר נישט, צוליב געפיל, צוליב בענקשאַפט, צוליב פאַרגעניגן—שלום מאַכן מיט אומרעכט, אויסשטרעקן די האַנט דעם תליון. מען טאָר נישט.

און ווייל ער האָט עס פאַרגעסן, צאָלט ער דערפאַר, דער באַראָן און עסטעט, דער מאַדיאַריש-איירָאָפּעישער אינטעליגענט.

און דער טאַטער לאַכט.

דער זעקסטער טויט פון אַן אילוזיע.

איינער פון די מיטגלידער פון דער „הבימה" — דער באַוווּסטער שוישפּילער טשעמערינסקי, האָט מיר נישט לאַנג צוריק — אין אייראָפּע — דערציילט אַ קוריאָזן פאַל. עס איז געוועזן אין שיקאַגאָ — אָדער אין אַן אַנדער אַמעריקאַנישער שטאָט — נאָך אַ פאָרשטעלונג פון דעם „דיבוק". טשעמערינסקי האָט געשפּילט דעם „צדיק" און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דווקא דורך זיין יידישלעכקייט, דורך זיין פּשטות, דורך זיין נאָענטקייט צום מקור. קומט צו אים אויפן צווייטן טאָג אַ ייד, אַ רייכער, אַ „פּרעזידענט" פון אַ שול אָדער אַ קהילה, און מאַכט אים אַזאַ פאָרשלאָג: די „הבימה" זאָל געבן יעדן שבת אָדער זונטיק — איך געדענק שוין נישט אַקוראַט — אַ פאָרשטעלונג אין דער שול. אָבער נישט אַ פאָרשטעלונג פון דער אָדער אַן אַנדער דראַמע, נאָר אַ „רעליגיעזן שפּיל". די אַקטיאָרן זאָלן שפּילן — רעליגיע. און דאָס וועט די שול-יידן פאַרבייטן דעם ביזאַהעריקן צערעמאָניאַל און שאַפן אַ נייעם אינהאַלט פאַר דעם רעליגיעזן לעבן, אָדער, ריכטיקער, אַ נייע פאָרם.

טשעמערינסקי האָט עס מיר דערציילט — ווי אַ קוריאָז, ווי אַ פאַל „וואָס קען פאָרקומען נאָר אין אַמעריקע".

עס איז זיכער זייער קוריאָז. אָבער ווי אין יעדן קאַטאָווס איז דאָ אַ קערנדל אמת, אַזוי האָט יעדער קוריאָז אין זיך אַן עלעמענט פוןווירקלעכקייט און טיפן ערנסט.

אויף אַ מערקווירדיקן אופן — איבער אַמעריקע, איבער גייסטיקער ירידה, איבער די חורבות פון אַלע אַלטע וועלטן — צוריקגעקומען צו די אָנהייבן. איבער דעם רויִן פון קולטור — און דאָס איז דער חותם פון אַמעריקאַנישן יידנטום — צום פּרימיטיוו.

דער ראָד האָט דורכגעמאַכט אַלע זיינע דרייאונגען און אומ־געקערט זיך צוריק צום אויסגאַנג־פּונקט.

פון מאַגיע, פון טאַנץ אַרום אָרון, פון כּוהנים מיט גלעקלעך און לוויים מיט געזאַנגען, איבער די גייסטיקע אַסקעטן, איבער דער סודותדיקער מיסטיק פון דער קבלה, דורך די טריקענישן פון דעם רמב״מישן שכליזם, דורך דער געפיל־רעליגיע פון דעם חסידיזם — אויפסניי צו די גלעקלעך און געזאַנגען, צו קוטאַסן און מילגרוימען פון גאָלד — צו דער אילוזיע.

טעאַטער אויסגעוואַקסן פון רעליגיע — רעליגיע צוריק דורך דעם טעאַטער.

אָבער אילוזיע פון וואָס? מען קען אַלצדינג פאַרשטיין, מען קען אָננעמען אַלערליי פאָרמען, ווייל פאָרם איז אַ צייטיקע זאַך. אָבער ווו איז דער אינהאַלט? מען האָט געקענט פאַרשטיין די אי־לוזיע פון דער רעליגיע — אַמאָל. ווען זיי האָבן געטאַנצט אַרום דעם אָרון, ווען זיי זענען געפאַלן אויף די פּנימער ביי דער „עבודה״, האָבן זיי אויסגעטייטשט גייסטיק, ווערטיק דעם אויסערלעכן אַקט. אָבער היינט? וואָס שטעקט הינטער דער אילוזיע? וואָס איז אַן אי־לוזיע, ווען מען ווייסט — אַז זי איז בלויז אַ שפּיל? און וואָס איז אַ סימבאָל — ווען עס פעלט דער זין פון אים?

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם פאַל, וואָס טשעמערינסקי האָט מיר דערציילט — ליינענדיק דאָס קליינע ביכעלע, וואָס דער אַלטער חכם פון אייראָפּע, פּראָפ. זיגמונד פרויד, דער שאַפער פון דעם פּסיכאָ־אַנאַליז, האָט אָנגעשריבן, אַ ביכעלע פון ניינציק זייטלעך וועגן „דעם צוקונפט פון אַן אילוזיע״. די אילוזיע — ד. ה. די רע־ליגיע. איך גלויב, אַז פרויד איז איינער פון די קליגסטע מענטשן, וואָס אונדזער צייט פאַרמאָגט, איינער פון די גרעסטע חכמים פון אַלע צייטן.

חכם — נישט בלויז געלערנטער, נישט בלויז פאָרשער און אַנט־דעקער פון אַ נייער וויסנשאַפט — נאָר אויך אַ חכם אין דעם טיפסטן זין פון דעם וואָרט: אַ מענטש, וואָס קוקט דורך דעם שלייער פון דעם לעבן, דעם נעפּל פון ווערטער, אַ מענטש, „וואָס האָט זיינע אויגן אין קאָפּ״.

דער גאַנצער פּסיכאָ־אַנאַליז שטאַמט דערפון. פּסיכאָלאָגן און פּסיכיאַטערס האָבן זיך געאַמפּערט: וואָס איז דאָס די „נשמה״ און

דאָס „נשמה־לעבן", געשטעלט גרענעץ־שטיינער צווישן פּסיכיק און פיזישן לעבן, געשאַפן „געזעצן", און מיר זענען נישט געקומען זייער ווייט מיט אַלע סיסטעמען און פאָרמולעס. די סיבה איז געווען: די פּסיכאָלאָגן האָבן אָפּעריִרט מיט ווערטער און באַגריפן, וואָס זענען אליין געווען אַ פּראָבלעם. זיי האָבן געמאַכט צוואַנגען — מיט אַ פּאַרטיקן צוואַנג.

געקומען פרויד און געזאָגט: אַזוי וועט מען צו גאָרנישט דערגיין. פריער פון אַלעמען מוז מען אָפּרוימען די פּאַרטיקע ווערטער און באַגריפן: ער איז געגאַנגען דעם וועג פון דעם מאָדערנעם היסטאָריקער. וואָס פאַר אַ צוועק האָט עס צו חקירהן זיך איבער דעם „זין פון דער געשיכטע", איבער אירע צוזאַמענהאַנגען און אַנטוויקלונג, ווען מיר קענען זי גאָרנישט? אַ פילאָזאָפיע שאַפן איז גרינג. מען שטעלט אויף אַ הנחה — און מען טראָגט אַריין אין איר, אונטער איר, אַלע מעגלעכע פאַקטן; און אויב זיי לאָזן זיך נישט אַריינשפּאַרן, „איז דאָס ערגער פאַר די פאַקטן", ווי אַ באַוווּסטער פילאָזאָף האָט זיך אויסגעדריקט. דער הייַנטיקער היסטאָריקער אײַלט זיך נישט. לכתחילה מוז מען געפינען פאַקטן, זאַמלען מאַטעריאַל, גראָבן, פאָרשן, און ערשט דערנאָך קען מען -- רעקאָנסטרויִרן.

פרויד האָט איבערגענומען די מעטאָדע פון „גראָבן", — פון אויפדעקן די געשיכטע פון אַ מענטשן — ביז צום לעצטן, ביז צום אָנהייב. דער מענטש און זיין „נשמה־לעבן" הייבט זיך אָן נאָך אין דער מוטערס בויך. דאָרט ווערן אַנטוויקלט די ערשטע מאָטיוון, דאָרט הייבט זיך אָן די „מענטשלעכקייט". דאָס איבעריקע איז אַן אַנטוויקלונג אָדער — אַ שטערונג פון דער אַנטוויקלונג.

און פרויד האָט אין זיין גאַנצער לאַנגער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט געהאַלטן אין איין אויפדעקן — און צעשטערן אילוזיעס. ער און זיינע תּלמידים. ער — קליגער ווי דער רוב פון זיינע נאָכפאָלגער, זיי שטורמישער -- און איבערפליכלעכער.

ער האָט שוין איינמאָל באַרירט — אין זיין בוך „טאָטעם און טאַבו" — דעם עצם רעליגיע און געמיט זיך צו פאַרשטיין אים „פּסיכאָאַנאַליטיש".

אָבער דער ענין פון דעם באַקאַנטן ווערק — דער גלויבן פון פרימיטיווע פעלקער — איז געווען צו וויסנשאַפטלעך, צו טעאָרעטיש, כדי צו פאַראינטערעסירן די ווייטערע קרייזן פון דער געזעלשאַפט,

און ווייניקער פון אַלע די, וואָס האָבן אַ באַציוּנג צום רעליגיעזן פּראָבלעם. וואָרים אַזאַ טבע האָבן שוין מענטשן — זיי זענען זייער צעפרידן, ווען מען קריטיקירט אַנדערע, און טרייבן פון זיך אַוועק דעם מינדסטן חשד, אַז דאָס מיינט מען זיי. די גענעראַלן און באַאַמטע אין פּעטערבורג האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן, ווען זיי האָבן געזעען אויף דער בינע גאָגאָלס „רעוויזאָר" — און האָבן גאָר נישט געוווּסט, אַז דאָס לאַכן זיי איבער זיך אַליין. דער קריסטלעכער טעאָלאָג איז מסכים, ווען מען קריטיקירט אויפן שאַרפסטן אופן דעם איסלאַם אָדער דעם בודיזם. און דער יידישער טעאָלאָג שמייכלט, ווען ער לייענט די שאַרפע קריטיק פון רענאַן אָדער שטראַוס, זייער „פאַרניכטונג פון דעם קריסטנטום". און קיינער פון זיי האַלט עס נישט פאַר מעגלעך, אַז עס זאָל דערגיין אַמאָל אויך צו זיי. „איך — פאַרוואָס זאָל מען מיך קריטיקירן? איך בין דאָך גערעכט!"

אָבער פאַלט די האַק פון דעם אַנאַליז, פון דער אומבאַרחמנותדיקער קריטיק אויך אויף זיי — שרייען זיי געוואַלד, זענען זיי אויסער זיך פאַר כעס.

מיט וואָס פאַר אַ רוגזה האָבן זיך געוואָרפן די טעאָלאָגן פון אַלע ריכטונגען אויף פּראָפעסאָר פרויד פאַר זיין קליין ביכעלע! פּראָטעסטאַנטישע, קאַטוילישע גלחים האָבן געקריצט מיט די ציין, פּסיכאָאַנאַליטיקער מיט רעליגיעזע נטיות האָבן „באַדויערט" די „פעלער" פון זייער לערער, און אַפילו רביים האָבן אָנגעגורט די שוואַכע לענדן און אַרויסגעגאַנגען אין דער „הייליקער מלחמה" אַנטקעגן דעם אַפּיקורוס פון ווין. עס איז באמת געווען אַ וווּנדערבאַרע קאָמעדיע, ווי די אַלע „גייסטלעכע הערן" האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף פרוידן, דערקלערט, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין „טעאָלאָגיע", געגעבן אים עצות „צו בלייבן ביי זיין פאַך" און נישט אַרויסווייזן קיין עםהארצות א. אַז וו.

גלייך ווי זיי וואָלטן עס אַזוי געגנוי, אַזוי צוויי-מאָל-צווייעדיק געוווּסט דעם גאַנצן אמת איבער רעליגיע, גלייך ווי ווען גאָט קען נאָר רעדן דער, וואָס האָט געענדיקט אַ סעמינאַר, האָט אַ גוטבאַצאָלטע שטעלע און דרשנט יעדע וואָך — פאַר געלט — איבער „ליבע צום מענטשן" איבער „גאָטס גנאָד" א. אַז. וו.

אויך אַן אילוזיע, שמייכלט זיכער דער אַלטער פרויד: די הייליקע פון באַרוף!

און וואָס האָט דען פרויד אייגנטלעך געזאָגט? נישט מער ווי שפינאָזאַ פאַר אים, ווי אַ סך און אַ סך דענקער און קריטיקער אין די פריערדיקע יאָרן. מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס ער האָט עס געזאָגט אָן פראַזן, אַזוי פשוט ווי מעגלעך, אָן טערמינאָלאָגיע, וואָס פאַרטונקלט, אָן חניפה צו וואָס פאַר אַ צד עס זאָל נישט זיין. שפינאָזאַ האָט זיך דאָך אָפּגעשטעלט ביי אַ געוויסער גרענעץ. ער האָט געלייקנט דעם יידנטום — אָבער דעם קריסטנטום האָט ער גע־מאַכט קאָמפּלימענטן, אויב נישט קיין הנחות. און אַפילו ווען ער האָט אין עיקר געלייקנט דעם רעליגיעזן באַגריף פון „גאָט" — דאָס וואָרט איז ביי אים געבליבן.

וואָלטער האָט אַטאַקירט יידנטום און קריסטנטום — אָבער ער האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס ער איז אַ „דעיסט", ד. ה. ער האָט געמיינט צו האָבן די „אמונה טהורה", דעם ריינעם גלויבן. אַזוי אָדער אַזוי — דער ענין גלויבן איז געבליבן אומבאַרירט.

פרויד גייט אָבער צו נענטער צו דער פראַגע. ער לייגט צו די האַק צום וואָרצל און פרעגט: וואָס איז גלויבן? און ענטפערט: אַן אילוזיע.

„דער וויסנשאַפטלעכער גייסט", זאָגט פרויד, „שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווייל פאַר רעליגיעזע פּראָבלעמען. ער קווענקלט זיך. אָבער סוף כל סוף טרעט ער אויך דאָ אַריבער די שוועל. אין דעמדאָזיקן פּראָצעס איז נישטאָ קיין אָפּשטעל. וואָס מענטשן ווייסן מער — אַלץ מער באַפרייען זיי זיך פון דעם רעליגיעזן גלויבן. צוערשט פון די פאַרעלטערטע, שאָקירנדיקע פאַרקליידונגען—דערנאָך אָבער אויך פון זיינע יסודותדיקע הנחות".

און ער אַנאַליזירט — אין אַלגעמיינע שטריכן — די אונדז גע־נוג באַקאַנטע פאָרמען און אידעען פון רעליגיעזער איינשטעלונג, ווייזט זייער שורש, ווי זיי זענען געוואָרן און ווי — און פאַרוואָס—זיי זענען געוואָרן אויס, — אַן אילוזיע, וואָס איז געווען אַמאָל נייטיק — אַלס אַ שוץ פון דער קולטור, פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און האָט זיך צוביסלעכווייז פאַרלוירן. און ער פרעגט די „געביל־דעטע": פאַרוואָס האַלט איר זיך אָן דער אילוזיע? איר גלויבט נישט. איר ווייסט, אַז דאָס איז נישט מער, ווי איינע פון די קולטור־פאַר־מעגן, וואָס זענען אַמאָל געווען נייטיק און היינט אומרעאַל. אָבער איר האָט מורא. פאַלט די אילוזיע פון רעליגיע — פאַלט מיט איר די

גאַנצע קולטור־וועלט — צעגיסן זיך מענטשן־כוואַליעס און צעברעכן די גאַנצע געזעלשאַפט. „איך",—זאָגט פרויד, — „איך בין פריי פון דער־דאָזיקער קנעכטשאַפט". ער האָט נישט קיין מורא, ער גלויבט אין דער קולטור, ער גלויבט אין דעם כוח פון דעם אינטעלעקט — ער גלויבט אין דער שעפערישער קראַפט פון דעם אמת.

ער פּרעדיקט נישט דעיִזם אָדער אַן אַנדער „ריינעם גלויבן", ער פּרעדיקט נישט קיין אומגלויבן, קיין אַטעיִזם. ער קאָנסטאַטירט בלויז פאַקטן, און פאָדערט פון דעם היינטיקן מענטשן אויפריכטיקייט צו זיך אַליין, און זאָל זיין, וואָס וועט זיין. און — עס וועט גאָרנישט זיין ערגער — ווייל עס איז דערוויילע אויסגעוואקסן אַ נייע מאַכט: די וויסנשאַפט.

* * *

דער חכם האָט געזאָגט דעם אמת. אומאנגענעם ווי עס זאָל נישט זיין פאַר די פּראָפעסיאָנאַלן פון דער רעליגיע — דאָס איז אַ פאַקט: דער גלויבן פון היינט איז קיין גלויבן נישט, ער איז שוין נישט מער ווי אַן אילוזיע, וואָס ווערט אַלץ מער און מער געפילט אַלס אַזעלכע—אַלץ ווייניקער און ווייניקער נאַרט מען זיך אָפּ. מענטשן האָבן אויפגעהערט צו גלויבן, און דערפאַר מוזן די גלחים און די רביים אָנקומען צו די אויסטערלישסטע מיטלען, כדי אויפצוהאַלטן זייערע אינסטיטוציעס. טאַנץ, שפּיל, פּאַראַד, ווערטער פאַרפוצנדיקע, געדאַנקען צונויפגעטראָגן פון דער גאַנצער וועלט, — און אין גרונט: אומאויפריכטיקייט.

די בענקשאַפט נאָך דעם וואָס האָט קיין סוף נישט, דער מיסטישער געפיל פון „צוזאַמען" מיט דער גאַנצער וועלט, דאָס „איך בין דו", דער „שותּף־געפיל" — דאָס האָט שוין נישט מער צו טאָן מיט די היסטאָרישע רעליגיעס. און ווייניקער ווי אַלץ — מיט דער

„געזעלשאַפטלעכער ירושה”, ווי געוויסע מאָדערנע טעאָלאָגן — קריסטלעכע צוערשט און דערנאָך נאָכטועריש, נאָכהינקענדיק, אויך אַמעריקאַניש־יידישע — ווילן אונדז איינרעדן. דאָס איז אַלץ די אומפעיקייט — די פסיכישע מורא — פון דעם האָן אַרויסצוגיין פון זיין ווייסן, „מאַגישן” מיט קרייד געמאַכטן קרייז. נישט מער. און פאַרלירט דער האָן די מורא — פאַרשווינדט אויך דער קרייז, איז ער נישט מער מאַגיש, איז ער בלויז נאָך קרייד.

און פאַרט! אָבער אָט דער מיסטישער געפיל פון אייביקע צוזאַמענהאַנגען — פון דורות און דורות, פון „איך און דו” — ווי וועט ער זיך, ווי זאָל ער זיך אויסדריקן? בלויז אין דער וויסנשאַפט, נאָר אין דעם שכל? דער שכל איז דאָך אַזוי קאָמפּליצירט. דאָס, וואָס מיר רופן „אינטעלעקט”, איז בלויז אַ פאַסאַדן־באַלייכטונג. און הינטער דעם פאַסאַד?

געוויס, רעליגיע איז בלויז אַ ירושה. געוויס, שכל איז דער פּילער, שכל דער דענקענדיקער, דער פאַרשנדיקער, דער „באַוועגנדיקער”, ווי אַריסטאָטעל וואָלט געזאָגט. אָבער פריער אָדער שפּעטער — און געוויינלעך זייער גיך — קומען מיר אין אונדזער פאָרשן און וויסן צו אַ טויבער וואַנט. ווייטער גייט עס נישט. מיר קאָנען נישט עפענען — זיך אַליין.

און מיר ווייזט זיך אויס, דאָס לעצטע וואָרט איבער דעם רעליגיעזן לעבן איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן. טשעסטערטאָן — דער שאַרפער און וויציקער קריטיקער פון אַלץ, וואָס איז „קלאָר” — האָט אין זיין לעצטן ווערק „דער אייביקער מענטש” געזאָגט אַ קלוג וואָרט: פינף מאָל איז שוין דער גלויבן געשטאָרבן — און „ער שטייט נאָך היינט אין אונדזער וועג — ער וואַקסט גאָר”. און ער גיט אַן עצה: נישט וואַרטן אויף דעם טויט פון דעם גלויבן, האַלטן מלחמה מיט אים, וואַרטן אויף זיינע פעלערן און שטרויכלונגען — אָבער נישט אויף זיין טויט. ד. ה. — נעמען אים פאַר אַ פאַקט — ווי די שטערן, ווי די ערד, ווי דאָס לעבן.

און אפשר איז ער גערעכט. אונדז אַרט נישט דער שטערן. מיר נעמען אים אָן, מיר אַקצעפּטירן די וועלט, ווי זי איז — אַפילו מיט אירע אילוזיעס.

אָבער איז נישט טאַקע אַזאַ „אָננעמען״ — נישט דער טויט פֿון דער אילוזיע? איר זעקסטער טויט?

אַן אילוזיע, וואָס ברענגט נישט קיין ענטפֿער און נישט קיין באַפֿרידיקונג, און נישט דאָס, וואָס מענטשן זוכן אַזוי ליידנשאַפֿטלעך — נישט ווי סנדיק וואָס עס איז — דעם „גליק״ — וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַזאַ אילוזיע?

און די פֿראַגע בלייבט נאָך אַלץ אָפֿן.

מאַקס ריינהאַרדט און זיין כישוף.

פינף און צוואנציק יאָר נאָכאַנאַנד אַ כישופמאַכער. ווילאַנג נאָך? פינף און צוואנציק יאָר פון זינט מאַקס ריינהאַרדט האָט אָנגעהייבן זיין גרויסאַרטיקע קאַריערע אין דעם בערלינער „קליינעם טעאַטער"— אַ קאַריערע פון וואונדערבאַרע עפעקטן, פון גלאַנץ, פון טעאַטער־באַ־ גייונג. און אַלץ נאָך?

אָדער אפשר שוין נישט מער?

כ'ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס איז, אָבער עס ווייזט אויס, אַז אַמעריקע איז געוואָרן אַ מין שטיינאָך־ אָדער וואָראָנאָוו־לאַבאָראַטאָריע. מען ווערט אַלט אין אייראָפע און מען קומט זיך יונג־מאַכן אין אַמע־ ריקע, אַזוי ווי מען פאָרט קיין מאַריענבאַד ווערן דינער. די לופט פון אַמעריקע האָט, הפנים, אַזאַ שם, אַ קוראָרט פאַר יונג־ווערן.

מעגלעך. אפשר ווען די אַלט־געוואָרענע קומען צוריק קיין איי־ ראָפע, דערקענט מען זיי דאָרט נישט — זיי זענען אַוועקגעפאָרן באָ־ בעס און קערן זיך אום יונגע מיידעלעך. אוועקגעלאָזט זיך זיידעס און געקומען צוריק, ווי אין דעם באַוווסטן אַנעקדאָט — מינדעריעריק, וואָס זענען אַפילו פטור פון צאָלן חובות.

און דאָס איז, אין עצם, דער מאָטיוו, פאַרוואָס די אַלע על־ טערע, רום־געקרוינטע, שוין היסטאָריש־געוואָרענע קינסטלער, לאָזן זיך אַוועק אויף די עלטערע יאָרן איבער דעם ים און שפילן פאַר אַ פרעמדן, נישט צו זייער סביבה צוגעפאַסטן עולם. זיי מוזן צאָלן קינסטלערישע חובות און קענען נישט. זיי האָפן, אַז אַמעריקע וועט זיי געבן די מעגלעכקייט — אָדער צו באַצאָלן די חובות אָדער צו ווערן מינדעריעריק. און צומייסט געראָט זיי קיינס נישט. זיי קומען

צו פאָרן מיט פויקן און טרומייטן, און פאָרן צוריק שטיל און מיט אַ ביטערן מויל.

אַזוי איז דאָס געווען מיט דעם „מאָסקווער קינסטלער-טעאַטער"— געקומען זיך פאַריונגערן און פאַרגרינגערן, און אַוועקגעפאָרן נאָך על-טער און מיט אַ שווערן האַרצן.

און אַזוי, האָב איך מורא, וועט עס זיין מיט מאַקס ריינהאַרדט.

אויב עמעצער, איז עס ריינהאַרדט, וואָס נייטיקט זיך באמת אין אַ קוואַל פון יוגנט. ער נאָכנישט אַלט — העכסטנס אין די פופ-ציקער — און זיין קונסט איז נאָך אויך נישט אַלט — אינגאַנצן פינף און צוואַנציק יאָר — אָבער ער האָט שוין דערגרייכט אַ מדרגה, ווו עס איז נישטאָ ווייטער וווהין צו גיין. עפּעס איז געשען מיט ריינ-האַרדטן: אויסגעוועפּט? איך ווייס נישט. איך האָב נישט דעם מוט אַרויסצוטראָגן אַזאַ אורטייל איבער דעם שטאַרקן און פולבלוטיקן קינסטלער. עס וואָלט געווען אומגערעכט, עס וואָלט געווען אויך נישט ריכטיק. אַ קינסטלער האָט אָפּט אין זיין לעבן פעריאָדן פון מידקייט, פון צייטווייליקער אויסשעפּונג. אָט ווייזט זיך אויס, אַז ער איז שוין „פאַרטיק", אַראָפּ פון דעם מאַרק, און פּלוצלונג צעפלאַקערט ער זיך אויפסניי און ווידעראַמאָל שטראַלט אויף זיין ליכט — נאָך שענער, נאָך רייכקאָלירנדיקער ווי פריער.

און עס וואָלט מיך באמת נישט פאַרוווּנדערט, ווען ריינהאַרדט וואָלט זיך פּלוצלונג באַפרייט פון דער גאַנצער מידקייט, וואָס איז איבער אים געקומען, פון דער גאַנצער קינסטלערישער גלייכגילטי-קייט, וואָס איז היינט זיין מאָטיוו, און וואָלט ווידער געוואָרן דער ריינהאַרדט פון אַמאָל.

פון אַמאָל? דער אייגענער ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק? ניין, דאָס וואָלט איך נישט געוואָלט זען, ווייל דער ריינ-האַרדט פון 1903, דער ריינהאַרדט פון דעם „קליינעם טעאַטער" און פון דעם „נייעם טעאַטער", איז היינט שוין היסטאָריע, האָט שוין נישט מער דעם זין און דעם מיין פון דעמאָלט.

ווייל דאָס לעבן דרייט זיך אין אַ ראָד און קומט צוריק, צו-ריק. מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריער איז ריינהאַרדט געווען דער באַנייער פון דער בינע. ווייל ער איז געקומען — אַ שוישפּילער, אַ מענטש מיט אַ פרישן, פאַרבן-פאַרטיפורטן, קאָליר- און באַוועגונג-דאָרשטיקן אויג צו דעם דייטשן, צו דעם אייראָפּעיִשן טעאַטער.

געקומען צו אַ טעאַטער פון טויט־ערנסט, פון טעאָריעס — אַ טעאַטער, וואָס איז געווען כמעט אַ טריבונע, אָדער אַן אוניווערזיטעט — און אים גערופן צום לעבן.

בראַם, שלענטער, די פירער, די לערער פון דער דיזער בינע, זענען געווען שריפטשטעלער. נישט קיין קינסטלער, נאָר קריטיקער; נישט קיין אויג־מענטשן, נאָר מוח־מענטשן; אין בעסטן פאַל — אויער־מענטשן. פאַר זיי האָט טעאַטער באַטייט — „די ברעטער, וואָס זענען די וועלט"; אַ שפּיגל פון דער געזעלשאַפט, אַ סימבאָל פון דער קולטור, א. אַז. וו. איבסען־טעאַטער, העבעל־טעאַטער, פּראָבלעמען, געדאַנקען, אינהאַלט.

איז געקומען דער אַקטיאָר ריינהאַרדט מיט אַ געניאַלן אויג פאַר פאַרבן, אַן אויג פון אַ מאַלער, פון אַ גרויסן דעקאָראַטאָר — איך וואָלט געזאָגט, אַן אויג פון אַ רובענס אָדער אַ טיציאַן — און האָט אַריינגעוואָרפן אין דער טעאַטער־וועלט אַ לאָזונג: טעאַטער איז געשאַפן צו זען; דאָס אויג איז דער הויפּט־פאַקטאָר, און דערפאַר איז דאָס מאַלערישע דער עיקר. און ווייטער האָט ער געזאָגט: טעאַטער איז אַ שפּיל, מענטשן שפּילן, און דאָס מיינט: יעדע באַוועגונג זייערע מוז זיין שפּיל, ריטם, גראַציע, פאַנטאַזיע.

און דאָס, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, האָט ער אויך דורכגעפירט.

ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך איבסענס אָדער העבעלס דראַמען, נאָך פּראָבלעמען, נאָך רעאַליזם. ער האָט געוואָלט פאַנטאַסטיק, און זיין ליבלינג איז געוואָרן שעקספּיר. און דווקא דער נישט ערנסטער, נישט פּראָבלעמאַטישער שעקספּיר, נישט האַמלעט און נישט אָטעלאָ אָדער ליר, נאָר שעקספּירס שפּילערייען, פאַנטאַזיעס, אָט דאָס, וואָס די „ערנסטערע" טעאַטער־מענטשן פאַר אים האָבן פאַרזען, אָדער נישט געוואָלט אָנערקענען. איינע פון די ערשטע זאַכן, וואָס ריינהאַרדט האָט געשפּילט — און איינער פון זיינע גרעסטע דערפאָלגן — איז געווען (דעם ערשטן דעצעמבער, 1905 אינעם „נייעם טעאַטער" אין בערלין) — „דער חלום אין אַ מיטן זומערנאַכט", שעקספּירס לירישע פאַנטאַזיע, האַלב־גראָטעסק און האַלב־ליריק.

אַ כישוף־שטיק, פון אַ כישוף־פּאָעט, אויפגעפירט פון אַ דירעקטאָר, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז יעדע קונסט איז — מאַגיק, כישוף, און אַז די קונסט פון טעאַטער איז — פאַרכישופן דעם צושויער, שאַפן פאַר אים אַן אילוזיע.

וואָס פאַר אַן אָוונט דאָס איז געווען! זעלטן האָט אַ טעאַטער געזעען אַזאַ רייכקייט פון פאַרבן, אַזאַ פאַנטאַזיע-פרישקייט, אַזאַ גרינגקייט, גראַציע און טאַנצנדיקייט, ווי אין יענעם שפּיל. וווּנדערבאַרע ליכט-עפעקטן, אַ ראַפינירטע אינסצענירונג, און דערצו הומאָר און יוגנט. יונג איז געווען אַלעקסאַנדער מאָיסי, דער טריעסטער איטאַליענער, וואָס האָט זיך געגרייט פאַר אַ זינגער און איז געפאַנגען געוואָרן פון ריינהאַרדטן. ער האָט נאָך נישט געקענט רעדן קיין דייטש, זיין אויסשפּראַך איז געווען אויסטעריליש, זיינע באַוועגונגען — געבונדענע, אומבאַהאָלפענע, אָבער מען האָט געהערט זיין פידל-טאָן, און געבליבן פאַרגאַפט.

עס האָט געשפּילט אַרנאָלד, עס האָט געשפּילט די אייזאָלדט (דאָס פאַנטאַסטישע באַשעפעניש פּאָק, אַ מין וואַלד-שרייטעלע, וואָס האַלט אין איין שטיפן און איראָניזירן איבער דער וועלט), עס האָט געשפּילט וואַסמאַן, אַן אַנדער גרויסער, גאָר גרויסער שוישפּילער, יונג, פריש, לעבנסלוסטיק, שפּיללוסטיק.

אַ כישוף האָט אַנטקעגנגעווייט פון דער בינע, און דער עולם האָט זיך געלאָזט פאַרכישופן.

און אַזוי איז דאָס געגאַנגען ווייטער — יאָרן נאָכאַנאַנד.

ביז דער כישופמאַכער איז מיד געוואָרן פון זיינע אייגענע קונצן, ער האָט אַליין אָנגעוואָרן דעם גלויבן — און דער ספק אין זיך איז איבערגעגאַנגען אויף די צושויער.

מחמת איר ווייסט דאָך, מען קען נישט מאַכן קיין פאָקוסן, מען קען נישט זיין קיין „כישופמאַכער", ווען מען גלויבט נישט אַליין — כאָטש אַ ביסל — אין דער מאַגיק. לייענט הודיניס שריפטן. אמת, ער דערקלערט אייך גאַנץ גענוי, ווי אַזוי ער פלעגט מאַכן זיינע „כישופן". ער מאַכט חוזק פון דער נאַיִוויטעט פון די צוקוקער; ער באַווייזט אייך „וויסנשאַפטלעך", ווי נאַטירלעך דאָס אַלץ איז, וואָס ווייזט זיך אונדז אויס איבערנאַטירלעך; אָבער פונדעסטוועגן — איר פילט עס. הודיני זאָגט נישט אויס דעם לעצטן אמת. ער וויל זיך נישט מודה זיין, אַז ער אַליין איז אויך נישט זיכער, צי דאָס איז טאַקע אַלצדינג אַזוי „נאַטירלעך", אַז ער אַליין גלויבט נאָך אויך אין כישוף. און ווען הודיני האָט אויפגעהערט צו גלויבן, האָט זיין קראַפט זיך פון אים אָפּגעטאָן.

זי האָט זיך אָפּגעטאָן פון ריינהאַרדטן אויך. ער ווייסט, ער

פֿילט, אַז עס איז שוין נישט מער גענוג צו זיין „מאלעריש". ער ווייסט, ער פֿילט, אַז די היינטיקע צייט פֿאַרלאַנגט אַ נייעם ריטם, אַ נייעם שפּיל. ער קוקט זיך אַרום אויף זיין מאַגישן קלאַפּערגע־צייג — די לייוונטן, די ליכט־פּראָזשעקטאָרן, די דעקאָראַציעס — און איז אומצופֿרידן מיט זיך און האָט נישט גענוג גייסטיקע ענערגיע זיך צו באַפֿרייען פֿון זיין אייגענער טראַדיציע און שאַפֿן אַ נייע.

ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט ווייטער דעם אַלטן וועג. און ווערט ער שוין צו אַלט, פֿאָרט ער קיין אַמעריקע, אין דעם לאַנד פֿון „ביי".

און עס העלפֿט נישט.

אָט איז דער אייגענער „חלום אין אַ מיטן זומערנאַכט" (גע־שפּילט אין דעם סענטשורי טעאַטער), דאַכט זיך, אַלצדינג, ווי מיט צוועלף אָדער צוואַנציק יאָר צוריק: די אייגענע דעקאָראַציעס, נישט אַזוי רייך, ווי אין בערלין, נישט אַזוי פֿריש און פֿאַנטאַסטיש, אָבער פֿאָרט נאָך שיין, פֿאַרביק, פֿאַרנעם און סטילפֿול. דער אייגענער מאָיִסי, היינט שוין נישט מער קיין יונגער איטאַליענער, נאָר אַ מיטל־יעריקער וועלטבאַרימטער דייטשער שוישפּילער, מיט דער באַצויבערנ־דיקער שטים.

אַלצדינג דאָס אייגענע, און דאָך נישט דאָס אייגענע: עס פֿעלט יוגנט און פֿרישקייט, און גלויבן.

און דאָס נישט בלויז דערפֿאַר, ווייל די טרופּע פֿון ריינהאַרדטן, אָט די, וואָס איז מיט אים אין ניו־יאָרק, איז נישט די בעסטע; אַז זי איז צונויפֿגעשטעלט, אַז די קינסטלער, אויסער מאָיִסין, זענען נישט קיין ערשטקלאַסיקע.

געוויס, דאָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע. וולאַדימיר סאָקאָלאָוו, אַלס „פּאָק", גיט נישט קיין אילוזיע, און די באַרימטע גראָטעסקע „פּיראַמוס און טיסבע", וואָס איז אַ טייל — און אפֿשר דער וויכטיק־סטער — פֿון דעם גאַנצן שטיק, ווערט נישט געשפּילט מיט דעם הומאָר, מיט דער פֿרייעכקייט, ווי מען האָט זי אַמאָל געשפּילט ביי ריינהאַרדטן.

אַפֿילו מאָיִסי איז נישט דער אייגענער. ער „זאָגט" נאָך אַלץ זייער שיין, זינגט אונטער, אָבער עס איז קאַלט, עס איז נישט מער ווי אַ „ראָלע" פֿון אַ געניטן אַקטיאָר, נישט קיין שאַפֿונג פֿון אַ פּאָעט.

געוויס, דאָס אַלץ האָט זייער פיל צו זאָגן. אָבער אַפילו ווען די אַקטיאָרן וואָלטן געשפּילט בעסער, לעבעדיקער, פרייליכער, אַפילו דעמאָלט וואָלט דער איינדרוק געבליבן דער אייגענער: כּישוף, וואָס האָט פאַרלוירן זיין מאַגישע קראַפט. אַן אַלטער ריטואַל, וואָס האָט נישט הינטער זיך דעם נאַיוון באַגייסטערטן גלויבן.

און אפשר איז די טרופּע אַזוי־ווי זי איז, ווייל ריינהאַרדט איז געוואָרן, וואָס ער איז! טעאַטער איז אַ זייער אידעאַלער אינסטרו-מענט. ווערט דער טעמפּאָ פונעם שפּילער שוואַכער, ווערט זיין האַנט מידער, קלינגט אויך דער אינסטרומענט מאַטער. מען נעמט אַרויס פון אַן אינסטרומענט נישט מער, ווי מען לייגט אַריין.

און דאָך, ערטערווייז בליצט די אַלטע קונסט אויף און עס ווערט אַזוי פריילעך, אַזוי גוט ערטערווייז, ווען טיטאַניאַ שפּילט (פרוי לילי דאַרוואַס), אָדער הערמיאַ, די יונגע פרוי סאָלוועג, אין אַ פּאָר שטעלן דער זייער קאָמישער, זייער טאַלאַנטפולער הער מאַט-ראַי — און מאָיִסי, אין דער סצענע, ווען דאָס שפּיל האַלט שוין ביים סוף און דער „קעניג פון דעם פייען־לאַנד” שליסט אָפּ דעם חלום, ווייל עס ווערט טאָג.

דער אַלטער פידל גיט דעם גוט־באַקאַנטן כּישוף־טאָן, און ווי-דער פאַרכאַפּט ער — אויף אַ קורצער ווײַלע.

מאַקס ריינהאַרדט האַלט ביי אַ קריזיס. עס איז קלאָר — ער איז באַפרייט פון זיין אייגענעם כּישוף און וויל, אַז מיר זאָלן אין אים נאָך גלויבן. און דאָס איז שווער. ער מוז געפינען אַ וועג צו זיך אַליין — אויפסניי זיך פאַרכּישופן. פאַרגלויבטע, פאַרגלוסטע וועט ער שוין געפינען. אפשר וועט דאָס זיין די לערע פון אַמעריקע.